STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03209

IN SHOTN FUN KREMLIN

Bernard A. Poupko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין שאָטן פון קרעמלין

„כי תעבר במים אתך אני ובנהרות לא ישטפוך כי תלך
במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך"

(ישעיה מג:ב)

אין שאָטן פון קרעמלין

דריי באַזוכן אין סאָוועט־רוסלאַנד

פון

ברוך אהרן פּאָפּקאַ

פערלאַג „איינִיקייט" ניו־יאָרק

1968 תשכ"ח

אינהאַלט

פאָרוואָרט . . . . ד. ל. מעקלער 9
הרב דר. ברוך אהרן פופקא און זיינע באַזוכן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

הקדמה 11

ערשטער באַזוך

אַ באַזוך ביים מאָסקווער רב ביי אַ הזכרה נאָך געטאָ־העלדן . 15
מיין רייזע אין אַן עראָפּלאַן פון פּאַריז קיין סאָוועט־רוסלאַנד. / אַנשטאָט אין מאָסקווע לאַנדעט דער עראָפּלאַן אין קיעוו. / באַגעגענישן און געשפּרעכן.

אַ שבת ביים מאָסקווער רב אין דער צענטראַלער שול פון שטאָט 20
ביי דער הזכרה פאַר די קדושים פון וואַרשעווער געטאָ. / אַ „מי שברך" פאַר דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע.

ווי מען רעדט זיך צוזאַמען מיט די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד . 23
מען פּרוּווט זיך פאַרשטיין אויפן וואונק און דורך אַריינוואַרפן אַ מיינונגספּולע באַמערקונג. / מיט אידן אין דער לענינגראַדער שול.

וואָס רעליגיעזע רוסן מעגן און וואָס אידן טאָרן נישט 27
אידן וואַרטן אין דער ריי צו לייגן תפילין. / אַלע אונטערדריקונגען האָבן אָבער ניט געקענט אָפּווישן אידן און אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

סאָוועט־רוסלאַנד דורך אידישע און ניט־אידישע אויגן 30
אַ געשפּרעך מיט אַן אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד. / רוסישע אידן, וואָס זיינען עולה קיין מדינת ישראל.

סאָוועטישע ביכער קעגן דער אידישער רעליגיע 35
וואָס די דאָזיקע ביכער שטעלן מיט זיך פאָר. / זייער אַנטיסעמיטישער כאַראַקטער.

באַגעגעניש מיט אידישע פּליטים אין רוים 40
אידן אין דער איצטיקער רוים אין ליכט פון דער אַמאָליקער רוים. / רוים און ירושלים לויט אַ נייעם נוסח.

צווייטער באַזוך

ביטערער גורל פון פרומע אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד 47
אַלע פריווילעגיעס ווערן געגעבן פאַר דער פּראַוואָסלאַווער קירכע, אָבער ניטאָ קיין שום איינזעעניש פאַר אידן און פאַר דער אידישער אמונה. / איינדרוקן פון אַ באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַראַיאָרן און איצט.

באַגעגענישן מיט אידן אין גאַסן פון לענינגראַד 51

שווער צו לעבן ווי אַ איד אין סאָוועט־רוסלאַנד 55
ס׳איז אָבער אויך ניט לייכט צו שטאַרבן ווי אַ איד. / וואָס רוסישע אידן זאָגן און דערזאָגן ניט.

אַמעריקאַנער רבנים פאַרברענגען היסטאָרישן שבת אין מאָסקווע 60
באַגעגענישן אין מאָסקווער שול מיט מתפללים און אידישע מנהיגים. / די ישראל־דיפּלאָמאַטן רופן אַרויס דערמוטיקונג ביי רוסישע אידן.

אַמעריקאַנער רבנים - „מחותנים" אויף אַ קאָמוניסטישער חתונה 67
וואָס רבנישע דעלעגאַציע האָט געזען ביי דער חתונה.

טיפליס 70
פרומע אידישקייט אין טיפליס. / גוטע צוזאָגן פאַר רעליגיעזע אידן.

ביים מאַסן־קבר פון קדושים אין באַבי־יאַר, אין קיעוו 73
אַ באַזוך אין דער קיעווער שול. / דער אומפּאַרטייאישער גבאי און די טראַגישע מתפללים. / אַן איבעררייד מיט אַ פאַרשטייער פון „אינטוריסט".

קיעווער שול 76

אַ שבת מיט אידן אין בודאַפּעסט נאָך אַ רייזע איבער רוסלאַנד . 80
די שרעק, אין וועלכער עס לעבן היינט־צו־טאָג אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. / וואָס אידן אין אויסלאַנד דאַרפן פאָדערן פון מאָסקווע.

ביי קברים פון אידישע קדושים אויפן שול־הויף אין בודאַפּעסט . 84
דער באַזוך פון דער אַמעריקאַנער רבנים־דעלעגאַציע אין בודאַפּעסט. / אידיש לעבן אין אַ קאָמוניסטישער מלוכה.

רוסישע אידן וואָס זיינען זיך מוסר־נפש פאַר זייער אידישקייט 87
די אומבאַזיגבאַרע כחות וואָס זיי האָבן קעגן זיך. / ווי זיי באַקעמפן
דעם שטראָם פון אַסימילאַציע.

ווי סאָוועט־פּרעסע שפּיגלט אָפּ די העצע קעגן אידן 92
אַ יעווסעקישער פּירוש אויף „שיר השירים", וואָס איז פאַרעפנטליכט
געוואָרן אין סאָוועטישן זשורנאַל „נאַאוקאַ אי רעליגיאַ". / אַ איד,
וואָס באַקלאָגט זיך, אַז מען האָט אָן זיין וויסן מל געווען זיין קינד.

פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פון רוסישן אידנטום 96

וואָס רעפאָרם־ראַביים האָבן ניט געזען אין רוסלאַנד 100
אַ פאַרגלייך צווישן דעם רעפּאָרט, וואָס די רעפאָרם־ראַבאַיס האָבן
געבראַכט פון סאָוועט־רוסלאַנד, און דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע
פון הסתדרות הרבנים.

דריטער באַזוך

אַנטי־ישראל פּראָפּאַגאַנדע פּלאָגט רוסישע אידן 107
אידן וואָס פילן זיך געצוואונגען צו פאַרדאַמען די אידישע מדינה, און
אידן וואָס זוכן אַ געלעגנהייט אַראָפּצורייידן זיך פון הארצן.

אויף אַ אידישער חתונה אין לענינגראַד 112
איינער פון די הויפּט־מחותנים רעדט זיך אַראָפּ פון הארצן. / אידן
וואָס בענקען נאָך אַ אידיש לעבן.

אויג־אויף־אויג מיט אידן אין לענינגראַד 117
באַגעגענישן מיט רוסישע אידן. / אַ אידישער סטודענט רעדט זיך
אַראָפּ פון הארצן.

מאָסקווער נישט געהאַלטענער צוזאָג צו דרוקן 25,000 סידורים
פאַר די אידן 121
אַ באַגעגעניש מיט אהרן ווערגעליס, און זיינע צוזאָגן. / ווערגעליס
זאָגט „מוסר" די אַמעריקאַנער אידן פאַר די פּראָטעסטן.

פּרייוויט־צו־נאַכטס ביים מאָסקווער רב 125
באַגעגענישן מיט מתפּללים אין דער מאָסקווער שול. / הרב לעווין
באַקלאָגט זיך, וואָס עס איז נישטאָ קיין שלום אויף דער וועלט.

אַ מפטיר און אַ דרשה אין מאָסקווער שול 131
דער „רעוואָלט" קעגן אַ גבאי, אַ מסור, אין דער קיעווער שול. /
דער עולם פּירט דורך אַ „באָיקאָט" קעגן מסור.

דעמאָנסטראַציע פאַר ישראל אין מאָסקווער שול 135
די צעטיילונג אין דער שול. / אידן וואָס גיסן פעך און שוועבל אויף דער אידישער מדינה.

ביי אַ פייערונג אין ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע 140
מיט אייגענע און פרעמדע ביי דער פייערונג פון יום העצמאות אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. / אַ באַגעגעניש מיטן פּראַוואָ־סלאַוונעם מעטראָפּאָליט.

פּנים אל פּנים מיט אידישע מוסרים אין מאָסקווע 147
אומפאַרגעסלעכע סצענע ביי אַן אויפנאַמע אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. / יונגע אידן ריידן זיך אַראָפּ פון האַרצן.

אומצופרידנקייט פון דער סאָוועטישער יוגנט 152
וואָס עס זאָגן וועגן דעם די יוגנטלעכע אַליין. / וואָס מען קען לערנען וועגן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד פון דעם, וואָס מען זעט און מען הערט אויף מאָסקווער גאַסן.

ביי אַ בלאַט גמרא אין מאָסקווער שול 156
לומדישע אידן אין מאָסקווער שול פאַרטאָן אין לערנען. / אַ רוסישער איד, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ חיבור וועגן „נתוח מתים" (פּאַלמעסן טויטע קערפּערס) אין מדינת ישראל.

באַגעגענישן מיט אידן אין כאַרקאָוו 159
שמועסן מיט אידן אין גאַס און אין זייערע היימען. / לעצטע שול געשלאָסן אין כאַרקאָוו. / אידן דאַווענען אין אַ פּריוואַטער שטוב.

אידן אין רוסלאַנד וואָס בענקען נאָך אידישקייט 165
באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט אידן אין מאָסקווע.

ניט לייכט פאַר אידן צו פאַרלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד 171
רוסן וואָס זיינען סימפּאַטיש צו מדינת ישראל. / דער „שוואַרצער מאַרק" אין רוסלאַנד.

דאָס „פּינטעלע איד" ביי אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד 177
מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס אידישע באַוואוסטזיין ביי די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. / רעליגיע ביי אידן און נישט־אידן אין רוסלאַנד.

אידישער צער אין מאָסקווע, פרייד אין ירושלים 182
נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און שטערונגען קלאַמערן זיך דאָך די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד צו אידישקייט און אידיש לעבן.

טראַגעדיע פון אידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד 188
דער טראַגישער סך־הכל נאָך 50 יאָר קאָמוניזם. / ווי דאָס אידישע לעבן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד פאַרגלייכט זיך מיט דעם לעבן פון די רוסישע אידן אונטערן צאַריזם.

אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד וואָס ווערן געצוואונגען צו פּראָטעס־
טירן קעגן דער אידישער מדינה 194
מוזן באַווייזן זייער סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, אָבער גיבן־צו פּריוואַט,
אַז זיי ווערן געצוואונגען אַרויסצוטרעטן קעגן מדינת ישראל.

„זקני ציון"־פּראָטאָקאָלן אויפן סאָוועטישן שטייגער 200
די שענדלעכע העצעס אויף אידן אין די סאָוועטישע צייטונגען. /
די שווידערלעכע קאַריקאַטורן.

בלבולים וואָס סאָוועטן פאַרשפּרייטן קעגן אידן 204
די ווילדע העצע אין סאָוועטישע צייטונגען קעגן מדינת ישראל און
אידן.

רב דורש במוסקבה על עצמאות ישראל 208

כך חגגו השנה את יום העצמאות התשעה עשר של מדינת ישראל
יהודי מוסקבה 213

דריי בריוו פון הרב יהודא לייב לעווין, אין אָריגינאַל 219

הרב דר. ברוך אהרן פופקא און זיינע באַזוכן אין סאָוועט־רוסלאַנד

(פאָרוואָרט)

פון דוד ל. מעקלער
רעדאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל"

•

דאָס וואָס הרב דר. ברוך אהרן פופקא האָט דאָ, אין בוך, צו דער־ציילן וועגן אידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ער האָט געמאַכט אייניקע באַזוכן, איז מיר באַקאַנט פון די אַרטיקלען וואָס זיינען, אין אַ משך פון חדשים, געדרוקט געוואָרן אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל". עס איז טאַקע אויפן סמך פון דעם, וואָס איך האָב אָט־די אַרטיקלען געהאַט געלייענט אין מאַנוסקריפּט און זיי רעדאַגירט, וואָס איך שרייב, אויף דער איינלאַדונג פונעם מחבר, דאָס „פאָרוואָרט" צו זייער דערשיינען אין בוך־פאָרם.

הרב דר. פופקא פאַרדינט לויב פאַר זיינע באַשרייבונגען פון סאָוועט־רוסלאַנד, ווייל מיר קריגן פון זיי אַרויס אַ קלאָר בילד פונעם אידישן און פונעם אַלגעמיינעם לעבן אין סאָוועטן פאַרבאַנד, וואו ער, הרב דר. פופקא, איז ניט געקומען ווי קיין פרעמדער אָדער ווי אַ גאַסט, וואָס דאַרף זיך ערשט באַקענען מיטן לאַנד און אויספאָרשן ווי אַזוי אידן לעבן אונטערן באָלשעוויזם.

אין דעם פרט איז הרב דר. פופקא ניט נאָר אַ מענטש, וואָס איז מיט אַן „עין רואה ואזן שומעת" נאָר צייכנט זיך אויך אויס מיט דעם, וואָס האָבנדיק פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, באַזיצט ער פולקאָם די רוסישע שפּראַך, וואָס האָט אים מער ווי אַנדערע באַזוכער געגעבן אַן אַריינטריט אין אידישע, ווי אין ניט־אידישע, קרייזן.

ווייניק פון די וואָס האָבן לעצטנס באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד באַהערשן אַזוי גוט די רוסישע שפּראַך ווי הרב דר. פופקא, וואָס האָט אים געגעבן די

מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַלע פּאַזן פון אידישן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אידיש־לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי דאָס לעבן דאָרט אין אַלגעמיין, איז אין דער בחינה פון אַ „פּושט צורה ולובש צורה". דאָס לעבן האַלט זיך כסדר אין ענדערן.

אָבער וואָס פאַר אַ ענדערונגען עס זאָלן דאָרט ניט פאָרקומען אין די קומענדיקע עטלעכע יאָר, דאָס וואָס הרב דר. פּופקאַ האָט אונז צו דערציילן וועט תמיד דינען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס ס'קומט דאָרט פאָר און וואָס איז דער גורל פון וואָסערע דריי מיליאָן אידן.

דער פאַקט, וואָס הרב דר. פּופקאַ האָט זיך גענומען מי און צייט אַריינצוקוקן אין די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך פון אידישן לעבן און זיך ניט באַנוגנט מיט אויפכאַפּן דאָס אויבנאויפיקע, פאַרדינט אים גרויס לויב און מאַכט זיין בוך באַזונדער ווערטפול און דויערהאַפטיק אין זיין באַדייט.

פרייטיק, 8 דעצעמבער, 1967

יום ו', ו' כסלו, התשכ"ח

ד. ל. מעקלער

רעדאַקטאָר „טאָג־מאָרגן זשורנאַל"

הקדמה

דער טראַגישער קרבן פון דער זעקס־טאָגיקער קריג אין נאָענטן מזרח איז דער רוסישער אידנטום. שוין זינט פילע יאָרן עלנט, איינזאַם און געקריוודעט, פאַרפאָלגט און באַרויבט פון זיינע תורה־וואָרצלען און נאַציאָנאַלער ירושה איז ער פלוצלונג אַריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ פינסטערן אָפּגרונט פון ווילדן האַס און אומזיניקן צאָרן קעגן זיינע ישראל ברידער. ער מוז הערן און שווייגן — און אַמאָל אויך צושאָקלען מיטן קאָפּ — ווען מען זידלט, באַליידיקט און פאַראור־טיילט זיינע אייגענע ברידער און שוועסטער. דער קרעמלין, מיט אַ היסטערישער פיינטשאַפט, וועלכער האָט ניט קיין פּאַראַלעל אין דער מאָדערנער געשיכטע אויסער דעם נאַציזם, פאַרפּלייצט סאָוועט־רוסלאַנד און די וועלט מיט שענדלעכע און גיפטיקע בלבולים קעגן די מוטיקע קעמפער און אומפאַרגלייכבאַרע גבורים פון מדינת ישראל. טאָג־טעגלעך ווערן געדרוקט שווידערלעכע אַרטיקלען און קאַריקאַטורן אין דער סאָוועטישער פרעסע וועלכע פאַרגלייכן דעם מגן דוד מיט דער פאַר־שאָלטענער סוואַסטיקע און דעם ישראל־זעלנער מיט דעם נאַצי־פאַר־ברעכער. די קרעמלין האַס־פאַרשפרייטער שטייגן איבער אפילו די שטרייכערס און געבעלסעס אין זייער טייוואָלאָנישן און אומראַציאָנעלן אָנפאַל אויף מדינת ישראל.

פרעגט זיך, אין אַזאַ קריטישן מאָמענט ווען פאַר אונזערע אויגן שוועבט דער געשטאַלט פון דעם מידן, אָפּגעשוואַכטן חולה פון וועמען אַ ברוטאַלער פאַרפאָלגער רייסט אַפילו דעם באַנדאַזש און די זויער־שטאָףביידל — וואָס זאָלן מיר טאָן צו ראַטעווען זיין לעבן? איין זאַך ווייסן מיר אַלע גאַנץ קלאָר — מיר קענען ניט, און מיר טאָרן ניט צוקוקן זיך גלייכגילטיק און בלייבן פאַסיוו, ווייל אונזער תורה וואָרנט אונז „לא תעמוד על דם רעך״!

אויב מיר זיינען געווען ערנסט פאַרזאָרגט וועגן דעם טרויעריקן שיקזאַל פון רוסישן אידנטום ביז דעם אויסברוך פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, אויב מען האָט דאַן דעמאָנסטרירט, געהאַלטן רעדעס און

געשריבן פעטיציעס, אויב מען האט דאן געוועקט די עפנטלעכע מיינונג און דעם מענטשלעכן געוויסן פון דער וועלט — היינט ווען זייער לאגע איז פיל ערגער און ערנסטער מוזן מיר דען ניט אנווענדן גרעסערע כחות און שטארקערע אקציעס ארויסצוראטעווען זיי פון דעם פינסטערן גהנום אין וועלכן זיי געפינען זיך?

מיינע דריי באזוכן אין סאוועט-רוסלאנד, זינט 1964, האבן מיר איבערצייגט אז ס'איז דא וועמען צו ראטעווען, אז זיי ווילן און בעטן זיך מען זאל זיי ראטעווען און אז די רעטונג וועט טיילווייז קומען, בע"ה, דורך דעם וועקן און אלארמירן די עפנטלעכע מיינונג און געפיל פון דער וועלט קעגן דעם טייוולאנישן פארמעסט פון דעם קרעמלין.

אידישע געשיכטע און וועלט-אידנטום קומען א גרויסן חוב דעם רוסישן אידנטום ניט נאר פאר זיין מאסיוון ביישטייער אויפן געביט פון תורה, מחשבה, חסידות און מוסר, ציוניזם און ליטעראטור, נאר אויך פאר זיין מסירת נפש, גבורה און דויערהאפטיקייט וועלכע וועלן דינען פאר א מוסטער פאר אונזערע צוקונפטיקע דורות.

דער גורל האט אויף אונז אידן פון דער פרייער וועלט ארויפגעלייגט די היסטארישע פליכט, אנצופירן די הייליקע אקציע צו ברענגען האפענונג און גייסטיק-נאציאנאלע רעטונג צו אונזערע איינזאמע און פארפאלגטע ברידער וועלכע שמאכטן אין שאטן פון קרעמלין.

איך האף מיט מיין אידישער הארץ און נשמה צום בורא עולם אז סיי מיין מינדלעכער און סיי מיין געשריבענער ווארט וועט וואס ביישטייערן צו אט-דער הייליקער שטרעבונג.

ניסן, תשכ"ח, פיטסבורג, פא.

ברוך אהרן פופקא

ערשטער באזוך

(תשכ"ד)

אַ באַזוך ביים מאָסקווער רב ביי אַ הזכרה נאָך געטאָ־העלדן

מיין רייזע אין אַן עראָפּלאַן פון פּאַריז קיין סאָוועט־רוסלאַנד. — אָנשטאָט אין מאָסקווע לאַנדעט דער עראָפּלאַן אין קיעוו. — באַגעגענישן און געשפּרעכן.

מיט געמישטע געפילן פון אַנגסט און זאָרג בין איך געזעסן אויפן בורזשעי לופט־פעלד, לעבן פּאַריז, מיטוואָך פרי, דעם 8טן אַפּריל, קוקענדיק אויפן ריזיקן סאָוועטישן עראָפּלאַן, מיט וועלכן מיר זיינען אַ שטונדע שפּעטער אָפּגעפלויגן אויפן וועג קיין מאָסקווע. איך האָב אין יענעם מאָמענט אין מיין זכרון פון דאָס נייע איבערגעלעבט יענעם אומפאַרגעסלעכן טאָג, אין 1932, ווען מיר זיינען אַרויף אויפן אייזערנעם צוג אין סעבעזש, אויפן וועג פון סאָוועט־רוסלאַנד קיין לאַטוויע־פּוילן־דייטשלאַנד, און ענדלעך צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

אמת, איך בין דאַן געווען אַ 13־יאָריק אינגל, אָבער איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם צער און פּיין אויפן פּנים פון מיין פאָטער, הרב ר׳ אליעזר פּופּקאָ זצ״ל, וועליזשער רב, און די שרעק און יסורים אויפן געזיכט פון מיין מוטער און מיינע ברידער און שוועסטער.

די וועלט האָט זיך זינט דאַן שטאַרק געענדערט מיט אויסערגעוויינלע־כער שנעלקייט און אומגלויבלעכער גרויזאַמקייט. אַלטע, מעכטיקע אימפּעריעס זיינען צעפאַלן געוואָרן; נייע מאַכטן זיינען אויפגעשטאַנען, און אונזער אייגן פאָלק האָט אַרויפגעקלעטערט פון סאַמע תהום, פון ליידן און פאַרניכטונג צו די גלאָררייכע הויכן פון נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. אָבער דאָס אָנגעכמורעטע געזיכט פון דעם רוסישן קאָמיסאַר האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אומבאַדייטנד איז געווען דער אונטערשייד צווישן דעם „שטאָלענעם" געזיכט פון דעם סאָוועטישן באַאַמטן, וועלכער האָט אונטערזוכט אונזערע פּאַספּאָרטן און באַגאַזש אין פּאַריז און דעם קאָמיסאַר, וועלכער האָט געשטעמפּלט אונזערע דאָקומענטן אין סעבעזש מיט איבער דריי צענדליק יאָר צוריק.

די נייע קאָנפראָנטאַציע האָט דערוועקט טיף אין מיין האַרצן שרעק און זאָרג: „טוען מיר ריכטיק, ווען מיר לאָזן איבער פינף קינדער און

משפּחה הינטער זיך, צו ריזיקירן מיט אונזער שווער־דערוואָרבענער פרייהייט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק?"

דער עראָפּלאַן איז געווען מער ווי האַלב ליידיק. בלויז צוויי אַנדערע טוריסטן, אויסער מיין פרוי און איך, זיינען דאָרט געווען. די איבעריקע פּאַסאַזשירן זיינען געווען רוסישע באַאַמטע און דיפּלאָמאַטן.

ווען איך האָב אָנגעפאַנגען זאָגן תּפילת הדרך (דאָס אינהאַלטסרייכע געבעט פון אַ רייזנדן) האָבן די ווערטער „ותחזירנו לביתנו לשלום" (זאָלסט אונז גאַנצערהייט אומקערן צו אונזער הויז) באַקומען אַ פאַקטישן באַדייט.

צוויי שטונדן נאָכן פאַרלאָזן פּאַריז האָט די פּאַרוואַלטערין פון עראָפּלאַן געמאָלדן, אַז צוליב דער אומגינסטיקער וועטער־לאַגע אין מאָסקווע וועט אונזער עראָפּלאַן זיין געצוואונגען צו לאַנדן אין קיעוו אַרום צוויי שטונדן שפּעטער. די אומדערוואַרטע מעלדונג האָט ניט בייגעשטייערט צו דערלייכטערן אונזער מעלאַנכאָלישע שטימונג און טיפע זאָרג.

דער קאָמיסאַר אין דער „טאָמאָזשנע" פון דעם קליינעם פּרימיטיוון לופט־פעלד אין קיעוו איז געווען העפלעך און האָט אַפילו געשאָנקען אונז אַ פריינטלעכן שמייכל. אויף זיין פראַגע „פּאַטשעמו וואָס דווע ביבליאי?" — צו וואָס דאַרפט איר האָבן צוויי ביבלס? — האָב איך אים דערקלערט דעם אונטערשייד צווישן מיין תּורה־תּמימה חומש ויקרא, און צווישן דעם קליינעם גאַנצן תּנ"ך אין מיין טשעמאָדאַן. דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט:

„איר מוזט וויסן זיין, דאָס איר זייט פאַרבאָטן איבערצוגעבן אייער ביבליע, מאָליטוועניק (סידור) אָדער אַנדערע פּערזענלעכע רעליגיעזע אַרטיקלען צו עמעצן אין רוסלאַנד".

איך האָב אים פאַרשפּראָכן צו זיין גוט און פרום און חלילה נישט איבערצוגעבן עס צו קיינעם. די אונטערזוכונג פונעם באַגאַזש איז פאַרהעלט־ניסמעסיק געווען גיך און לייכט, און נישט צו־שטרענג.

מען האָט אונז אָנגעזאָגט, דאָס מיר וועלן מוזן איבערנעכטיקן אין קיעוו. מען האָט אונז מיט אַן אויטאָבוס אָוועקגעפירט אַרום 5 קילאָמעטער ווייט צו אַ נייעם 2־שטאָקיקן האָטעל געבויט פון גרויען צעמענט און שטיינער. אין פאַרלויף פון די קומענדע צוויי שטונדן האָבן געלאַנדעט אַ צאָל אַנדערע עראָפּלאַנען פון אויסלאַנד אויפן קיעווער לופט־פעלד צוליב דעם אומגינסטיקן וועטער אין מאָסקווע. די עראָפּלאַנען האָבן געבראַכט פון בודאַפּעסט די קאָמו־

ניסטישע דעלעגאַציעס פון אינדיע, כינע, קאָרעאָ, דייטשלאַנד, רומעניע, פוילן און אַנדערע לענדער.

אומגעפער זעקס שטונדן נאָכן פאַרלאָזן די פרייע וועלט זיינען מיר געווען אין איין גרויסן זאַל מיט דער פירערשאַפט פון וועלט־קאָמוניזם. מיט איבערפלעכלעכער העפלעכקייט האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ טייל פון זיי. זיצנדיק ביי איין טיש האָבן די קאָמוניסטן פון אינדיע און פוילן גענומען פרעגן פראַגן ביי מיר און מיין פרוי וועגן דער מאָרד פון פרעזידענט קענעדי.

„ווער איז באמת געווען הינטער דעם אַטענטאַט?״; „וועלכע מיליאָנערן פון אַמעריקע האָבן געדונגען די מערדער?״; „פאַרוואָס איז אייער גרויסע אַמעריקע אַזוי באַאומרואיקט וועגן דער קליינער, אָרעמער קובאַ?״; „פאַרוואָס טומלט זיך ביי אייך אַזוי פיל וועגן דער מיליטערישער געפאַר מצד קובאַ?״. די און פילע ענלעכע פראַגן זיינען געשטעלט געוואָרן צו אונז.

מיר דוכט זיך, אַז מיר זיינען זיי נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. אַן אַקאַדעמיקער פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, וועלכער האָט זיך איצט אומגעקערט פון מאַנאַטן פאַרשונגען אין פיזיקס אין פאַריז, האָט מיט אַ וואַרעמען שמייכל מיר פאַרזיכערט, אַז אַמעריקע איז נישט הינטערשטעליק צו רוסלאַנד אויפן געביט פון רוים־וויסנשאַפט, און האָט אַפילו מיט ליוב־גענאַנג דערמאָנט אייניקע נעמען פון באַרימטע אידישע פיזיקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיר האָבן באַקומען אַ פריוואַטן איינפאַכן צימער איבערצונעכטיקן. אָבער די מערסטע פון די „חברים״ האָבן, נעבעך, געמוזט שלאָפן אויפן דיל אין דעם אַלגעמיינעם זאַל אויפן צווייטן שטאָק. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אונזערע נישט־דערוואַרטעטע מיט־געסט האָבן גערעדט מיט צאָרן, אָבער מיט דרך־ארץ וועגן מדינת ישראל.

דאָנערשטיק פרי, דעם 9טן אַפּריל, זיינען מיר אָנגעקומען קיין מאָסקווע. מיט העפלעכקייט און פינקטלעכקייט זיינען מיר באַגעגנט געוואָרן פון דעם איידעלן אינטוריסט־אַגענט. פאָרנדיק אין דעם אינטוריסט אויטאָמאָביל אויף דעם לאַנגען און ברייטן שאָסיי פון לופט־פעלד צום מעטראָפּאָל האָטעל, האָב איך פאַרפירט אַ געשפרעך, פאַרשטייט זיך, אין רוסיש, מיטן שאָפער. צווישן אַנדערעס האָט ער מיר געזאָגט:

„איצט זיינען מיר אָרעמער פון אַמעריקע, אָבער אינגיכן וועלן מיר אייך אַניאָגן און אַריבעריאָגן״ (דאָגאָניעם אי פערעגאָניעם וואַס׳). טרערן פון

פרייד און שטאָלץ זיינען אַרויס פון זיינע אויגן, ווען ער האָט מיר געגומען איבערגעבן, ווי מען האָט געפירט די געפאַנגענע דייטשע גענעראַלן און סאָל־דאַטן איבער די גאַסן פון מאָסקווע, אָנווייזנדיק מיט די פינגער אויף „פּלאַס־טשאַד מאַרקסאַ" (מאַרקס סקווער).

צופעליק, דורך אַן אַמעריקאַנער טוריסט, האָבן מיר אויסגעפונען וועגן דער אזכרה פאַר דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וועלכע וועט זיך אָנ־פאַנגען 6 אַזייגער אָוונט, אין דער מאָסקווער הויפּט־שול. אַרום 5 פאַרנאַכט איז אונזער אויטאָמאָביל אַריינגעפאָרן אין דער שמאָלער, באַרגיק־געשלענגל־טער אַרכיפּאָווא גאַס. צופאָרנדיק נעענטער צו דער שול האָבן מיר שוין באַמערקט עלטערע און אייניקע מיטליאָריקע אידן ביים אַריינגאַנג פון דער שול.

ס'איז שווער, און פיליכט אוממעגלעך, אויסצודריקן די אינערלעכע געפילן פון גייסטיקן שטורעם, וואָס האָט אָנגעפילט מיין האַרץ, ווען איך האָב נאָך צוויי־און־דרייסיק יאָר לעבן אויסער רוסלאַנד דערזען די צערטלעכע אָנגעליטענע פּנימער פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין ראַטן־פאַרבאַנד. איך האָב באַשלאָסן צו דערשטיקן מיינע טרערן און פאַרדעקן מיינע געפילן.

די ערשטע באַגעגעניש מיט הרב לעווין אין מאָסקווע, אין זיין שול־קאַנצעלאַריע, אַפּריל 9, 1964

אַריינקומענדיק אין שול, וועלכע איז געווען איבערפילט אונטן מיט מענער און מיט פרויען אין דער עזרת נשים, זיינען מיר וואָרעם באַגריסט געוואָרן פון אייניקע, וועלכע האָבן דערקענט דאָס מיר זיינען אויסלענדער.

גלייך האָט מען אונז גענומען פרעגן: „האָט איר אַ סידור, אַ חומש, אַ טלית, תפילין?" מיט דער אייגנאַרטיקער און כאַראַקטעריסטישער רוסיש־אידישער וואַרעמקייט האָבן זיי אונז גאָר־פריינטלעך און העכסט־וואַרעם אויפ־גענומען.

אין צען מינוט אַרום בין איך אַריין אין דעם קליינעם, ענגן קאַנצע־לאַריע־צימער פון דעם מאָסקווער רב, הרב ר' יהודה לייב לעווין. ער איז געזעסן ביים שרייב־טיש מיט אַן אָפענעם ספר, און אַנטקעגן אים זיינען געזעסן פיר בעלי־בתים. די ערשטע מאָמענטן פון דער באַגעגעניש זיינען געווען שטייף און געשפּאַנט. הרב לעווין האָט פון טיש־קעסטל אַרויסגענומען צוויי בילדער און געזאָגט צו מיר: „דאָס זיינען די בילדער פון חפץ חיים'ס קבר אין ראַדין. די בילדער זיינען געבראַכט געוואָרן פון אַ קאָמיטעט, וועלכער איז געפאָרן קיין ראַדין צו קריגן דערלויבעניש איבערצופירן דעם צדיק קיין ארץ־ישראל. די דאָרטיקע גוים האָבן אָנטזאָגט אַזאַ דערלויבעניש, זאָגנדיק: „מי וואָס באַשעגאַ ישראָעל־מעיער'אַ ניע אָטדאַדים" — מיר וועלן אייך אונזער ישראל מאיר'ן נישט אָוועקגעבן..." ווען איך האָב דעם רב געפרעגט, וואָס עס האָט באמת פּאַסירט מיט מצות אויף פסח, האָט ער מיר געענטפערט: „אַלץ וואָס מען שיקט קיין רוסלאַנד קומט אָן..."

אַ שבת ביים מאָסקווער רב אין דער צענטראַלער שול פון שטאָט

ביי דער הזכרה פאַר די קדושים פון וואַרשעווער געטאָ. — אַ „מי שברך" פאַר דעם ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע.

גייענדיק פון רב'ס צימער אין דער שול אַריין צו דער אזכרה, האָט מען מיך געבעטן אַז איך זאָל זיך אַוועקזעצן אין דער אָפּגעצאַמטער לאָזשע, אויף דער רעכטער זייט פון דער בימה. צו מיין פאַרגעניגן און פרייד האָב איך דאָרט שוין באַגעגנט דעם פּייאיקן און איידעלן אַמבאַסאַדאָר פון ישראל מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט. אין פאַרלויף פון איניקע מאָמענטן האָבן מיר בייגעוואוינט אַ האַרץ־רייסנדע סצענע:

אַ מיטליאָריקער מאַן האָט זיך, מיט אימפּעט און גיכע טריט, גענומען דערנענטערן צום ישראל־אַמבאַסאַדאָר, כדי מיט אים צו ריידן. אויגנבליקלעך זיינען צו אים צוגעלאָפן דריי מענער פון שול און האָבן מיט גוואַלד און צאָרן אים אַוועקגעריסן פון דעם אַמבאַסאַדאָר און אים פון אונז פאַרטריבן. דער פאַרשעמטער איד האָט אָבער פּראָטעסטירט און געשריגן: „יאַ זשע ניע פּיאַ־ניטצאַ, יאַ ניע פּיל וואָדקי, אָטפּוסטיטע מעניאַ!" — איך בין נישט קיין שיכור, איך האָב נישט געטרונקען קיין בראָנפן, לאָזט מיך אָפּ!

זיינע געשרייען האָבן נישט געהאָלפן. אָט־די ברוך־הבא דערפאַרונג האָט אונז ממש געפּלעפט, און איך האָב שוין מיינע טרערן נישט געקענט איינ־האַלטן. די ברוטאַליטעט פון דעם עפּיזאָד האָט דערדריקט אונזער געמיט און האָט פאַר אונז דראַמאַטיזירט די שרעקלעכע טראַגעדיע פון די איזאָלירטע, פאַרשטומטע און איינזאַמע אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דער חזן שני האָט אָנגעפאַנגען דאַוונען מנחה. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון רעזיגנאַציע, הילפלאָזיקייט און פּיין, וואָס איז געלעגן אויף די פּנים'ער פון די אנוסים ווען דער חזן האָט האַרציק געזאָגט מיט וויטיק אין זיין שטימע: „ראה נא בעניינו וריבה ריבנו וגאלנו מהרה למען שמך" — זע דאָך אונזער פּיין און נעם זיך אָן אונזער קריג און דערלייז אונז באַלד פון דיין נאָמען וועגן... אָדער: „תקע, בשופר גדול לחרותנו" — בלאָז מיט דיין גרויסן שופר פאַר אונזער באַפרייאונג און הויב־אויף אַ פאָן אַלס צייכן איינצוזאַמלען אונזערע פאַרטריבענע... „שמע קולנו, חוס ורחם עלינו" — הער אונזער שטימע אונזער ג־ט, דערבאַרעם זיך איבער אונז...

אַט־די ווערטער האָבן נישט געקלונגען ווי אור־אַלטע תפילות פון די בלעטער פון אַ סידור, נאָר ממש ווי פּאַסנדער, צייטיגער און העכסט־אַקטועלער געבעט פון אַן אומגליקלעכן, ליידנדן מענטשן.

אייניקע מאָמענטן נאָך הרב לעווינ׳ס תפילה פאַר סאָוועט־רוסלאַנד, ווי „דער קוואַל פון שלום אויף דער גאַנצער וועלט״, האָבן מיר דערהערט אַ ריזיקן קראַך פון אַ צעבראָכענער פענסטער — די דריטע שויב אויף אונזער זייט. די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן עס אַריינגעוואָרפן, זיינען זיך אויף גיך צעלאָפן.

„פאַרוואָס שווייגט איר״, האָב איך געפרעגט די אידן וואָס זיינען געזעסן לעבן מיר. איינער פון זיי האָט מיר געענטפערט:

„וואָס מיינט איר, דאָ איז אַמעריקע, וואו מען ברענט און שענדט אידישע שולן און מען שלאָגט אידן?״ אָבער אַן עלטערער איד האָט אַ זאָג געטאָן: „מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צו דעם, ס׳איז נישט קיין נייעס...״

אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגענומען די שול נאָך דעם אינצידענט. זיי זיינען אַלע געשטאַנען ווי הילפלאָזע, פאַראורטיילטע שאָף, רעזיגנירט צו זייער גורל און שיקזאַל. ווען אַ גרויסער, ביטערער געוויין האָט אויסגעבראָכן איבער דער גאַנצער שול בשעת דער חזן האָט געמאַכט דעם „א־ל מלא״ פאַר די קדושים — בין איך נישט געווען זיכער, צי די טרערן זיינען געווען פאַר די טויטע אָדער פאַר די לעבעדיקע...

זייער רירנד און אומפאַרגעסבאַר איז געווען די פרייטיק־צו־נאַכט סעודה אין דעם האַלב־פינסטערן צימער, לעבן דער בימה פון דער שול. צווישן די טונקעלע ווענט פון דעם מעלאַנכאָלישן צימער האָבן אָפּגעקלונגען די טיפע טענער פון הרב לעווינ׳ס קלאָרער, שיינער שטימע, ווען מיר האָבן געזונגען „שלום עליכם״ און „רבון כל העולמים״. ר׳ הערשל, דער אייניציקער תלמיד פון דער ישיבה, און אסתר רבקה, אַ טיפּישע צדיקת פון דער אַלטער וועלט, זיינען געזעסן צוזאַמען מיט אונז ביים טיש. גראַד איז פאַר דעם שבת קיין כשר׳ע שחיטה אין מאָסקווע נישט געווען. ווי אייגנאַרטיק און סימבאָליש האָבן געהילכט די ווערטער פון קידוש: „כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים״ — דו האָסט אונז אויסדערווילט און געהייליקט פון אַלע פעלקער... די ווערטער האָבן גלייכצייטיק אויך אַרויסגערופן געפילן פון שטאַרקייט און טריאומף און אויך פיינלעכע און ניט־פאַרענטפערטע פראַגן.

שווער איז מיר געווען צו אונטערדריקן מיינע געפילן, ווען מיר האָבן גענומען זינגען פון „י־ה רבון״ די ווערטער: „פרוק ית ענך מפום אריותא, ואפק ית עמך מגו גלותא, עמך די בחרת מכל אומיא״ — דיין שאָף פון לייבנס מויל באַפריי, פון גלות דיין פאָלק ערלייז...

אויך שבת פּרי איז די שול געווען געפּאַקט מיט מענער און פרויען. דער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל, תקוע, זיין סעקרעטאַרשע און דר. ראַכמילע־וויטש, בן־גוריונ׳ס דאָקטאָר, זיינען אַנוועזנד געווען ביים דאַווענען. ווידער זיינען מיר געווען אין דער אַפּגעזונדערטער לאָזשע. דר. ראַכמילעוויטש, וועלכער איז קיין מאָסקווע געקומען צו אַ יו־ען קאָנפערענץ וועגן מעדיצין, צוזאַמען מיט אונז, האָבן נישט געקאָנט אַרונטערנעמען די אויגן פון די אידן אין שול. זייערע פּנים׳ער האָבן אין אַ מיסטישער שפּראַך גערעדט צו אונז. מען האָט מיך מכבד געווען מיט מפטיר. איך האָב געבעטן מאַכן אַ „מי שברך״ דעם רב און די אידן אין שול, נאָכדעם האָב איך זיך, מיט אַ העכערער שטימע, געווענדעט צו די גבאים און געזאָגט: „טייערע אידן, צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געוואַרט אויף אַ אידישער מדינה, ב״ה, מיר האָבן עס. היינט, אַז איך בין צוריק אין מאָסקווע, איז דאָס אַ גרויסער זכות צו מאַכן אַ „מי שברך״ דעם אַמבאַסאַדאָר פון מדינת ישראל. גלייך האָבן זיך דער־הערט עטלעכע פּראָטעסט־שטימען אויף דער בימה: „אַיין מי שברך פאַר אַלע אידן, אַלע אידן זיינען ביי אונז גלייך!״

זאָגנדיק מיט אַן אומנאַטירלעכער התרגשות און געפיל דעם מפטיר מחר חדש, האָב איך אויסגעשריען מען זאָל מיר גוט הערן „ונפקדת כי יפקד מושבך״ — געמיינט האָב איך — רוסישער אידנטום, ס׳וועט נאָך קומען אַ נייע וועלט, מען טאָר אונזער האָפענונג נישט פאַרלאָזן. „ונפקדת״ — און דו פעלסט אונז אויס ווייל דיין פּלאַץ איז ליידיק... און מיר פאַרזיכערן אייך דאָס „ה׳ יהיה ביני ובינך ובין זרעי ובין זרעך עד עולם״ — דער לעצטער פּסוק פון מפטיר — ג־ט זאָל זיין צווישן וועלט־אידנטום און רוסישן אידנטום, צווישן זייערע קינדער און אונזערע קינדער אויף אייביק. אַן עלטערער איד איז צוגעקומען צו מיר נאָכן מפטיר און געזאָגט: „רבי, מיר וועלן אייער „דרשה״ געדענקען!״

שבת פאַרנאַכט, האָט מען געדאַווענט מנחה אין בית־המדרש. הרב לעווין האָט מיך געבעטן צו דעם שלוש סעודות־טיש. טיילוויז פּאָלגענדעס איז זיין הקדמה צו פּרקי אבות, וועלכע ס׳האָבן געהערט איבער 200 אידן: „הוו מתונים בדין, מיינט נישט נאָר צו זיין פאַרזיכטיק, געלאַסן, ווען מען גיט אַרויס אַן אורטייל, נאָר דאָס מיינט אויך צו ערלעך באַציען זיך צום דין, צו דער רעגירונג, ווייל שאלמלא מוראה של מלכות, איש את רעהו חיים בלעו — ווען נישט די שרעק פאַר רעגירונג וואָלט איינער דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען — און די יעניקע, וואָס פאַרשטייען עס נישט און היטן נישט אָפּ די געזעצן פון דער גאָסודאַרסטוואָ — פאַרשיקט מען זיי צו די ווייסע בערן...״

ווי מען רעדט זיך צוזאַמען מיט די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד

מען פרואווט זיך פאַרשטיין אויפן וואונק און דורך אַריינוואַרפן אַ מיינונגספולע באַמערקונג. — מיט אידן אין דער לענינגראַדער שול.

איינס פון די זעלטענע און אומפאַרגעסבאַרע בילדער, וואָס מיר האָבן געזען אין דער באַריטער טרעטיאַקאָווסקאַיאַ גאַלעריע אין מאָסקווע, איז געווען דאָס בילד פון דעם רוסישן קינסטלער ה. א. יאַראָשענקאָ. אויף דער מאַלעריי ווערט געוויזן ווי אַרעסטאַנטן — דריי מענער, אַ פרוי און אַ קליין קינד — קוקן אַרויס דורך אייזערנע גראַטעס אויפן הויף פון זייער טורמע און פאָלגן נאָך מיט בייגעריקייט און מיט אַ געמאַסטענעם שמייכל די פרייע טייבעלעך, וועלכע פליען און קלייבן ברעקלעך ביי דער וואַנט פון זייער געפענגעניש. דער קינסטלער יאַראָשענקאָ רופט זיין מאַלעריי „ווסודו זשיזן" — אומעטום לעבן!

ווי טיף האָב איך געפילט דעם באַדייט פון דעם בילד, ווען אַן עלטערער איד פון אַ נידעריקן וואוקס, מיט אַ גרויער באָרד, האָט שטילערהייט, אויף ניעוווסקי פּראָספּעקט, אַ זאָג געטאָן צו מיר: „אתם בני חורין..." מאָמענטאַל האָט מיך זיין באַמערקונג אַזוי שווער געטראָפן, אַז איך בין געבליבן אָן לשון. טרייסטן אים מיט צווייפלהאַפטיקע הבטחות? גלאָצן מיט די אויגן, ווען יענער ליגט געשמידט אין קייטן? וואָס זאָגט מען אַזאַ אידן?

אַ צווייטער איד ביי דער וואַנט פון דעם איסאַקאָווסקי סאַבאָר, אַקעגן איבער אונזער אַסטאָריאַ־האָטעל, אין לענינגראַד, האָט מיט טיפן ערנסטן וויטיק געזאָגט צו מיר:

„איך פרעג איך, זיינען מיר רוסישע אידן ערגער פון דעם דור־המדבר? אידן האָבן געוואַנדערט אין מדבר, אין דער וויסטעניש, אָבער דער־פאַר זיינען זייערע קינדער אַריין אין ארץ ישראל! מיר, רוסישע אידן, ווי ס'וויזט אויס, זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אויסצוגיין דאָ צוזאַמען מיט אונזערע קינדער" — און אַלץ הייסט „געלעבט".

דערנענטערנדיק זיך אויף לערמאָנטאָווסקאַיאַ גאַס, צו דער גראַנדיעזער געביידע פון דער באַראָן גינצבורג כאָר־שול אין לענינגראַד, איז מיין אויפ־

מערקזאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן צו די קינסטלעך־געשליפענע אייזערנע טויערן בײַם אַריינגאַנג צו דער שול. ווי געריירט בין איך געווען, ווען איך האָב גענומען לייענען די פאַרשידענע פון אייזן־בוכשטאַביקע פּסוקים אויפן טויער אין דער הויך; ממש אין צענטער האָב איך דערזען מיט גרויסע בולטע אותיות דעם פּסוק — „שמחנו כימות עניתנו, שנות ראינו רעה” — דערפריי אונז ווי די טעג, וואָס דו האָסט אונז געפּייניקט; די יאָרן וואָס מיר האָבן געזען בייז (תהלים צ, טו).

ניקאָלאַי דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן שווערע דעקרעטן קעגן אידן, אין 1826, און האָט אַ סך פון זיי פאַרטריבן פון לענינגראַד —

בײַם הויפּט־טויער פון דער באַראָן גינצבורג־שול אין לענינגראַד. דער אויפשריפט אויפן טויער: „שמחנו כימות עניתנו, שנות ראינו רעה”

דעמאָלט פעטערבורג — אין 1830 און 1838 און האָט איינגעפירט די גרויזאַמע קאַנטאָניסטן־גזירה, איז שוין לאַנג נישטאָ. איך בין געשטאַנען ביי זיין קבר אין פּיעטראָפּאַוולאָווסקער קרעפּאָסט, אויפן צווייטן טאָג נאָך אונזער אָנקומען קיין לענינגראַד. דער גרויזאַמער סטאַלין איז אָפּגעווישט געוואָרן, אָבער דער אייביקער פּסוק פון דוד המלך קען מען נאָך לייענען אין לענינגראַד אויפן טויער פון שול אין 1964! ווי פּראָפּעטיש ס׳איז געווען דער ווייטער קוק פון די, וועלכע האָבן די ווערטער פון האָפענונג און צוזאָג אויפן טויער אויפגעשריבן מיט איבער אַכציק יאָר צוריק!

ס׳איז אוממעגלעך צו שילדערן די פּראַכט פון דער היסטאָרישער שול, וועלכע פאַרמאָגט אַרום 3600 פּלעצער פאַר מתפּללים און 6 אָדער 8 קלענערע בתי־מדרשים, אין וועלכע אַ היפּשער עולם דאַוונט טעגלעך נוסח אשכנז און ספרד און נוסח ארי. אויף דער „שטאָט״ פון באַראָן גינזבורג און זיין זון, די ערשטע רייע פאַר דער בימה, איז נאָך אויפגעקלעפּט אויף אַ בראָנזענעם טאָוול זייערע נעמען.

אַריינקומענדיק זונטיק, ראש חודש אייר, פאַרנאַכט, צו מנחה, אין דעם גרעסטן בית־המדרש פון דער שול, האָב איך דאָרט געטראָפן, צו מיין אָנגענעמער איבערראַשונג, אַ גרויסן עולם פון איבער 200 עלטערע אידן און אייניקע אויך מיטל־יאָריקע. מען האָט מיר געלאָזט וויסן, פון וועמען „זיך צו היטן״... אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער פאַרשוין צוגעקומען צו מיר און געבעטן, צי איך קאָן אים געבן אַ סידור אָדער אַ טלית, און איך האָב צו אים געזאָגט:

„אין ראַטן־פאַרבאַנד איז פאַרבאָטן איבערצוגעבן צו אימעצן רעליגיעזע אַרטיקלען און דינא דמלכותא דינא — דער געזעץ פון אַ רעגירונג איז אַ געזעץ...״

מען האָט מיך געבעטן דאַוונען ביים עמוד מנחה, און איך האָב זיך פיל נישט געלאָזט בעטן. כ׳האָב געוואָלט זיך צוזאַמענריידן מיט מיינע ברידער דורך די אור־אַלטע און צייטלאָזע ווערטער פון די אנשי כנסת הגדולה.

ביים חזרת הש״ץ, זאָגנדיק די „הויכע״ שמונה עשרה, האָב איך גע־קוקט אויפן טראַגיש־העסלעכן געזיכט פונעם „מיטאַרבעטער״ און האָב ספּע־ציעל אונטערגעשטראָכן און אינטאָנירט דעם „ולמלשינים אל תהי תקוה״ — און צו די מוסרים זאָל קיין האָפענונג ניט זיין... זיין פּנים האָט זיך געענדערט און אידן אין מזרח האָבן זיך איינער מיט דעם אַנדערן צופרידענערהייט

איבערגעקוקט. ווען איך בין צוגעקומען צו „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״ האָב איך זיך נישט געקאָנט באַהערשן און פילע אַנדערע אידן אין שול האָבן מיט מיר מיטגעוויינט.

נאָך מנחה האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט און גאָר וואַרעם געדריקט מיין האַנט מיט אַ האַרציקן יישר כח. דריי פון די אידן זיינען געווען פון ווענליזש און האָבן אַנגעפרעגט אויף זייער רב, מיין פאָטער ז״ל. זיי האָבן מיר דער־ציילט, ווי די אידן פון ווענליזש זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס, ווי אַלע 19 שולן און בתי מדרשים זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, און אַז היינט־צו־טאָג געפינען זיך אין דער היסטאָרישער ווענליזש נישט מער ווי זיבן אידישע פאַמיליעס!

אין שול האָב איך אויך געטראָפן דעם איינגעשלאָגענעם און אָפּגעריסענעם זון פון הרב מעדאַליע, וועמען מען האָט, מיט צוויי זין, רבנים, דער־שאָסן מיט 25 יאָר צוריק און מיט צוויי מאָנאַטן צוריק „רעהאַביליטירט״. דער מאָסקווער רב האָט מיר געוויזן דעם בריוו פון דער רעגירונג וועגן דער רעהאַביליטאַציע״ פונעם וויטעבסקער רב, מעדאַליע און די באַלוינונג פון 4000 רובל צו זיין פאַמיליע.

עטלעכע זיינען שנעל צוגעלאָפן צו מיר און געפרעגט: „וואָס מאַכט דער אדמו״ר?...״ — מיינענדיק דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן שליט״א — און זיינען שנעל פון מיר אַנטלאָפן...

וואָס רעליגיעזע רוסן מעגן און וואָס אידן טאָרן נישט

אידן וואַרטן אין דער ריי צו לייגן תפילין. — אַלע אונטערדרי־קונגען האָבן אָבער ניט געקאָנט אָפּווישן אידן און אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם „הלל", וואָס איך האָב געזאָגט אין דער לענינגראַדער שול מאָנטיק, דעם צווייטן טאָג ראש חודש אייר. ניט נאָר האָב איך מיטגעדאַוונט מיט די אידישע מתפללים אין אָט דער באַרימטער שול, נאָר בין אויך געווען דער שליח ציבור פון די אידן. מ׳האָט מיך פשוט מכבד געווען צו דאַוונען פאַרן עמוד און איך האָב אָט־דעם כיבוד אָנגענומען מיט גרויס דאַנקבאַרקייט.

וויפל באַסע פנימ׳ער, באַגאָסן מיט וואַרעמע טרערן, האָב איך באַמערקט ווען איך האָב אַרויסגעזאָגט מיט אַ באַזונדערער אינטאָנאַציע די ווערטער „מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון", אָדער „מן המצר קראתי י־ה" און „יסור יסרני י־ה ולמות לא נתנני" און דאַן אַ „אנא ה׳ הושיעה נא!"

וויכטיק איז צו באַמערקן, אַז קיין איינער פון די צענדליקער אידן, מיט וועלכע איך האָב גערעדט אין אידיש און אין רוסיש, האָט ביי מיר געבעטן געלט, מלבושים אָדער עסנוואַרג. די וואָס האָבן יאָ עפּעס געבעטן, האָבן פאַרלאַנגט אַ סידור, אַ חומש, אַ תנ״ך, אַ טלית אָדער אַ פּאָר תפילין.

אַ אידיש־רוסישער אינזשעניר פון איבער זעכציק יאָר אַלט, וועלכן איך האָב געטראָפן צופעליק דורך אַן אַמעריקאַנער טוריסט, האָט מיר דער־ציילט ווי ער האָט געפּראַוועט אַ סדר ביי זיך אין הויז פאַר זעכצן מענטשן, איינשליסנדיק זיינע צוויי קינדער און דריי אייניקלעך. „איך האָב געהאַט מצה, וויין און עסנוואַרג פאַרן סדר", האָט ער צו מיר געזאָגט, „אָבער איין זאַך האָט מיר אויסגעפעלט, און דאָס איז געווען אַ הגדה. דעריבער האָב איך אויף מיין אייגענעם שטייגער, אַלץ וואָס איך האָב נאָר געדענקט פון מיין פאָטער און רבי׳ן וועגן יציאת מצרים, האָב איך ביים טיש דערציילט. פון קידוש האָב איך געדענקט נאָר די ברכה „בורא פרי הגפן".

ווערטער, אַפילו אין געשליפענע פראַזן, וועלן קיינמאָל ניט קענען שילדערן ווי אַזוי אַ סידור פון אַ אידן אין דער פרייער וועלט גייט אַריבער צו אַ אידן אין לענינגראַד, מאָסקווע אָדער קיעוו; ווערטער וועלן אויך קיינ־מאָל ניט אויסדריקן די גייסטיקע גרעאַנגלעניש און רעטזועלהאַפּטיקע ווי־דערשפּרוכן אין אַ רייזנדן אידנס האַרץ ווען ער זעט ווי אַ פרוי אַנטזאָגט זיך

צו טרינקען פון קידוש־בעכער וויין, זאָגנדיק „איך האָב געגומען אויף זיך אַ נדר, אַז אויב איך האָב נישט קיין וויין פּסח ביים סדר פאַר די ארבע־כוסות, וועל איך אויך שבת קיין וויין נישט טרינקען"...

ס'איז שווער צו בייוואוינען אַן „אַטשערעד" פון עטלעכע אידן וואַרטנ־דיק אויף אַ געלעגנהייט אָנצוטאָן אַ פּאָר תפילין. אָבער עס איז נאָך שווערער צו זען פילע פאָר תפילין וואַרטנדיק אויף אַ אידן! דער „מיסטעריום מאגנום" — די גרויסע מיסטעריע פון אונזער נאַציאָנאַלן שיקזאַל איז דאָס 47 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע מיט איר אַנטי־רעליגיעזער כוואַליע, וועלכע האָט פאַרשלונגען צאַללאָזע, ריינע, אומשולדיקע נשמות, געפינט אַ „יעווסעק" די נויטיקייט צו באַקעמפן יהדות מיט אַ בייזוויליקן ביכל, וועלכעס פאַלסי־פיצירט דעם תלמוד און טוט עס שווינדלעריש, אָן רחמנות און אָן אַ גרענעץ.

ווען איך האָב געטראָפן דריי אידישע אוניווערסיטעט סטודענטן מיט אַ יונגן פּראָפעסאָר פון אַ פּאָליטעכניקום אין אַ געוויסן פּלאַץ אין רוסלאַנד און זיי האָבן מיר דערציילט ווי זיי לערנען באַהאַלטענערהייט אידישע געשיכטע און פּרקי אבות, האָב איך ביי זיך געקלערט, אַז עס איז פיל לייכטער צו דערפינדן אַ „ספעיס שיף" מיט וועלכער אַרומצורינגלען דעם ערד־קוגל מיט אַ שנעלקייט פון 1,800 קילאָמעטער אַ שטונדע, ווי צו אויסלעשן פון דעם אידנס האַרץ דעם אייביקן געבאָט פון „אנכי ה' אלקיך!"

דער איד, וועלכער האָט צו מיר געזאָגט אויף דער „מאַרקס פּלאַש־טשאַד": „סיי גאָט און סיי איר, אַמעריקאַנער אידן, האָבן אין אונז פאַרגעסן", און דער איד, וועלכער איז געשטאַנען מיט מיר ביים גראַנדיעזן דענקמאָל פון „פּיאָטר וועליקי" וועלכער הייסט „מעדני וואַדניק", און מיט פאַרביטערונג און צאָרן אָנגעוויזן מיטן פינגער, זאָגנדיק צו מיר: „קומט, איך וועל אייך וויזן וואו אייערע מצות ליגן. די קאָמוניסטן זיינען שטאַרק פאַרצווייפלט. זיי ווייסן, אַז דער אידישער הייגט איז די הקדמה פון מאָרגן".

די רוסלאַנד פון ניקיטאַ כרושטשאָוו איז זיכער נישט די רוסלאַנד פון סטאַלינען. ס'קען ניט פאַרלייקנט ווערן, אַז די לאַגע איז פאַרלייכטערט פון דער שרעקלעכער שטרענגקייט, וואָס דער טיראַן סטאַלין האָט אַרויפגעצוואונ־גען אויפן רוסישן פאָלק. די מאַטעריעלע לאַגע פון די בירגער האָט זיך פאַרבעסערט.

אמת, דעם פריילעך־זאָרגלאָזן געזיכט, וועלכן מען זעט אין תל־אביב, ניו־יאָרק, פּאַריז, לאָנדאָן אָדער רוים, זעט מען נישט אויף די גאַסן פון מאָסקווע. אָבער די אַלגעמיינע באַפעלקערונג שעצט ניקיטאַ כרושטשאָווס זאָרג וועגן „אַ בעסערער שיסל גולאַש, אַפילו אויפן חשבון פון דער וועלט־רעוואָלוציע". צוליב דעם איז נאָך שווערער צו פאַרשטיין די איצטיקע, כמעט אומגעענדערטע לאַגע פון אידן און אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אין דער זעלבער סאָוועט־רוסלאַנד, וואו איבער 30,000 פּראַוואָסלאַוונע גלחים, אַלטע, מיטל־יאָריקע און אַפילו יונגע, פירן אָן זייער רעליגיעזע דינסט אין איבער 20 טויזנט קירכעס פאַר אַרום 25 מיליאָן באַזוכער — אין דער זעלבער רוסלאַנד איז געבליבן ווינציקער ווי 100 שולן פון איבער 5,000 שולן אין דער צאַרישער צייט.

אין דער זעלבער רוסלאַנד, וועלכע דערלויבט דער רוסישער קירכע צו דרוקן אַן אייגענע צייטונג, ביבליעס און „מאָליטוועניקעס" — און אַפילו צו פאַבריצירן זייערע „איקאָנעס", קאָן מען אַ סידור אָדער אַ חומש און אַ פּאָר תפילין ניט קריגן.

אין דער זעלבער רוסלאַנד, וואו די רעגירונג דערלויבט דער פּראַוואָ־סלאַוונער קירכע אָנצופירן מיט 9 סעמינאַרן און צוויי אַקאַדעמיעס מיט איבער טויזנט סעמינאַריסטן, איז נישטאָ קיין איין ישיבה אָדער תלמוד־תורה.

אין דעם זעלבן לאַנד, וואו איבער 40 פּראָצענט פון די געבוירענע קינדער ווערן באַפּטיזירט אין דער קירכע, איז נישטאָ קיין בר־מצוה און קיין ברית, ביי אידן.

אין די איבער 300 יאָר פון צאַרישן רעזשים איז אין רוסלאַנד נישט געווען קיין אייגענער סינאָד און אַרכימאַד — היינט קומען זיך צונויף אין דער סאָוועטישער רוסלאַנד רעגלמעסיק מעטראָפּאָליטן פון דער אָרטאָקסישער קירכע איבער דער וועלט קיין מאָסקווע. די רוסישע גייסטלעכע, פון זייער זייט, פאָרן פריי צו פאַרבינדן באַציאונגען מיט זייערע מיטגלויבנדע אין אויס־לאַנד.

עלנט, איזאָלירט און הערמעטיש אָפּגעזונדערט פון דער וועלט זיינען די קליינע צאָל רבנים און די דריי מיליאָן אידן פון רוסלאַנד. היינט מוז מען שוין אַפילו מקבר זיין אידן אויף די גוי'אישע קלאַדביסטשעס (סעמעטעריס).

די פאַקטן קען מען נישט אָפּלייקענען און מען מוז זיי טאַקטיש, פאַר־זיכטיק און דיפּלאָמאַטיש ברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער סאָוועט־רעגירונג — דורך וועלט־באַרימטע תורה־אויטאָריטעטן.

האָבנדיק געלעבט אין רוסלאַנד, האָבנדיק באַזוכט איצט רוסלאַנד און וויסנדיק עטוואָס וועגן דער קאָמוניסטישער שטימונג און שטעלונג, צווייפל איך זייער שטאַרק אין דער ראַטזאַמקייט אָדער פּראַקטישע נוצן פון פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס. פּערזענלעכע, הויך־שטופּיקע פאַרהאַנדלונגען מיט אַן אויס־שליסלעך רעליגיעזן מאָטיוו דורך גדולי ישראל וועט פיליכט מער אויפטאָן ווי עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס פון צאָרן און פאַרביטערונג. ס'איז מעגלעך, אַז אַזאַ צוגאַנג פון פּעטיציע און טאַקטישע אונטערהאַנדלונגען וועלן ברענגען אַ פאַרלייכטערונג אין דער איצטיקער לאַגע.

סאָוועט־רוסלאַנד דורך אידישע און ניט־אידישע אויגן

אַ געשפּרעך מיט אַן אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד. — רוסישע אידן, וואָס זיינען עולה קיין מדינת ישראל.

נאָך אַן אומרואיקער און שלאָפלאָזער נאַכט פון זאָרג און שרעק האָבן מיר אָנגעפאַנגען זיך גרייטן אין וועג צו פאַרלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד און פאָרן קיין מדינת ישראל. כאָטש אונזער אויפפירונג אין רוסלאַנד דורך די טעג פון אונזער באַזוך איז געווען אין הסכם מיט די דירעקטיוון פון דער סאָוועט־רעגירונג און פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז דאָך געווען אַ מעגלעכקייט, אַז עס זאָל זיין אַן אויסרייד פאַרוואָס מ׳זאָל זיך צו מיר ווענדן טשעפּען, ספּעציעל וואָס איך בין אַ געבוירענער און אַ געוועזענער איינוואוינער פון ראַטן־פאַרבאַנד, זיינען מיר געווען אומרואיק צוליב די ענדלאָזע און פאַרשידנאַרטיקע איבערקלערונגען, וועלכע האָבן אונז געפּלאָגט און געמאַטערט.

פאָרנדיק פון האָטעל מעטראָפּאָל צום לופט־פעלד דורך לעניגראַדסקי פּראָספּעקט, האָב איך געפרעגט דעם שאָפער:

— ווי קומט עס, וואָס איך זע דאָ נישט קיינע גאַסן אויף די נעמען פון טראָצקי, ריקאָוו, זינאָוויעוו און סטאַלין?

מיט אַ שמייכל האָט ער מיר געענטפערט:

— האָט איר, אין אַמעריקע, אַ גאַס אויפן נאָמען פון האַרווער אָסוואַלד?

ביים אַרויספאָרן פון מאָסקווע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן קליינע אַלטע רוסישע „כאַטקעס" מיט צעבראָכענע ווענט, צעפאַלענע דעכער און אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע פויערים מיט זייערע פרויען און קינדער. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אַז אַזאַ בילד זאָל זיין מעגלעך 47 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע און ספּעציעל אין דער „גלאָררייכער עפּאָכע" פון דער טריאומפאַלער רייזע פון די קאָסמאָנאַטן אין דער ווייטקייט פון „ספּעיס"! ווייטער אַביסל האָבן זיך באַוויזן אויףביידע זייטן פון שאָסעי שיינע פּרעכטיקע בעראָזעווע וועלדער, וועלכע האָבן דערוועקט אָנגענעמע, אומפאַרגעסבאַרע קינדערשע דערינערונגען פון וואונדער־שיינע מאַיעסטעטישע וועלדער, וועלכע

האָבן אַרומגערינגלט מיין געבורטס־שטאָט, די היסטאָרישע וועליזש, ביי דעם טייך דווינע, פון וועלכער מיין פאָטער הגאון ר׳ אליעזר זצ״ל פּופּקאָ איז געווען רב הכולל פון 1909 ביז 1931. אַ זעלטענע קונסט־ווערק־מאָלעריי פון אַ בערעזאָוון וואַלד פון דעם באַרימטן רוסישן קינסטלער א. י. קוּאינדזשי האָבן מיר פיר טעג פריער געזען אין דער „טרעטיאַקאָווסקאַיאַ גאַלערעיאַ״, אין מאָסקווע.

אָנקומענדיק אויפן לופט־פעלד האָבן מיר באַמערקט אַ מיליטערישן מאַרש מיט אָפיצירן און איניקע גענעראַלן, אָנגעטאָן מיט די טיפּיש־רוסישע לאַנגע שינעלן און טיפע שטיוול. אין שפּיץ איז געגאַנגען אַ מיליטערישער אָרקעסטער און הילכיק געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. רוסישע און אויס־לענדישע פאָנען האָבן געפלאַטערט. מיין באַגלייטער פון „אינטוריסט״ האָט דערקלערט, אַז דער פּאַראַד איז לכבוד דעם פּרינץ פון לאַאָס, וועלכער האָט פאַרענדיקט זיין באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער זעלבער קאָמיסאַר האָט מיט שאַלק צוגעגעבן: „קאָזשדי דען מי וסטרעטשאַיעם אי פּראָוואָזשאַיעם אינאָסטראַנניך גאָסטעי — קאָראָלי, פּרינצי אי דיפּלאָמאָטי״ — יעדן טאָג באַגעגענען מיר און באַגלייטן קעניגן, פּרינצן און דיפּלאָמאַטן, וועלכע קומען אָנקוקן דעם וואונדערלעכן פאָרשריט פון אונזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט און ווילן אונז העלפן פאַרהיטן דעם שלום פון דער וועלט...

פרעג איך דעם קאָמיסאַר:

— אין דעם „אינטערנאַציאָנאַל״ ווערט גערעדט אין קלאָרע ווערטער קעגן קעניגן, צאַרן און פּרינצן: „קיינער וועט אונז נישט באַפרייען, נישט ג־ט, נישט דער צאַר און נישט קיין העלד״... טאָ ווי אַזוי פילט זיך אַ קעניג אָדער אַ פּרינץ, ווען ער הערט אייער „קבלת פנים״?

זיין ענטפער איז געווען העכסט אינטערעסאַנט:

— נישט אַלע קעניגן זיינען גליך!...

די כמעט אומשולדיקע באַמערקונג פון מיין סאָוועטישן באַגלייטער האָט מיך איבערצייגט, אַז צייטן האָבן זיך געענדערט. פּיליכט איז יעווטו־שענקאָ באַרעכטיקט צו ריידן וועגן דער „אייז־שמעלצונג״־עפּאָכע אין רוס־לאַנד?

צו מיין אומדערוואַרטעטער און אָנגענעמער איבערראַשונג האָבן מיר באַמערקט ביי דער „טאָמאָזשנע״־אָפּטיילונג אויפן לופט־פעלד־וואָקזאַל דעם הויפּט־סעקרעטאַר פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, וועמען איך האָב

באַגעגנט צום ערשטן מאָל מיט אַ וואָך צוריק אין דער מאָסקווער שול. לעבן אים זיינען געשטאַנען צוויי אידישע פּאָרלעך אין די מיטעלע יאָרן און אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן. ווי גליקלעך מיר האָבן זיך געפילט ווען דער ישראל־דיפּלאָמאַט האָט אונז מיטגעטיילט, אַז די צוויי אידישע פאַמיליעס פון רוסלאַנד פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל און אַז זיי וועלן זיין פּאַסאַזשירן אין אונזער עראָפּלאַן.

פיינלעך איז געווען בייצוואוינען דאָס בילד וויט מיט ציטערדיקע הענט, בלאַס־צעשראָקענע געזיכטער און אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן די גליק־לעכע אידן געעפנט זייערע צעריסענע טשעמאָדאַנען פאַר די קאָמיסאַרן פון דער „טאָמאָזשנע". מיט ווייטיק האָבן מיר צוגעקוקט ווי שטאַמלענדיק־צע־שראָקן האָט איינע פון די פרויען אויפגעקלערט דעם קאָמיסאַר דעם ווערט פון איר באַשיידן חתונה־רינגל אויף איר פינגער. האַרץ־רייסנד איז געווען צוצוזען די טרערן, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן ביים געזעגענען זיך מיט זייערע פאַרבליבענע פריינט און משפחה אין רוסלאַנד. און דאַקעגן, האָבן די קאָמי־סאַרן זיך העפלעך און פריינטלעך באַצויגן צו אונז, טוריסטן. נאָר איינעם פון אונזערע טשעמאָדאַנען האָבן זיי געהייסן עפענען פאַר אַ לייכטער, אויבער־פלעכלעכער אינספּעקציע. מיר האָבן אַפילו זיך געוויצלט איינער מיטן אַנדערן און האָבן האַרציק געלאַכט, ווען איך האָב פאַר זיי דעקלאַמירט אויף אויסנ־ווייניק לערמאָנטאָווס „וואָזדושני קאָראַבל" וועגן נאַפּאָלעאָנען.

מיט געמישטע געפילן פון פרייד און פיין זיינען מיר אַריין אין דעם סאָוועטישן סאַמאָליאָט — עראָפּלאַט: פרייד, וואָס מען איז בשלום אַרויס פון דער אָנגעשטרענגטער אַטמאָספערע; פיין — צוליב די דריי מיליאָן אומ־גליקלעכע, עלנטע און דערשלאָגענע ברידער און שוועסטער, וועמענס פּנימ'ער פול מיט לייד שטייען נאָך פאַר מיינע אויגן!

אין עראָפּלאַן, אין דער זעלבער שורה מיט אונז, די ערשטע רייע ביים אַריינגאַנג לעבן דעם פּילאָטס קאָבינע, איז געזעסן נאָענט צו אונז אַ יונג פּאָרפאָלק אין די דרייסיקער יאָרן. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק אַלס קולטורעלע מענטשן פון דער פרייער וועלט. ווען מען האָט זיי דערלאַנגט פרישטיק אויפן טאַץ מיט קאַלטן, געקאָכטן — און ווי דער יונגערמאַן האָט געזאָגט צו מיר — פאַרעלטערטן עוף — האָבן זיי עס אָפּגערוקט פון זיך און עס נישט אָנגערירט. גלייך האָבן מיר זיי פאַרגעלייגט אַ טייל פון אונזערן אַמעריקאַנער, כשר'ן, וואורשט און זיי האָבן זיך ממש פּאַסמאַקעוועט. דער יונגערמאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין

דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע איבער דריי יאָר צייט. איצט, צוזאַמען מיט זיין פרוי, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע. ער האָט שטודירט אין האַרוואַרד און האָט גערעדט מיט אַ פערפעקטן רוסיש. מיר האָבן געשמועסט דעם גאַנצן וועג פון מאָסקווע ביז ווין. צווישן אַנדערעס האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן, אין וואָס פאַראַ שווערער און דעליקאַטער לאַגע עס געפינט זיך דער בריליאַנטענער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. איך ווייס נישט, וואו נעמט ער די געדולד און דעם כוח אויס־צוהאַלטן.

און דאָ איז געקומען די וויכטיקסטע באַמערקונג פונעם געשפּרעך:

— איך קאָן ממש נישט פאַרשטיין דעם ווידערשפּרוך, וועלכן מיר האָבן דאָ אין מאָסקווע באַמערקט — האָט דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט פאַר־געזעצט. — פון איין זייט רעדט מען דאָרט וועגן אַ קלאַסנלאָזן און ראַסן־פרייער געזעלשאַפט און פון דער אַנדערער זייט פלעגן מיר, ביי די דיפּלאָ־מאַטישע אָוונטן, גלייך נאָך אַ פּאָר גלעזלעך וואָדקאַ, הערן פון הויכע סאָווע־טישע באַאַמטע גיפטיקע און וואולגאַרע וויצן און באַמערקונגען אויפן חשבון פון אידן און מדינת ישראל. שרעקלעכער אָבער איז געווען צו הערן זייערע אַנטיסעמיטישע באַמערקונגען ווען זיי זיינען נאָך געווען ניכטער...

פאַרשטייט זיך, אַז דורך דער גאַנצער צייט פון אונזער געשפּרעך האָבן מיר ביידע זיך גוט געהיט און פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט צי אימיצער הערט זיך נישט צו צו אונז. דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט האָט מיר געזאָגט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פילט זיך אין אַלע שיכטן פון דער רוסישער געזעל־שאַפט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט קיין איין אידישן באַאַמטן נישט געטראָפן אין אויסערן־מיניסטעריום. און ער, דער דיפּלאָמאַט, האָט מיר געבעטן אויפקלערן די מיסטעריע פון אָט־דער דערשיינונג אין סאָוועט־רוסלאַנד...

צוועלף אַזייגער מיטאָג־צייט זיינען מיר אָנגעקומען קיין ווין. ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם עראָפּלאַן און אויסגעשטיגן אויפן ווינער לופט־פעלד, האָבן מיר אַלע געפילט די פרייד פון פרייהייט און די ברכה פון נישט שרעקן זיך פאַר יעדן וואָרט וואָס מען רעדט אַרויס. מיט אַ געפיל פון פּאַטעטישער געדעכטיקייט האָב איך געקוקט אויפן ווינער לופט־פעלד וואָקזאַל אויף די ישראל־צייטונגען „מעריב", „דבר" און „הצופה", וועלכע זיינען דאָרט, צוזאַ־

מען מיט אַנדערע צייטונגען, אויסגעשטעלט געוואָרן צום פאַרקויף. צו זען די הייליקע אותיות פון לשון־קודש אויף דעם פאַרשאָלטענעם בלוט־דורכ־געווייקטן באָדן פון די דייטשע בעסטיאַלישע פאַרברעכער איז געווען אַ האַרץ־רירנדע דערפאַרונג.

גאָר אַנדערש איז געווען די שטימונג אין דעם עראָפּלאַן פון ווין אויפן וועג קיין ישראל. דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אידן פון אַמעריקע און איירָאָפּע, וועלכע, צוזאַמען מיט אונז, מיט קינדערשער קוריאָזיטעט און יוגנט־לעכן אומגעדולד, האָבן מיר ממש געציילט די מינוטן, ביז מען וועט דער־גרייכן דאָס גליק פון לאַנדן אין ארץ ישראל. דער אַנאָנס, אַז מיר דער־נענטערן זיך צו תל־אביב האָט אונז אַרומגעכאַפּט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, שנעל־פּולסירנדיק, האָבן מיר אַרונטערגעקוקט פון דער געדיכטער נאַכט־פינסטערניש אויף דער לעבעדיק־באַלויכטענער שטאָט תל־אביב.

סאָוועטישע ביכער קעגן דער אידישער רעליגיע

וואָס די דאָזיקע ביכער שטעלן מיט זיך פאָר. — זייער אַנטיסעמי־טישער כאַראַקטער.

צווישן די ביכער, וועלכע מיר האָבן מיטגעבראַכט פון סאָוועט־רוס־לאַנד, פאַרדינען אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט: „בעז באַגאַ שירעיע דאָראָגאַ" (אָן ג־ט איז דער וועג ברייטער, פון א. מ. זשיגוליעוו); „מי פּאָרוואַלי ס'רע־ליגיעי" (מיר האָבן איבערגעריסן מיט רעליגיע), אין וועלכן אַ גלח־סטודענט, אַ סעמינאַריסט, אַ קירכע־באַאַמטער און אַן עוואַנגעליסט שילדערן זייערע גליקלעכע שיידונג פון זייער גלויבן און זייער טריאומפאַלע „באַפרייאונג" פון די „שווערע קייטן פון גלויבן".

„פּאָעטי איזראַאילאַ" (די פּאָעטן פון ישראל) — אַן איבערזעצונג פון פּאָעמעס, געשריבן אין העברעאיש, אידיש און אַראַביש, פון פּאָעטן אין ישראל, איבערגעזעצט אויף רוסיש פון אייניקע איבערזעצער און רעדאַגירט פון באָריס סלוצקי; און דאַן דאָס טרויעריק־באַרימטע ביכל „טשטאָ טאַקאָיע תלמוד?" (וואָס איז דער תלמוד?) פון מ. ס. בעלענקי, זיינען אויך צווישן די ליטע־ראַרישע „פּערל" פונעם לאַנד פון די סאָוועטן.

דאָס ערשטע ביכל, „אָן ג־ט איז דער וועג ברייטער", אַנטהאַלט איבער 125 זייטן פון אַטעאיסטישע וויצן, גלייכווערטלעך און שפּריכווערטער אויפן חשבון פון גלח, קלויסטער, מאָנאַסטיר, מאָנאַכן און מאָנאַשקעס. בלויז עטלעכע פון די וויצן זיינען „געווידמעט" דעם רב און דער שול. אויף אַ ציניש־גיפטיקן אופן, ביליק און בייזוויליק ווערט חוזק געמאַכט פון רעליגיע און אירע דינער און באַדינער. עס וואָלט געווען געשמאַקלאָז דאָ צו ציטירן אפילו אייניקע פון זיי.

די ביכער האָב איך געקויפט אין מאָסקווע אויף אַ „ניוס־סטענד", וואו מען פאַרקויפט די טעגלעכע צייטונגען און וועכנטלעכע זשורנאַלן. אין איינ־קלאַנג מיט דער אַלגעמיינער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע פון דעם קאָמו־ניסטישן רעזשים, ווערן די דאָזיקע ביכער און אַנדערע פון ענלעכן אינהאַלט שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג.

אַ גאָר פּאָפּולערער מאָנאַטלעכער זשורנאַל פון דעם סאָרט איז „נאַוקאַ

אי רעליגיאַ״ (וויסנשאַפט און רעליגיע), וועלכן איך האָב אויך געבראַכט מיט זיך.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די באַדייטנדע פאָרשריט און די דערפאָלגרייכע דערגרייכונגען, וועלכע די סאָוועטישע וויסנשאַפט האָט געמאַכט אויפן געביט פון פליען אין רוים און אַרומרינגלען דעם ערד־קוגל, ווערן זייער שטאַרק אויסגענוצט אין דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף קעגן אמונה. די קאָסמאָנאַוטן ווערן ציטירט וועגן „וואָס זיי האָבן אין הימל געפונען און וואָס זיי האָבן דאָרט נישט געפונען". ווי עס ווייזט אויס, האָט יורי גאַגאַרין „פאַר־זען" אַ פּסוק אין תהלים: „כי אראה שמיך, מעשה אצבעותיך, ירח וכוכבים אשר כוננתה. מה אנוש כי תזכרנו ובן־אדם כי תפקדנו". עס ווענדט זיך ווער עס קוקט...

די איבער 200 זייטן פון דעם „סבאָרניק" (אַנטאָלאָגיע), וועלכער אַנט־האַלט די איבערגעזעצטע לידער פון די ישראלדיקע און פון אייניקע אַראַ־בישע פּאָעטן, איז אַ וויכטיקע און אינטערעסאַנטע דערשיינונג. אמת, אין דער הקדמה פון דער „איזדאַטיעלסטוואָ" דערמאָנט מען דעם לעזער וועגן דער „קאָלאַבאָראַציע מיט דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט מיט די ציוניסטן", וועגן דער „פאַרזיגלונג פון דער פּאַלעסטינער פּאָעזיע מיטן בורזשואַזן נאַציאָנאַ־ליזם" און וועגן דעם נישט־רעאַליסטישן אינהאַלט פון דער פּאָעזיע, ווי אויך וועגן דער „ענדלעכער אַנטוויקלונג פון אייניקע פון די פּראָגרעסיווע פּאָעטן אין דער אַמעריקאַנער־פאַרשקלאַפּטער ישראל־רעגירונג" אדג"ל. אָבער עס איז שווער אָפּצולייקענען, אַז די פאַרשפּרייטונג פון אַזאַ ווערק היינט אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַ פּאָזיטיווע באַדייטונג. אַ דאָקטאָר אין מאָסקווע האָט מיר דערציילט ווי ביי אים אין הויז האָט מען פאַרגעלייענט פּאָעזיע פון דעם ביכל און ווי געריהרט די אַנוועזנדע זיינען געווען ווען מען האָט פאָרגע־לייענט אויף זייט 50 דאָס ליד „סערעבריאַנאַיע בליודאַ" (די זילבערנע טאַץ) פון נתן אַלטערמאַן, וואָס שילדערט ווי אין דער שטילקייט און פינסטערניש פון דער נאַכט באַוועגן זיך די געשטאַלטן פון צוויי יונגע מענטשן, אַ מאַן און אַ פרוי. זיי ריידן נישט, זייערע קליידער זיינען איינפאַך און זייערע שיך שווערע. זייערע קערפּערס זיינען באַדעקט מיטן שטויב פון שלאַכט־פעלד. זייערע אויגן רירן זיך נישט. אַלע וואונדערן זיך: ווער זיינען זיי? ווי אַזוי זיינען זיי אויפגעשטאַנען? דער עולם שרייט אויס און פרעגט זיי: „קטאָ ווי?" (ווער זייט איר?) און זיי ענטפערן: „מיר זיינען די זילבערנע טאַץ, אויף וועלכער מען האָט אייך די אידישע מדינה צוגעבראַכט". און זיי גייען ווייטער. דאָס איבעריקע וועט די געשיכטע דערציילן.

פיכמאַן, קרני, כהן, רחל, שלאָנסקי און אַנדערע פּאָעטן זיינען איינ־געשלאָסן אין דער איבערזעצונג.

דער פאַקט אַליין, אַז אין 1963 איז אין מאָסקווע אַזאַ בוך געדרוקט געוואָרן, ווייזט אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די צוקונפט זאָל אויך ברענגען אַנדערע דערמוטיקדיקע דערשיינונגען פאַר אידן און אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

געשיכטע באַשטעטיקט, אַז קיין איינער פון אונזערע מאָנומענטאַלע, גייסטיקע אוצרות, איינשליסנדיק דעם תנ״ך, האָט נישט אַרויסגערופן קעגן זיך אַזאַ ביטערן צאָרן, ווי דער תלמוד. אינערלעכע און אויסערלעכע געגנער פון יהדות, סיי די קירך און סיי די צדוקים, קאַראַאימער און אַנדערע אָפּ־נייגער פון דעם הויפּט־שטראָם פון יהדות אין 19־טן יאָרהונדערט, האָבן אויסגעקליבן אַלס סטראַטעגישן הויפּט־פּונקט פון אַנגריף און פאַרפאָלגונג נאָר דעם תלמוד, וואָס איז די אויסשליסלעך־שטאַרקע און פאַרלעסלעכע בריק צווישן תורה און לעבן. אונזערע געגנער האָבן תמיד אָנערקענט און באַטראַכט דעם תלמוד נישט נאָר אַלס אַן אויסשליסלעך אידיש ווערק, נאָר אויך אַלס גראַנדיעזן גרונטשטיין פון אַ דינאַמישער, פולסירנדיקער און שעפערישער יהדות.

איבער 30 מאָל איז דער תלמוד פאַרברענט געוואָרן אין די יאָרן צווישן 1244 און 1757 אין רוים, פּאַריז, לאָנדאָן, באַרצעלאָנאַ, ווענעציע, פּוילן און אין אַנדערע ערטער. די בייזוויליקע און שווינדלערישע פאַלסיפיצירונגען פון דעם תלמוד דורך די שונאי ישראל פון פינסטערן מיטלאַלטער געפינען אַן אויטענטישן אָפּקלאַנג אין דעם טרויעריקן ביכל (145 זייטן) פון דעם יעווסעק מ. ס. בעלענקי. עס איז ממש שווער צו גלויבן, אַז עס איז מעגלעך אָנ־צופילן 145 זייטן פון אַ קליין ביכל מיט אַזוי פיל שקרים, פאַרדרייאונגען און פאַרדאַרבונגען.

גלייך אין דער הקדמה דערקלערט דער מחבר, אַז „די מאָדערנע אידישע קלעריקאַלן טרייבן־איבער און זיינען מגזם וועגן דעם באַדייט פון תלמוד״. ספּעציעל וואַרפט זיך אין די אויגן וואָס דער מחבר נעמט קוים אין באַטראַכט די גרויסע ריזן, ניט נאָר אין תורה, וואָס די ישיבות פון מזרח־אייראָפּע האָבן אַרויסגעגעבן — שטאַטסלייט, דענקער, וויסנשאַפטסלייט און קינסטלער, וועמענס מוחות זיינען געשאַרפט און געשליפן געוואָרן אויף דער האַרטער ישיבה־באַנק, לערנענדיק אַ סוגיא אין „אבדה ויאוש״, „ממון המוטל בספק״ א. אַנד.

אין דער זעלבער הקדמה שרייבט בעלענקי: „די אידישע טעאָלאָגן און די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן האָבן געגלויבט, אַז סיי דער תנ״ך און סיי דער תלמוד זיינען תורה מן השמים״. ווייזט אויס, אַז עס איז שווער צו באַמערקן דורכן אייזערנעם פאָרהאַנג דעם טיפן אונטערשייד, וואָס אַפילו דער איבערפלעכלעכער באַאָבאַכטער קען מערקן צווישן דעם טעאָלאָג און דעם נאַציאָנאַליסט, צווישן דעם שר התורה און דעם שר המדינה!...

די משנה, לויט בעלענקין, האָט „געהייליקט אונטערדריקונג און עקס־פּלואַטאַציע, קלאַסן־אונטערשייד און קנעכטשאַפט און האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון די אידישע און רוימישע אונטערדריקער״.

די בייזוויליקע פאַלשע באַשולדיקונג איז אַזוי גרונטלאָז, לעכערלעך און פּאַטעטיש, אַז עס איז גאָרנישט נויטיק צו ציטירן די שטעלעס אין בבלי, אין ירושלמי און אין די פּוסקים, וועלכע זיינען אַ מוסטער פון די העכסטע סטאַנדאַרטן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אידישן יושר פאַר דעם אַרבעטער און דעם שוואַכערן.

כאָטש בעלינקי ציטירט פיל פון תנ״ך און ספּעציעל פון תלמוד און מדרש, זיינען אָבער זיינע ציטאַטן האַלבע אמת׳ן, פאַלשע אויסטייטשונגען און אויסגעטראַכטע פירושים, וואָס נאָר אַ פאַרדאַרבענער, גיפטיקער, קראַנקער גייסט און אַ פאַרביטערט האַרץ קען אַזעלכעס אויסטראַכטן. סיי ווען ער רעדט וועגן דעם סטאַטוס פון דעם „עם הארץ״ און דעם „חבר״, די „פיינטלעכע״ באַציאונג פון די לומדי תורה צו די אידישע מאַסן, אָדער וועגן דעם פּלאַץ פון דער פרוי אין דער אידישער געזעלשאַפט, ווייזט דער מחבר אַרויס זיין אָרעם וויסן און קליינעם פאַרשטאַנד פון תורת משה און חז״ל.

בעלינקי שרייבט, אַז דער „לא תגנוב״ האָט קיין אָרט נישט אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואו עס איז ניטאָ קיין פּריוואַט אייגנטום. האָט דען בעלענקי נישט באַמערקט דעם באַריכט אין די סאָוועטישע ציטונגען וועגן די 16,000 רעגירונגס־בעאַמטע אין קאַזאַקסטאַן אַליין וועלכע זיינען פאַראור־טיילט געוואָרן פאַר גניבה און קאָרופּציע אין 1963?! גלייכצייטיק, ווייזט אויס, אַז בעלינקי האָט פאַרגעסן אָדער קיינמאָל נישט געוואוסט די ברייטע, עלזייטיקע באַדייטונג פון דעם „לא תגנוב״, וואָס רירט אָן אַזוי פיל מענטש־לעכע סיטואַציעס פון לעבן — אויסער אייגנטום, ווי „גונב דעת הבריות״, „המסרב לחברו לארחו ואין בלבו לקרותו״ א. אַנד.

ס׳איז ממש פּאַטעטיש ווי בעלינקי מאַכט אַ פאַרזוך איינצושליסן אין

זיין ביכל נישט נאָר דעם תלמוד, נאָר אויך קבלה, דעם רמב״ם, די פּוסקים, רעפאָרם־אידישקייט, חסידיזם, און ספּעציעל ווען ער זאָגט דאָס „רעקאָנס־טראַקשאָן״־אידישקייט אין אַמעריקע וויל אומקערן יהדות צום מיטלאַלטער תלמודיזם! ער ציטירט אפילו רעפאָרם־אידן קעגן דעם „אימפּעריאַליסטישן״ ציוניזם און באַדויערט די הערשאַפט פון די קלעריקאַלן איבער די מאַסן אין ישראל. איין זאַך מוז מען יאָ צוגעבן: ס׳איז נישט לייכט אים אָפּצופרעגן, ווען ער רעדט וועגן דער קליינער צאָל אידן, וועלכע באַזוכן שולן אין אַמעריקע. ער דערציילט דעם רוסישן פאָלק, אַז בלויז 9 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע באַזוכן די שול שבת; 15 פּראָצענט יום־טוב, און 73 פּראָצענט יום כפור.

אויפן פאָדער־בלאַט פון בוך ווערט געשריבן, אַז עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „אַקאַדעמיאַ נאַאוק ס. ס. ס. ר.״, און אַז דאָס איז פון דער סעריע באַלערענדיקע פּאָפּולערע ביכער.

אמת, בעלינקי „ברענט״ דעם תלמוד, אָבער גלייכצייטיק ווערט דורך אים געוויזן דער מיסטעריעזער רעטזעלהאַפטער כוח פון דער גמרא דורך דעם, וואָס 47 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, איז נאָך אַלץ נויטיק צו באַקעמפן די ענדלאָזע ווירקונג פון דער תורה אויף דעם אידן.

באַגעגעניש מיט אידישע פּליטים אין רוים

אידן אין דער איצטיקער רוים אין ליכט פון דער אַמאָליקער רוים.
— רוים און ירושלים לויט אַ נייעם נוסח.

אין מאָסקווע האָבן מיר בייגעוואוינט דעם רייצנדן כישוף פון נצחון און די טיפע פיין פון הילפלאָזיקייט. אין ירושלים האָבן מיר געזען די קדושה פון תורה און די אייביקייט פון אַ פאָלק. אין רוים האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן שאָטנס פון גרויזאַמער מאַכט און אַ צויבער פון אַלטערטום.

פאָרנדיק פּרייטיק פרימאָרגן פון רוימישן לופט־פעלד אין אַן אויטאָבוס אויף אַ גלייכן, ברייטן וועג, וועלכן מוסאָליני האָט געבויט, האָבן מיר באַמערקט אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי אַ חורבה מיט שטיקער ווענט און ריזיקע זיילן פון מאַרמאָר־שטיין. אונזער וועגווייזער האָט אויפגעקלערט, אַז די חורבה איז אַמאָל, מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, געווען אַ אידישע שול, וועלכע די אידן פון רוים האָבן געבויט. אַריינפאָרנדיק אין צענטער פון רוים און דערזעענדיק די גרויסע, הויכע קירכע־געביידעס, דעם קאָלאָ־סאַלן „מאָנומענטאָ וויטאָריאָ עמאַנועלאָ״, פּיאַצאַ באַרבעריני, די קינסטלעכע וויסע פאָנטאַנען אאַ״וו, האָב איך זיך דערמאָנט די גמרא (מכות כד, א): „וכבר היו רבן גמליאל ורבי אלעזר בן עזריה ורבי יהושע ורבי עקיבא מהלכין בדרך ושמעו קול המונה של רומי... והתחילו בוכין ורבי עקיבא משחק״. מען דאַרף זיין אַ רבי עקיבא אויף צו זאַמלען גענוג מוט כדי נישט צוזאַמענ־ברעכן, ווען מען זעט אַ חרובן בית המקדש און אַ גלענצנדיקן, ריזיק־שיינעם רוימישן מאָנומענט.

ווידער האָט געקלונגען אין מיינע אויערן די אומפאַרגעסלעכע הבדלה, וועלכע כ׳האָב מיט דריי וואָכן פריער געהערט פון דעם שמש אין דער מאָסקווער שול אין בית־המדרש. אַרכיפּאָווע גאַס איז שוין געווען פאַרטונקלט אין אַ געדיכטער פינסטערניש, און דאָ, אין שול, צוזאַמען מיט די ליידנדיקע רוסישע אידן, זיינען מיר געשטאַנען אַרום דער בימה און אין דער האַלב־ליכטיקער און האַלב־פינסטערער אַטמאָספערע געהערט די זיסע, רירנדיקע שטימע, פול מיט געפיל און באַדייטונג, און די ווערטער: „הנה א־ל ישועתי — ג־ט איז מיין אויסלייזונג, מיין הילף — אבטח ולא אפחד, — כ׳וועל האָפן און ניט מורא האָבן...״ און גלייך ווי ער האָט פאַרענדיקט די

ווערטער „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר — די אידן האָבן געהאַט ליכטיקייט, פרייד, צופרידנקייט און ערע" — האָבן אַלע, מיט הויכע שטימעס און מיט האַרץ אויסגעשריען ספּאָנטאַניש: „כן תהיה לנו — אַזוי זאָל עס אויך זיין מיט אונז!" עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך אויסצו־שרייען אין מאָסקווע „כן תהיה לנו" און אַפילו אויך אין רוים... אָבער, אַז מען געדענקט דעם „המבדיל... בין ישראל לעמים", באַקומט דער „כן תהיה לנו" גאָר אַן אַנדער באַדייטונג.

פון אונזער האָטעל אין רוים, מאַסימאָ דעאַנזעליאָ אויף וויאַ קאַוואור, ביז דער אשכנזישער שול אויף וויאַ אַגאָסטינאָ דע פּרעטיס, איז געווען אַרום פופצן מינוט גאַנג. די קליינע שול געפינט זיך אויפן צווייטן שטאָק פון אַן אַלטער אַפּאַרטמענט־מויער, וואו עס געפינען זיך איינציקע איטאַליענישע פאַ־מיליעס.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין דער שול ערב שבת צו מנחה, האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַ באַדייטנדיקע צאָל אידן, פליכטלינגען פון רומעניע, מיט זייער רב. די פרייד, וועלכע מיר האָבן געזען אויף די געזיכטער פון די רומענישע אידן אויפן לופט־פעלד אין לוד, ישראל, האָבן מיר נישט באַמערקט אויף די מידע, וואַנדערנדיקע אידן, וועלכע וואַרטן אין רוים אויף וויזעס. דאָ האָבן מיר אויסגעפונען, אַז די 13,000 אידן פון רוים זיינען פאַרזאָרגט און אויפגערעגט צוליב דעם אַנאָנימן בריוו, וועלכן ראַבינאָ קאַפּאָ טאָאַף, דער הויפט־רב פון איטאַליע, האָט געקראָגן די וואָך און אין וועלכן די אויפגע־לעבטע נייע פאַשיסטישע פאַרטיי סטראַשעט צו באָמבאַרדירן די הויפט־שול אויף לאַנגאָטעווערע סענטשי דעם שבת. די אומגליקלעכע, אויסגעוואָרצלטע פליטים פון רומעניע מיט זייערע פאַמיליעס זיינען געווען דערשיטערט פון די נייעס. שבת פרי, פאַר מוסף, ווען די שול און אויך דער ברייטער פאָדער־צימער, זיינען געווען איבערפולט מיט עטלעכע הונדערט פון די פליטים, זייערע קינדער און פרויען, האָבן מיר בייגעוואוינט און איבערגעלעבט אַ דערפאַרונג, וואָס ס'וועט שווער זיין צו פאַרגעסן.

אַזוי גיך ווי מען האָט אַריינגעשטעלט די ספר תורה אין ארון הקודש, איז אַרויף אויף דער בימה איינער פון די אָנפירער פון דער שול, אַ איד, וועלכער איז געקומען קיין רוים אין משך פון צווייטן וועלט־קריג און האָט געהאַט דערפאָלג אין זיינע געשעפטן, און דער וואָרט־זאָגער פון דער שול האָט אָנגעפאַנגען ריידן:

„אידן, ווי איר האָט געהערט, האָט אונזער רב באַקומען אַ בריוו פון

די פאַשיסטן וועגן באַמבאַרדירן די הויפּט־שול. מיר, איטאַליענישע אידן לעבן בשלום און פריינטלעך מיט אונזערע גוי׳אישע שכנים. איר, רומענישע אידן, האָט געבראַכט אַנטיסעמיטיזם קיין רוים. איר רעדט הויך אין גאַס און מיט די הענט. איר שרייט, מאַכט טומל און פירט זיך נישט אויף לייטיש, און דערפאַר האָט דער הויפּט־רב באַקומען דעם סטראַשונאַק״.

ס׳איז איבעריק צו שילדערן ווי טיף געטראָפן די אומגליקלעכע עלנטע אידן האָבן זיך געפילט אין יענעם מאָמענט. דער פליכטלינג־רב, הרב אבראַמאָוויטש, מיט זיין קלוגן, אידעלן פנים האָט מיט ווייטיק און אויפרעגונג זיך געווענדעט צו מיר:

„הרב פופקא, איך בעט אייך, גייט אַרויף און זאָגט אַ פּאָר ווערטער״.

ער אַליין, דער רב, איז פריער אַרויף און האָט מיט אויסערגעוויינלעכן טאַקט, איידלקייט און חכמה געענטפערט דעם גבאי. נאָך דעם בין איך אַרויף אויף דער בימה און צוערשט איבערגעגעבן וועגן דער פרייד און דערפאַלג וואָס מיר האָבן צוגעזען אין ישראל, און דערנאָך האָב איך צווישן אַנדערעס געזאָגט צו זיי:

„טייערע אידן פון רומעניע, זייט נישט געפאַלן ביי זיך, און פילט זיך נישט געטראָפן. נישט איר האָט געבראַכט אַנטיסעמיטיזם קיין רוים. מיט 1945 יאָר צוריק האָט שוין קיסר טיבעריוס אַרויסגעטריבן די אידן פון רוים. דער אימפּעראַטאָר קלאַודיוס האָט פאַרווערט תפילה בציבור צו די רוימישע אידן מיט 1914 יאָר צוריק; ראש השנה, 1553, האָט פּויפּסט יוליוס דער דריטער פאַראָרדנט צו פאַרברענען דעם תלמוד. קוקט אַרויס דורכן פענסטער פון שול, וועט איר זען דעם קאָליסעאום, וועלכן ס׳האָבן געבויט געפאַנגענע זין פון ציון — קוקט אויף רעכטס, וועט איר זען דאָס טויער פון טיטוס, דורך וועלכע מען האָט דורכגעפירט די געפאַנגענע אידישע זין פון ארץ־ישראל מיט 1900 יאָר צוריק, צווישן זיי יוחנן מגוש חלב און שמעון בר גיורא. זיי, ניט איר, האָבן געבראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם קיין רוים.

„מיר זיינען געשטאַנען ביי דעם טרויעריק־באַרימטן טויער פון טיטוס און מיט גייסטיקע שמערץ באַטראַכט די אויסגעקריצטע מנורה, די געפאַנגענע פרינצן פון ארץ־ישראל, דעם שלחן פון לחם הפנים, און ווי די געפאַנגענע אידן האָבן אים געטראָגן. אידן פלעגן אויסמיידן דורכצוגיין דאָס דאָזיקע טויער״.

נאָך דעם האָב איך זיי דערציילט די באַוואוסטע פּאָפּולערע געשיכטע פון דעם ישובניק מיטן פּריץ. ווען ס׳זיינען אַריבער עטלעכע מאָנאַטן און

דער אָרעמער אָרענדאַר האָט נאָך אַלץ ניט באַצאָלט דעם פּריץ די אָרענדע, האָט דער בייזער פּריץ געלאָזט וויסן דעם ישובניק, אַז ער וועט אים שטרענג באַשטראָפן, אויב ער וועט ניט צוטראָגן דאָס געלט אין אַ וואָך אַרום. דער פאַרצווייפלטער ישובניק, נאָך באַראַטונגען מיט זיין פרוי, האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ ויברח. איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן, אַרויפגעלייגט זיין ביסל צע־בראָכן מעבל און אָרעמע בעבעכעס אויף דער פור, האָט זיך דער ישובניק, מיט דער פרוי און קינדער, זיך אַרויסגעשלייכט פון דאָרף. צו זיין מזל איז אָנגעקומען דער פּריץ:

„וואו אַהין פאַרסטו, מאָשקע? דו קומסט דאָך מיר אַ חוב?״ — האָט אים דער פּריץ געפרעגט.

„פּריץ־לעבן, ביי אונז איז מאָרגן אַ גרויסער יום־טוב, זמן פּליטתנו, און ווי אויף יעדן יום־טוב, אַזוי אויך איצט, פאָר איך אין שטאָט אַריין, צו זיין מיט אידן און דאַוונען אין שול. נאָך דעם דאָזיקן יום־טוב וועל איך זיך אומקערן צוריק אין דאָרף אַריין״.

דעם אידס דערקלערונג האָט ציטווייליק באַרואיקט דעם פּריץ. אויף מאָרגן טרעפט דער פּריץ אַ צווייטן איד און פרעגט אים מיט פאַרוואונדערונג:

„וואָס טוסטו דאָ? היינט איז דאָך ביי אייך אַ יום־טוב, זמן פּליטתנו?״

ענטפערט אים דער איד:

„טייערער פּריץ, מאָשקע האָט דיר קיין ליגן נישט געזאָגט. מיר אידן האָבן טאַקע אַ יום־טוב, זמן פּליטתנו. ס׳איז אַ גרויסער און גאָר וויכטיקער יום־טוב, אָבער ער איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע אידישע ימים־טובים, וועלכע אידן פייערן אין דער זעלבער צייט. זמן פּליטתינו איז אַ יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט ביי פאַרשידענע אידן אין פאַרשידענע צייטן. היינט פייערט עס מאָשקע, מאָרגן פּלייכט איך, און איבערמאָרגן גאָר אַן אַנדער איד!״

„און איצט״, האָב איך אויסגערופן צו די אידן אין שול, „זייט נישט געפאַלן ביי זיך. נעמט זיך אָן מיט מוט, געדולד און גבורה. נעכטן האָבן אידן פון פּוילן און דייטשלאַנד געפייערט זייער זמן פּליטתינו, היינט פייערט איר, אידן פון רומעניע דעם דאָזיקן „יום טוב״, און ווער ווייס ווער עס וועט אים פייערן מאָרגן״.

דער עולם האָט זיך אַביסל באַרואיקט. דער בעל תפילה האָט גענומען זאָגן יתגדל ויתקדש און מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מוסף.

צווייטער באזוך

(תשכ"ה)

ביטערער גורל פון פרומע אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד

אַלע פּריווילעגיעס ווערן געגעבן פאַר דער פּראַוואָסלאַווער קירכע, אָבער ניטאָ קיין שום איינזעעניש פאַר אידן און פאַר דער אידישער אמונה. — איינדרוקן פון אַ באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַראַיאָרן און איצט.

ווען איך האָב מיט אַ יאָר צוריק באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד, האָב איך געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַ העכסט־לומדישן און וועלטלעך־געלערנטן, און אויפן אויסקוק פּאַטריאַרכאַלישן אידן אין לענינגראַד.

איך האָב אָט־דעם אידישן תלמיד־חכם געשטעלט אַ דירעקטע פראַגע: „ווי קומט עס דאָס דעם צאַרישן רעזשים איז ניט געלונגען, מיט אַלע זיינע פּראָוואָקאַציעס, ברוטאַלע באַשרענקונגען, ריטואַלע מאָרד פאַרלוימדונגען, גע־צוואונגענעם שמד און בלוטיקע פּאָגראָמען צו פאַרטיליקן אידן און פאַרניכטן יהדות אין משך פון 150 יאָר, בעת דער קאָמוניסטישער מאַכט איז אין עטלעכע צענדליק יאָר יאָ געלונגען איבערצורייסן אידיש לעבן און אַסימילירן די מערהייט פון צוויי דורות אידן אין ראַטן־פאַרבאַנד?"

זיין ענטפער איז געווען קורץ, פּינקטלעך און צום גרויסן באַדויער אומאָפּפרעגבאַר. מיט אומעטיקע און פאַרטרויערטע אויגן האָט דער דאָזיקער איד געקוקט אויפן גראַנדיעזן דענקמאָל פון צאַר „פּיאָטר וועליקי", וועלכן מ׳רופט אין רוסיש „מעדני וואַדניק" — דער קופּערנער רייטער, לעבן וועלכן מיר האָבן געפירט דעם שמועס, און געזאָגט:

„דער קרבן פון צאַרס גזירות, כאָטש גאַנץ ערנסט געטראָפן פון זיי, האָט שטענדיק געהאַט אַ צוטריט צו אַ שול, חדר און ישיבה, וועלכע האָבן שטענדיק עקזיסטירט. טראָץ דעם ברוטאַלן פאַרמעסט פון דער מאַכט, האָט דער איד געשעפּט דערפרישנדיקע כוחות און נייע האָפענונגען. די לאַגע האָט זיך אָבער געענדערט ביי אונז סאָוועטישע אידן. די קראַנקייט, אויפ־ריכטיק גערעדט, איז מילדער, אָבער די קרענק איז פאַרלענגערט און קיינע מעדיצינישע מיטלען צו היילן די מחלה זיינען ניטאָ. די לאַגע פון דעם אָפּ־געשוואַכטן פּאַציענט ווערט דערפאַר אַלץ ערגער. מיר אידן פון סאָוועט־

רוסלאַנד זיינען באַרויבט פון אונזער גייסטיקער מעדיצין פאַר איבער פיר צענדליק יאָר, איז ווי אַזוי דערוואַרטעט איר דאָס מיר זאָלן צוריק געזונט ווערן ?"

די טיף־זיניקע און אויפריכטיקע באַמערקונג פון דעם לעגינגראַדער תלמיד־חכם נויטיקט זיך נישט אין קיינע פּירושים און אויסטייטשונגען. זיינע טרעפלעכע רייד דריקן אויס קלאָר און פּינקטלעך די טראַגישע לאַגע פון רוסישן אידנטום. די קאָמוניסטישע אַנטי־רעליגיעזע פּראָגראַם פון אַגיטאַציע און פאַרלוימדונג, מיט איר ווירקזאַמקייט, האָט פאַר׳סמ׳ט די נישט־וואָקסי־נירטע, די נישט־אַריינגעפּירטע אין דעם הויפּט־שטראָם פון אידיש־תורה־לעבן, אַפילו ניט די יעניקע וועלכע האָבן אַמאָל אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ חדר אָדער אַ ישיבה.

דער אייגנאַרטיקער גורל פון אונזער פאָלק ווערט גלענצענדיק רעפ־לעקטירט אין ליידן פון אונזערע ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד. „הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב — אַ פאָלק וואָס לעבט באַזונדער און רעכנט זיך נישט צווישן די פעלקער". די עלעמענטאַרע פּרינציפּן און צייט־געאַכטעטע טעאָריעס פון סאָציאַלער און פּאָליטישער עוואָלוציע, וועלכע זיינען אָנגע־ווענדעט צו דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אַנדערע פעלקער, זיינען נישט שטענדיק פּאַסנד פאַר די אייניקלעך פון די אבות און די קינדס־קינדער פון די נביאים.

די אַלגעמיינע פאַרלייכטערונג פון רעליגיעזער אונטערדריקונג אין סאָוועט־רוסלאַנד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט פיל נוצן געבראַכט דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע און די איבער 100 מינדערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט גאָר ווינציק אַנגערירט אידן און יהדות אין רוסלאַנד.

אין דער זעלבער צייט ווען 540,000 באַפּטיסטן האָבן זיך נאָך אַליין אַרום 5,005 קירכעס אין רוסלאַנד — אַ קירכע, אומאָפּהענגיק פאַר יעדע 100 גלויביקע, זיינען אין 1963 געווען בלויז 96 שולן — איין שול פאַר 23,000 אָדער מער אידן.

פאַר דער רעוואָלוציע זיינען געווען אין רוסלאַנד איבער 5,000 שולן, פון וועלכע נאָר 459 האָבן נאָך פונקציאָנירט אין 1956. און אַפילו אָט־די יאָמערלעכע צאָל איז רעדוצירט געוואָרן אין 1965, צו בלויז 60 שולן, און פילייכט ווינציקער !

די רוסישע אָרטאָדאָקסישע קירכע, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין פּאַטריאַרך פאַר איבער 300 יאָר אונטער דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, האָט

היינט אונטער די גאָטלאָזע קאָמוניסטן, אַ קירכע־פּאַטריאַרך, וועלכער, צוזאַ־מען מיט די רעגירונגס־אָנערקענטע מעטראָפּאָליטן פון מאָסקווע, קיעוו, לענינ־גראַד אדג״ל פירן אָן פריי און נישט געשטערט מיט די רעליגיעזע אַקטי־וויטעטן פון זייערע 30,000 גייסטלעכע און 20,000 קירכעס, וועלכע שליסן אין איבער פופציק מיליאָן גלויביקע קירכע־באַזוכערס.

זיי זיינען פריי צו דרוקן רעגלמעסיק זייער מאָנאַטלעכן רעליגיעזן זשורנאַל — „זשורנאַל מאָסקאָווסקאָי פּאַטריאַרכיאַי״, ביבלס, „מאָליטוועניקעס״ (געבעט־ביכער), און אַפילו צו פּראָדוצירן — 47 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — „איקאָנעס״ און אַנדערע רעליגיעזע אַרטיקלען.

אין זייערע 9 סעמינאַרן און צוויי העכערע רעליגיעזע אַקאַדעמיעס שטודירן איבער 1,200 סעמינאַריסטן, נישט געשטערט פון דער רעגירונג, וועלכע וועלן ווערן פונקציאָנירנדיקע גלחים אין רוסלאַנד. זייער סינאָד, וועלכער פירט אָן מיט די פּראָווינציאַלע און נאַציאָנאַלע אָפּטיילונגען און דיסטאַנצן פון זייער קירכע־קערפּערשאַפט אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט נאָר־מאַלע באַציאונגען מיט זייערע מיט־גלויביקע און אַנדערע רעליגיעזע סעקטן, סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אויסלאַנד.

אין אַפּריל, 1964, האָב איך געטראָפן אַ יונגן אָרטאָדאָקסישן גלח פון לבנון אין דעם מעטראָפּאָל האָטעל אין מאָסקווע, וועלכער איז געקומען אויף אַ סאָוועטישן סקאָלערשיפּ צו שטודירן אין דעם טעאָלאָגישן סעמינאַר פון מאָסקווע. ער האָט פאַר מיר שטאַרק געלויבט די סאָוועטישע באַאַמטע און זייער וואַרעמע גאַסטפריינטלעכקייט, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו אים זעלבסט און צו די אַנדערע אויסלענדישע סעמינאַריסטן, וועלכע זיינען געקומען אויף קאָמוניסטישע סטיפּענדיעס צו שטודירן אויף גלח אין מאָסקווע.

אַ קאָמיסאַר אין מאָסקווע מיט וועמען איך האָב זיך אַביסל באַפריינ־דעט האָט מיר דערציילט וועגן זיין פאָטערס טויט מיט אייניקע מאָנאַטן צוריק. נאָטירלעך, האָב איך אים געפרעגט וועגן די איינצלהייטן פון דער באַערדיקונג, וואו און ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען. אויף זייער אַ געלאַסן און אויפריכטיקן שטייגער האָט ער מיר געזאָגט: „מיין פאָטער איז געווען אַ רעליגיעזער, גלויביקער מענטש. איך האָב געשעצט זיין פאַרלאַנג. ווען ער איז געשטאָרבן, האָב איך גערופן דעם פאַמיליען־גייסטלעכן, וועלכער איז גע־ווען אַ נאָענטער פריינט פון מיין פאָטער, און ער האָט אָנגעפירט מיט דער טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער צערעמאָניע פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע. איך האָב נישט קרעמירט זיין קערפּער, ווייל מיין פאָטערס רעליגיעזע איבער־צייגונגען זיינען געווען קעגן דעם״.

דאַן האָב איך געפרעגט דעם קאָמיסאַר: „האָט איר באַצאָלט דעם גלח פאַר זיין דינסט?“ און ער האָט געענטפערט: „דער גלח איז אַזאַ וואונדער־באַרער מענטש און אינטימער פריינט פון דער משפחה, דאָס ער האָט זיך אָנטזאָגט פון אַ באַלוינונג“.

די רוסיש אָרטאָדאָקסישע קירכע איז אַרויס נאָך דעם וועלט־קריג אַלס אַ פּריווילעגירטע אינסטיטוציע. די סאָוועטישע רעגירונג האָט באַטראַכט די ראָלע פון דער קירכע אַלס אַ נויטבאַרן און נוצבאַרן אינסטרומענט צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן סענטימענט אין רוסלאַנד ווען די נאַציס האָבן אָקו־פּירט גרויסע טיילן פון לאַנד.

די אָרטאָדאָקסישע קירכע איז יאָרהונדערטער לאַנג געווען ענג פאַר־בונדן מיט צאַרישער אימפּעריאַליסטישער אויסברייטערונג, וועלכע ווערט איצט גלאָריפיצירט און אינדאָקטרינירט צווישן דעם יונגן דור. אַלס אַן אינס־טרומענט פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכע איז פריי פון פאַרדאַכט אַלס אַן אויסלענדישע אַגענטור, פירט די רוסישע קירכע דורך וויכטיקע אויס־לענדישע מיסיעס פאַר דעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַטישן אָפּטיילונג.

גאַנץ אָפט קען מען זיין פיל מער דערפאָלגרייך אין אויסלענדישע פאַרהאַנדלונגען אונטער אַ גלח׳ישן שלייער ווי אין אַ מאָדערנעם דיפּלאָמאַ־טישן אָנצוג. דער אויסלאַנדס־מיניסטעריום פון סאָוועט־רוסלאַנד איז גאַנץ פּראַקטיש און פאַרבייגט דעם מאַרקסיסטישן שולחן־ערוך כדי צו שיקן אויף אַ „ברידערלעכן“ באַזוך אַ קיעווער גלח אין אַ מאָנאַסטיר אין סיריע אָדער לבנון. אַזאַ מיסיע איז נישט שטענדיק באַגרענעצט צו רעליגיעזע אָנגעלעגנ־הייטן. אַזעלכע אויסלענדישע פּאַספּאָרטן ווערן זעלטן געגעבן צו אַנדערע סאָוועטישע בירגער. די „צערטלעכע באַזאָרגטקייט“ פון דעם סאָוועטן רעגי־רונג וועגן דעם גייסטיק־רעליגיעזן צושטאַנד פון די עטלעכע טויזנט פּראַוואָ־סלאַווער גלויביקע אין נאָענטן מזרח, איז אַ רעטזעלהאַפטיקע דערשיינונג. געוויסע קאָמפּעטענטע באָאַבאַכטער טייטשן אויס דעם אויסטויש פון רעלי־גיעזע באַזוכער צווישן רוסלאַנד און דער קאָפּטישער קירכע פון עטיאָפּיע אַלס אַן איינפאַכן פּראַגמאַטישן פאַרזוך פון די קאָמוניסטישע דיפּלאָמאַטן פון רוסלאַנד אַרויסצושטופּן פון אַפריקע זייערע מוסולמענישע קעגנער. גלייכצייַ־טיק איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די איצטיקע רוסישע קירכע מיט דער באַהאַלטענער הילף פון דער מאַכט, שאַפט פאַרבינדונגען מיט זייערע מיט־גלויבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין לאַטיין אַמעריקע.

באַגעגענישן מיט אידן אין גאַסן פון לענינגראַד

מיין אַרטיקל פאַריקן פרייטיק אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ האָט זיך, אייגנטלעך, באַצויגן אויף מיין ערשטן באַזוך אין סאָוועט רוסלאַנד מיט איבער אַ יאָר צייט. אַזוי ווי איך האַלט איצט ביים איבערגעבן מיינע אונדרוקן פון אַ צווייטן באַזוך אינעם לאַנד פון די סאָוועטן — אַ באַזוך, פון וועלכן איך האָב זיך די טעג צוריקגעקערט — קען דאָס פריערדיקע אַרטיקל דינען ווי אַ סיום אויף די איינדרוקן פון דער פריערדיקער נסיעה און התחלה פון די איינדרוקן פון דער ערשט־פאַרענדיקטער נסיעה.

אַ גרויסע ענדערונג וועט דער לייענער באַלד זען אין דער צווייטער נסיעה אין דעם, וואָס זי איז נישט געווען קיין אינדיווידועלע, נאָר אַ קאָלעק־טיווע, באַשטייענדיק פון 9 אינגערע אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישע רבנים, פאַר־טרעטנדיק די הסתדרות הרבנים.

מיט געמישטע געפילן זיינען מיר, די דעלעגאַציע פון ניין רבנים, געזעסן אויפן קענעדי־לופט־פעלד זונטיק, שבעה עשר בתמוז (18־טן יולי) און געוואַרט אויפן עראָפּלאַן אָפּצופליען נאָך פּאַריז אויפן וועג קיין לעני־גראַד. צוליבן שטורעם און רעגן האָט זיך דער עראָפּלאַן פאַרשפּעטיקט אויף איבער צוויי שעה. די פאַרוואָלקנטע הימלען האָבן סימבאָליש רעפלעקטירט אונזער אינערלעכן געדריקטן געמיט. איז אונזער פאַרזוך צו זיין די שליחי ציבור צו אונזערע איזאָלירטע ברידער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג באַרעכטיקט? וויפל גוטעס קען פון דעם דערוואַרטעט ווערן? און פאַרקערט, קאָן עס, פיללייכט, ברענגען שאַדן דאָס וואָס אויסלענדער קומען זיך איינ־שטעלן אין רוסלאַנדס אינערלעכער אַנגעלעגנהייט? דאַרף איינער ווי איך, וואָס האָט פערזענלעך געוועקט די אידישע גאַס און די עפנטלעכע מיינונג וועגן דעם אַנגעוויטיקטן פּראָבלעם נאָך זיין פריערדיקן באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט 14 מאָנאַטן צוריק זיך אַנשליסן אין דער הסתדרות־הרבנים־דעלעגאַציע אויף אַזאַ דעליקאַטער מיסיע?

איינער פון די חשוב׳ע רבנים פון ניו־יאָרק, וועלכער איז אונז געקומען באַגלייטן, האָט פּרובירט מיך באַרואיקן מיט דער פאַרזיכערונג, אַז „שלוחי מצוה אינן נזוקין״ (פסחים ח׳) — דער, וועלכער גייט אַ מצוה טאָן, ווערט פאַרהיט פון אַן אומגליק. אָבער מיין זאָרג איז נישט פאַרשוואונדן. דאָך האָב

איך זיך דערמאַנט, וואָס מיין פאָטער, דער וועליזשער רב, הרב ר' אליעזר פופקא זצ"ל, האָט געזאָגט אויפן וועג צום קרעמלין אין 1931 אין אַ פּאַרזוך צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון רוסישן אידנטום, אויף דער באַמערקונג פון אַ צווייטן רב, אַ מיטגליד פון דער דעלעגאַציע, אַז מ'ריזיקירט ממש מיטן לעבן, האָט דער פאָטער געזאָגט: די תורה לערנט „לא תעמוד על דם רעך" — אַז אויב אַפילו בלויז איין איד ליידט, טאָר מען נישט בלייבן גלייכגילטיק, היינט אַ קל וחומר ווען עס ליידן און שמאַכטן מיליאָנען אידן?!

אָנקומענדיק מאָנטיק פרי אויף דעם פּאַריזער פלי־פעלד האָבן מיר זיך געשטעלט דאַוונען בציבור אין אַ ווינקל פון דער פּראַכטספולער געביידע פון דעם אָרלי לופט־פעלד. דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויפן אויסטערלישן בילד, ווי צען אידן אין טלית און תפילין אונטערן רויש פון מעכטיקע מאָדערנע דזשעטס, שטייען און דאַוונען בציבור, אָבער גיי דערצייל זיי ווענן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ?

שפּעטער פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער דייטשער שטאָט האַמבורג, און אין דער האָלענדישער אַמסטערדאַם, און נאָכדעם ווי מיר האָבן געדאַוונט אין דעם לופט־וואָקזאַל פון העלסינקי, פינלאַנד, זיינען מיר געוועזן אויפן וועג קיין לענינגראַד. אין העלסינקי האָבן אויפן עראָפּלאַן אַרויפגעשטיגן אַרום צוועלף אידישע געשעפטסלייט פון ענגלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך, וועלכע זיינען געפאָרן איינקויפן פוטערוואַרג אין לענינגראַד. דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען אונזערער און זייערער שמירת הלשון. מיט קורצע טרעפלעכע באַמערקונגען און רמזים האָבן מיר זיך איינע די אַנדערע גוט פאַרשטאַנען. מען האָט גערעדט שטיל און ווינציק פונקט ווי מען וואָלט געשטאַנען אין אַ שפּיטאָל־קאָרידאָר אויסערן צימער פון אַן ערנסטן חולה.

אַרויסשטייגנדיק פון עראָפּלאַן אין לענינגראַד זיינען מיר באַגעגנט געוואָרן פון דעם אינטוריסט באַגלייטער. מיר האָבן גלייך דערקענט, אַז ער איז איינער פון אונזערע, און ער האָט עס ניט אָפּגעלייקנט. זיין וואַרעמע העפלעכקייט, ברייטער וויסן און טרעפלעכע באַמערקונגען, האָבן פיל בייגעשטייערט צו די נוצבאַרע און פרוכטבאַרע טעג, וועלכע מיר האָבן פאַרבראַכט אין לענינגראַד. כאָטש אַ העכסט־געטרייער און איבערגעגעבענער דינער צום קאָמוניזם, דאָך איז אָבער געוועזן קלאָר, אַז ער האָט אַ וואַרעם אידיש האַרץ. אַריינגייענדיק מיט אונז אין דער באַראָן גינזבורג־שול האָט ער מיט דרך־ארץ אַרויפגעצויגן זיין רעגן־הוט אויפן קאָפּ און ווען מיר

זיינען געפאָרן פון פעטראָ־פאַלאַץ צוריק קיין לענינגראַד באַגלייט מיט די הילכיקע און האַרציקע טענער פון אונזער זינגען „ושבו בנים לגבולם", „אני מאמין" און „התקוה", איז ער געריהרט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען זינגען פאַר אונז אַ אידישן ניגון, וועלכן זיין באָבע האָט אים געלערנט. אייביק וועל איך געדענקען די פּאַטעטישע מיסטיק פון דעם „ושבו בנים לגבולם" מיט וועלכע אונזער אויטאָבוס איז אַריינגעפאָרן אויפן ברייטן נעווסקי פּראָספּעקט.

מיט האַרציקער וואַרעמקייט און ספּאָנטאַנישן פריידן האָבן אידן אונז מקבל־פּנים געווען אין דער לענינגראַדער שול.

„קוקט נאָר אָן, יונגע רבנים פון אַמעריקע... געקומען אונז באַזוכן... אונזערע ברידער פון אַמעריקע געדענקען אונז... געפינען זיך פילע יונגע רבנים ווי איר אין אַמעריקע?..."

ביי די רוסישע אידן האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ מין רעטעניש: יונג און רעליגיעז; יונגע רבנים געקומען אין אַ לאַנד, וואו דער אינגסטער רב איז איבער 70 יאָר אַלט! און ווער פון אונז איז פעאיק צו שילדערן דעם פּחד און שרעק אויפן פּנים פון יעדן איינעם, ווען מען פרעגט זיי וועגן זייער לאַגע.

„מען דאַרף האָבן בטחון... נאָר געדולד... זאָל שוין קומען דער אויס־לייזער... מיר האָפן... דער אויבערשטער וועט אונז נישט פאַרלאָזן"...

אַזעלכע און אַנדערע ענלעכע באַמערקונגען ווערן פון זיי אויסגעדריקט מיט רואיקייט, שטילקייט און שטאַנדהאַפטיקער אַנטשלאָסנקייט — גלויבן און האָפענונג פון אַ געדריקטן און געפייניקטן געמיט.

פאַרנדיק אין מעטראָ־סאָבוועי האָבן מיר באַמערקט אַ אידישע פרוי און גלייך גענומען ריידן אידיש מיט איר. ווי גרויס איז איר פרייד געווען ווען מיר האָבן איר דערציילט ווער מיר זיינען און נאָך וואָס מיר זיינען געקומען קיין סאָוועט־רוסלאַנד. אויף מיין פראַגע: „ווי גייט עס אייך דאָ?" האָט זי מיט אַ ביטערן שמייכל אויפן געזיכט געענטפערט: „ווייסט איר דען נישט?"

אייגנאַרטיק איז געווען די פרייד פון דער פרוי ביים קיאָסק לעבן באַן־וואָקזאַל, ווען זי האָט אָנגעפילט אונזערע גלעזער מיט זעלצער־וואַסער, מיט ווענען מיר האָבן גערעדט אידיש אין קעגנוואַרט פון די רוסישע קונדן

אַרום. אַפּגייענדיק עטלעכע טריט פון דאָרט האָט אונדז אַ גרופּע „ציווילע קוליגאַנעס" מקבל־פּנים געווען מיט פיינטלעכע וואולגאַרע אויסדרוקן. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן אונדז דערקענט אַלס אידן פון אויסלאַנד. נאַטירלעך האָבן מיר זיי איגנאָרירט און פאַרגעזעצט אונזער שפּאַציר צום אָקטיאַבערסקן האָטעל.

ס'איז וויכטיק צו באַמערקן, ווי נוצבאַר און געטריי אונזערע יאַר־מולקעס אויף אונזערע קעפּ האָבן אונדז געדינט. סיי אין די זאַלן פון די האָטעלן, סיי אויפן גאַס האָבן אונזערע יאַרמולקעס געצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט און נייגעריקייט, ספּעציעל פון אידן און פיל געהאָלפן אונדז פאַרשטענדיקן זיך מיט אונזערע עלנטע און געקריוודעטע ברידער און שוועסטער.

אויפן וועג צו געבן אַ גרוס צו דער שוועסטער פון דעם סוּוואַלקער רב און ראש ישיבה הגאון ר' דוד ליפשיץ האָבן מיר געהאַט אַן אומפּאַר־געסלעכע דערפאַרונג. אַ יונגער, הויכער, שיינער יונגערמאַן אין די מיטעלע צוואַנציקער, וועמען איך האָב אָפּגעשטעלט און אין רוסיש געפרעגט ווי צו געפינען דעם אַדרעס, האָט זיך גלייך אַנטפּלעקט צו אונדז אַלס איד. מיט אַ טיפן זאָרג און אומעט אין די אויגן האָט ער אונדז דערציילט וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער הערשט אויפן פּלאַץ פון זיין באַשעפטיקונג און מיט אַ שטילן צעשראָקענעם טאָן געפרעגט:

„גלויבט איר ערלעך אין אייער הארצן, אַז איך און מיינע חברים וועלן נאָך אַמאָל האָבן די געלעגנהייט צו פאָרן קיין מדינת ישראל זיך דאָרט באַזעצן?" ער און מיר האָבן זיך צעוויינט ווי קליינע קינדער און כ'האָב זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרזיכערן אים, אַז ס'איז נישט אָפּגעפרעגט און ער זאָל זיין געדולדיק, נישט אויפגעבן די האָפענונג, אַז ענדלעך וועט ער מיט זיינע פריינט דערגרייכן אונזער היימלאַנד. ווען איך האָב אים געפרעגט צי וואָלט ער געהייראַט אַ נישט־אידישע טאָכטער, האָט ער גלייך מיט אַ שטאַרקן זיכערן טאָן געענטפערט: „קיין מאָל נישט!"

שווער צו לעבן ווי אַ איד אין סאָוועט־רוסלאַנד

ס׳איז אָבער אויך ניט לייכט צו שטאַרבן ווי אַ איד. — וואָס רוסישע אידן זאָגן און דערזאָגן ניט.

אַ שטומער אָבער מעכטיקער עדות פון אידישער פאַרגאַנגענהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דער בית־עולם. שטיקער אידישע געשיכטע אין כאַראַק־טער־שטריכן פון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן ווערן אַנטפּלעקט דורך קורצע רמזים און שאַרפּזיניקע אויסדרוקן אויף די פאַרעלטערטע מצבות. אין זיין פאַרזוך אָפּצומעקן אידן פון דער וועלט, האָט דער פאַרשאָלטענער טייוול, היטלער, פאַראָרדנט צו פאַרניכטן די אידישע בית־הקברות׳ן — ער האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז דער בית־עולם איז אַ מעכטיקע קייט אין אידישער געשיכטע.

ווען מיר זיינען אַרויף אויפן לענינגראַדער בית־עולם, אויף וועלכן עס ווערן געבראַכט איבער 200 אידישע נפטרים מאָנאַטלעך, האָבן מיר באַ־מערקט, אַז די ביירעע מצבות זיינען דרוכאויס געשריבן אין רוסיש. ס׳איז ממש שווער געווען צו געפינען דאָרט אידישע אותיות. ווען מיר זיינען צוגע־קומען צו דעם ריזיקן ברודער־קבר, וואו מען האָט מקבר געווען טויזנטער אידן צוזאַמען, וועלכע זיינען געפאַלן פון הונגער און קוילן ווען די נאַציס האָבן געהאַט באַלאַגערט לענינגראַד אין 1941 ביז 1943, איבער 800 טעג, — האָבן מיר דאָרט געפונען אַ הויכע, אימפּאָזאַנטע, גראַניט־געשליפענע מצבה, אויף וועלכער ס׳איז געווען אויפגעשריבן, נאָר אין רוסיש, אַז די באַטרעפנ־דיקע נפטרים זיינען געפאַלן אַ קרבן פאַר „סוואָבאָדי אי ניעזאַוויסימאָסטי״ (פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט).

איך האָב געבעטן מען זאָל פאַר מיר די מצבה פאָטאָגראַפירן. איך האָב געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל די ווערטער „סוואָבאָדי״ און „נעזאַוויסי־מאָסט״ און זיך געפרעגט: פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פאַר וועמען? ווי לאַנג וועט די וועלט דאַרפן וואַרטן אויף דער פאַרווירקלעכונג פון דער ווידערשפּרעכלעכער מצבה־אויפשריפט?...

שטייענדיק אויפן בית־הקברות, איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַן אויטאָ־בוס מיט אַ לויה — דער נפטר און די פאַמיליע אין איין אויטאָבוס, און די פריינט אין אַ צווייטן. אַ פריינט פון דער משפחה, אַ דאָקטאָר, האָט אונז דערציילט, אַז אין זיין קליניק זיינען 90 פּראָצענט אידישע דאָקטוירים און וויסנשאַפטלעכע פאָרשערס. ער האָט נישט געוואָלט ריידן מיט מיר אין



דער מאַסן־קבר פון די אומגעקומענע אידן דורך די נאַציס אויפן לענינגראַדער בית החיים

אידיש, כאָטש ער איז געווען אין די ווייטערע זעכציקער. ער האָט אונז פאַר־זיכערט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם ווערט מילדער און אַז זיינע אייגענע קינדער פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן אין דער מעדיצין און בילדונג.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די מערסטע לוויות אויפן לענינגראַדער און מאָסקווער בית־הקברות זיינען אָן טהרה און אָן תכריכים.

אין אַרום 10 מינוט שפּעטער האָבן מיר בייגעוואוינט נאָך אַ לוויה. מיר זיינען אַריין אין דעם גרויסן זאַל פון בית־הקברות שול און מיר האָבן געזען פאָלגענדעס: דער מת איז געלעגן אין אַן אָפענער, באַשיידענער טרו־נע, אָנגעטאָן אין אַן אַנצוג און מיט פאַרפּוצטע שוואַרצע שטעק־שיך אויף די פיס. צוויי עלטערע „מתעסקים", איינער מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און דער צווייטער מיט אַ לאַנגן בלויען כאַלאַט, האָבן פאַרדעקט דאָס פּנים פון מת מיט אַ קליין ווייס טיכל. די פאַמיליע איז געשטאַנען אַרום און שטיל געוויינט. און מיטאַמאָל וואַקסט אויס פאַר אונז דער צווייטער פון די „מת־עסקים" אין אַ גרויסער, חזנישער הוט און לאַנגן שוואַרצן קיטל, ער קלעטערט אַרויף אויף דעם לייטערל פון אַ בימה און הויבט־אָן מיט אַ דיקער, באַסאָווער שטימע זינגען — אל־מלא רחמים!...

צוקוקענדיק זיך צו דעם פאַרוואולגאַריזירטן בילד פון אַ לוויה, האָב איך זיך געטראַכט, אַז נישט בלויז לאָזט מען נישט לעבן אַלס אידן, מען לאָזט אויך ניט שטאַרבן אַלס אידן...

מיר האָבן פעסטגעשטעלט אַז די געפאַר מ׳זאָל אידישע מתים מקבר זיין מיט נישט־אידן איז גאָר נאָענט.

מיט ציניש אוּן פוילע תירוצים זאָגט זיך די רעגירונג אָפּ צו געבן לאַנד אויסער דער שטאָט פאַר אַ אידישן בית־עולם.

זאָל אָבער אויך דערציילט ווערן וועגן אונזער פרייד שפּעטער מיט דער באַגעגעניש פון געטרייע אידן — אַרום 5 אין צאָל, אין די מיטעלע יאָרן. צוויי פון זיי, פון דער גרוזינער רעפּובליק, האָבן מיר באַגעגנט ביים דאַווענען אין דער לענינגראַדער באַראָן גינזבורג שול. אין אָט־דער שול דאַווענען עטלעכע מנינים, איינער נאָך דעם אַנדערן, פון גאַנץ פרי ביז 11 אָדער 12 אַזייגער בייטאָג. די מנינים דאַווענען אין 5 בתי מדרשים פון דער שול. די אמונה, בטחון און מסירת נפש פון אָט־די אידן איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין. אָרעם אָנגעטאָן, טיילוויז הונגעריק — אָבער גיבראַלטאַר־שטאַרק אין זייער געטריישאַפט צו תורה און פאָלק! מיט וואָס פאַראַ פרייד און גליק ווערן אַרויסגערעדט די הייליקע ווערטער „מדינת ישראל״ פון זייערע פאַר־שמאַכטע ליפּן!

עד כאן אונזער באַזוך אין לענינגראַד. איצט גייען מיר איבער צו מאָסקווע.

דאָנערשטיק, יולי 22 האַלב נאָך דריי, האָט זיך אונזער דעלעגאַציע געטראָפן מיטן מאָסקווער רב, הרב ר׳ יהודה ליב לעווין. די ערשטע מאָמענטן זיינען געווען געשפּאַנט און אָנגעשטרענגט. דער „שטן״ איז אויך אַריין אין צימער נישט געבעטענערהייט און זיך אַוועקגעזעצט מיט אונז ביים זעלבן טיש. ווי העסלעך און פיינלעך ס׳איז אָנצוקוקן דאָס גרויזאַמע פּנים פון אַ מסור!

מיט דורכאויס געקליבענע ווערטער און פאַרזיכטיקע פראַזן האָט הרב לעווין גערעדט וועגן דערוואַרטעטע פאַרבעסערונגען און פאַרלייכטערונגען אין דעם רעליגיעזן מצב איינשליסנדיק פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ פּלאַץ פאַר אַ אידישן בית־הקברות.

קומענדיק צו מנחה אין דער טשערקיזאָווער שול, האָבן מיר דאָרט געטראָפן אַרום 15 אידן ביי אַ טיש מיט אָפענע גמרות, לערנענדיק מסכת בבא מציעא מיט אַ רבי׳ן, אַ גרויסן תלמיד חכם, אַ תלמיד פון דעם גאון ר׳ איסר זלמן מעלצער ז״ל. עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך בילד: אַ באַ־שיידענער טיש, אַלטע שוואַכע בענקלעך, אַן אַלטער אָפּגעלאָזענער בית־המדרש, עלטערע אויסגעמאַטערטע אידן, אַ טיף לומד׳ישער שיעור וועגן אַ קאָמפּלי־צירטער סוגיא אין בבא מציעא.

נאָכן דאַווענען מנחה, האָבן די אידן זיך אַרומגעקליבן אַרום אונז און

מיט גרויס נייגעריקייט געפרעגט וועגן אידישן לעבן אין אַמעריקע און שטילערהייט, מיט קורצע רמזים, וועגן מדינת ישראל. דער רב, איבער 90, שוואַך און מיד, האָט אונז מהנה געווען מיט זייער אַ טרעפלעכע דבר תורה.

די געגנט וואו די שול געפינט זיך קוקט אויס ווי אַ „סלאַם" אין דעטראָיט אָדער שיקאַגאָ. וואַסער ווערט פאַרזאָרגט פון אַ פּלומפּ אין גאַס. די הייזער זיינען אַלטע, אָפּגעלאָזענע 1־שטאָקיקע „כאַטקעס".

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די שול, נאָך מעריב, איז מיט אונז מיט־געגאַנגען אַן עלטערער איד העלפן אונז קריגן אַ טאַקסי, וואָס זאָל אונז ברענגען צום „מעטראָפּאָל האָטעל". ווען איינער פון אונזער דעלעגאַציע האָט גענומען ריידן, האָט דער איד באַמערקט:

— איך בעט איך, רעדט שטיל. מיר ווילן נישט אויפרייצן אונזערע נישט־אידישע שכנים, קיין גוטס קאָן פון דעם נישט אַרויס...

אויף אונזער פראַגע, וואָס ער מיינט מיט דעם, האָט ער מיט ווייטיק און פאַרביטערטקייט געזאָגט:

— ס׳טרעפן זיך דאָ איבערפאַלן פון גויים אויף אידן.

פרייטיק פרי, דעם 23־טן יולי, האָט אונז דער „אינטוריסט" באַס גע־בראַכט צו דער מאַרינע־ראָסטשאַ שול, דאָרט צו דאַוונען. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער „קאָמוניסטישער" אויטאָבוס האָט אונז טעגלעך מיט העפלעכקייט און פּינקטלעכקייט, אינדערפרי און אין אָוונט געפירט אין שול דאַוונען — אין מאָסקווע, אין לענינגראַד, טיפליס און קיעוו.

הרב אַלעווסקי, צוליב זיין טיפן עלטער (איבער 93 יאָר) און שוואַכן געזונט, איז נישט אָנוועזנד געווען אין שול. פאַרהעלטניסמעסיק האָט די שול אויסגעזען נישט שלעכט — ריין און אין אָרדענונג. מיר האָבן ווירקלעך גרויס הנאה געהאַט סיי פון די אידן און סיי פונעם דאַוונען. די אויפנאַמע איז געווען האַרציק און וואַרעם. דער „פּרעדסעדיאַטעל" (פאָרזיצער) פון דער שול, שיין און מאָדערן געקליידעט — מיט אַן אַמעריקאַנער אָנצוג, שיך און הוט — האָט זיך באַקלאָגט פאַר אונז וועגן די „נישט ריכטיקע" באַריכטן, וועלכע ווערן געדרוקט אין אַמעריקע, וועגן דער לאַגע פון די רוסישע אידן. און דאָ האָט ער פון בוזים אַרויסגעצויגן אַ קאָנווערט מיט אַ פאָטאָסטאַטישן ענגלישן אַרטיקל אין בני־ברית זשורנאַל פון אַמעריקע, געשריבן פון אַ רב, וועלכער האָט באַזוכט רוסלאַנד און האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דעם.

דער זעלבער „פּרעדסעדאַטעל" האָט פאַרבראַכט מיט אונז איבער צוויי שעה שבת פאַרנאַכט אין אונזער „מעטראָפּאָל האָטעל" אין אַ פאַרזוך אונז אויפצוקלערן „די ריכטיקע לאַגע פון אידן און אידישקייט אין רוס־

לאַנד". מיר האָבן אים געשטעלט פיל פראַגן און געהאַט מיט אים מיטלייד צוזעענדיק ווי ער מאַטערט זיך צו געפינען אַ לאָגישן ענטפער. איך פערזענלעך האָב אים געפרעגט די פראַגע: איר מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטעליגענטן מענטשן, פרעג איך אייך: איבער 95 פּראָצענט אידן, וועלכע מיר און אַנדערע באַזוכן, האָבן מיר געטראָפן אין סאָוועט־רוסלאַנד קרעכצן, זיפצן און וויינען אויף זייער ביטערן גורל דאָ, אין אייער לאַנד, קומט איר און זאָגט אונז, אַז ס'איז גוט און אין אָרדענונג. ווען, על פי שכל הישר, דאַרפן מיר גלויבן — אייך, דעם יחיד, דעם איינצלנעם, אָדער זיי, די 95 פּראָצענט?

ער איז געבליבן אין שווייגן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער אימפּאָזאַנטער „וואָלקן־קראַצער"־געביידע פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, מיט אירע 11,000 צימערן, האָבן מיר גלייך גענומען זוכן אידישע פּנים'ער צווישן די סטודענטן אין די לאַנגע קאָרידאָרן, ביבליאָטעקן און לעקציע־זאַלן. דער פאַרזוך איז געווען אַ געלונגענער. איינער פון די אידישע סטודענטן, מיט וועמען איך האָב פאַרפירט אַ געשפּרעך אין רוסיש, האָט צוגעגעבן, אַז עס הערשט אַן ערנסטע דיסקרימינאַציע, אַז עס איז שווער פאַר אַ אידישן סטודענט אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. ער האָט באַשטעטיקט, אַז אָפט ווערט דער אידישער סטודענט דערמאָנט פון די אַנדערע סטודענטן וועגן זיין אָפּשטאַם. גלייכצייטיק דערציילט ער מיר, אַז אין מאַטעמאַטישן און פיזיקס פאַקולטעט זיינען די מערסטע פּראָפעסאָרן, פילייכט 80 פּראָצענט, אידן. פרעג איך אים: „ווי אַזוי איז עס מעגלעך, לויט דיין באַריכט וועגן דיסקרימינאַציע און פאַרלוימדונג קעגן אידן, אַז אין די פאַקולטעטן זאָלן זיך געפינען אַזוי פיל אידישע פּראָפעסאָרן און לעקטאָרן?" אויף דעם האָט דער סטודענט מיט שטאָלץ און מיט אַ שמייכל אויפן געזיכט מיר געענטפערט: „איר קענט דען פאַרגלייכן זייערע קעפּ צו אונזערע?..." ממש שווער צו גלויבן — אַ צווייטער דור איד אונטער דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַן אַ אידישער דערציאונג אָדער סביבה — איז נאָך אַלץ געבוגט איד צו פאַרשטיין און צו אָנערקענען, אַז ער איז אַ זון פון דעם עם הנבחר.

נאָך אַ „אידישער" סטודענט, וועלכער שטאַמט פון האַלב אידישע עלטערן, אָבער מיט אידישער איידלקייט אויפן געזיכט, האָט גערעדט מיט גרויס וואַרעמקייט און אינטערעס וועגן מדינת ישראל. ער האָט מיך אינפאָרמירט, אַז פיל סטודענטן פאָלגן נאָך מיט גרויס נייגעריקייט און פערזענלעכן שטאָלץ אַלע נייעס וועגן ישראל.

ס'איז גאָר איבעריק איבערצוגעבן, וואָס פאַראַ קאָלאָסאַלן רושם די באַגעגעניש מיט די אידישע סטודענטן האָט געהאַט אויף אונז אַלעמען.

אַמעריקאַנער רבנים פאַרברענגען היסטאָרישן שבת אין מאָסקווע

באַגעגעניש אין מאָסקווער שול מיט מתפּללים און אידישע מנהיגים.
— די ישראל־דיפּלאָמאַטן רופן אַרויס דערמוטיקונג ביי רוסישע אידן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער גרויסער מאָסקווער שול צו קבלת שבת, זיינען שוין געווען אָנגעגרייט פאַר אונז 9 שטולן אין צוויי רייען אויף דער בימה. די שול איז געווען האַלב פּוסט, מעגלעך צוליב דעם, וואָס מען איז זיך צופאָרן אויף די דאַטשעס. לעבן דער טיר און ביים אַריינגאַנג האָבן זיך געמערקט אַמעריקאַנער אידישע טוריסטן. דער חזן האָט וואונדער־שיין מקבל שבת געווען. הרב לעווין מיט זיין געטרייען געהילף, ר׳ הערשל, האָבן געטאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך צו מאַכן אונז באַקוועם, סיי אין שול און סיי ביים עסן. אונזער שבת׳דיקע סעודה האָט עפּנטלעך אָפּגעשפּיגלט דעם ערנסטן מאַנגל אין כשר פליייש, סיי אין מאָסקווע און סיי אין גאַנץ רוסלאַנד. די עסנס צום טיש זיינען דערלאַנגט געוואָרן פון ערלעכע אויפריכטיקע גר׳טעס, וועלכע האָבן זיך פרייוויליק און אָן שום פּערזענלעכע אויסרעכע־נונגען אָנגעשלאָסן אין אידישן גלויבן.

הרב לעווין האָט מיך געבעטן צו פאַרפירן מיט זיי אַ געשפּרעך און אַליין זיך איבערצייגן וועגן זייער אויפריכטיקייט. איין גר׳טע האָט צו מיר געזאָגט: „וואונדערן דאַרף מען זיך אויף די יעניקע, וועלכע שטייען נאָך אַלץ אין דער פינסטערניש אויסער דעם אידישן גלויבן; וועלכע לייענען געשיכטע און קוקן זיך צו צום גרעסטן נס פון אַלע נסים — דאָס אידישע פאָלק — און דאָך בלייבן זיי ביי דאָס זייערע. אויף מיר וואונדערט זיך נישט פאַרוואָס עס האָט מיר אַזוי לאַנג גענומען צו געפינען דעם אמת׳ן וועג אין לעבן", האָט די גר׳טע געזאָגט.

פאַרגעסנדיק נאָר אַביסל און מאָמענטאַל די טראַגישע לאַגע פון אונ־זערע ברידער, האָבן מיר גענומען זינגען זמירות. מיר זיינען אַלע גערירט געוואָרן פון דעם רב׳ס דבר תורה ביים טיש און פון די האַרציקע ניגונים פון ר׳ הערשלען און פון ר׳ ישראל נח׳ן, דער שמש מיטן שיינעם פּאַטריאַר־כאַלישן פּנים.

שבת פּרי, ווען מיר זיינען אָנגעקומען פון האָטעל צום דאַונען, איז די שול שוין געווען אָנגעפּילט, אויבן און אונטן. אַלע מיינע חברים רבנים, די הסתדרות הרבנים־דעלעגאַציע, האָבן באַקומען עליות. צום צווייטן מאָל אין 14 מאָנאַטן האָב איך געקראָגן דעם כבוד צו זיין דער מפטיר אין דער מאָסקווער שול. עס איז געווען שטיל און רואיק ווען איך האָב גענומען זאָגן די ברכות פאַר דער הפטרה. מיט אויסערגעוויינלעכער התרגשות און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע האָב איך אויסגעשריגן די ווערטער פון ירמיה: „אל תירא מפּניהם כי אתך אני להצילך נאם ה׳... ודברתי משפּטי אותם על כל רעתם... אל תחת מפּניהם... הנה נתתיך היום לעיר מבצר ולעמוד ברזל ולחומת נחשת... ונלחמו עליך ולא יוכלו לך כי אתך אני נאם ה׳ להצילך" — „זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי, וואָרום איך בין מיט דיר, דיך מציל צו זיין, זאָגט ג־ט... און איך וועל אַרויסזאָגן מיין משפּט פאַר אַלע זייערע שלעכטיקייטן... זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר זיי... איך האָב דיך היינט געמאַכט פאַר אַ פאַרפעסטיקטער שטאָט, און פאַר אַן אייזערנעם זייל, און פאַר קופּערנע מויערן אַקעגן גאַנצן לאַנד... זיי וועלן מלחמה האַלטן קעגן דיר, און וועלן דיך ניט בייקומען, וואָרום איך בין מיט דיר, זאָגט ג־ט, דיך מציל צו זיין"...

איך וועל קיינמאָל נישט וויסן און פאַרשטיין פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר פלוצלונג גענומען אַזאַ מוט און איבערנאַטירלעכער גבורה אויסצושרייען די רייד — אַזוי צייטיק און צוגעפּאַסט — פון נביא. ווען איך האָב פאַרענדיקט דעם מפטיר, זיינען אידן צוגעלאָפן דריקן מיין האַנט מיט די אויסדרוקן: „מיר וועלן עס אייביק געדענקען; איר האָט אונז אַריינגעגעבן אַ ניי לעבן און אַ נייע האָפענונג; מיר וועלן עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן".

עס איז וויכטיק צו דערמאָנען וויפל קוריאָזיטעט און פרייד עס האָט ביי אַלעמען אין שול אַרויסגערופן דאָס אויסרופן צו דער תורה אַ בר מצוה־בחור׳ל אין דער קעגנוואַרט פון זיין פרומען פאָטער און עלטערן ברודער. דאָס איז געווען די ערשטע בר מצוה אין 30 יאָר אין דער מאָסקווער שול. מען האָט גלייך איינער דעם אַנדערן גענומען פרעגן: „ווער איז ער און פון וואַנען קומט ער?" מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די פאַמיליע פון דעם בר־מצוה געפינט זיך אין דער גרוזינער רעפּובליק און אַז זיי זיינען געקומען אויף אייניקע וואָכן קיין מאָסקווע. אין שול זיינען אויך געווען אייניקע טוריסטן פון אויסלאַנד און איינער פון זיי האָט טאַקטלאָז געוואָלט נעמען בילדער מיט אַן אַפּאַראַט. אָבער מען האָט אים אָפּגעשטעלט.

און איצט קומען מיר צו דעם קולמינאַציע־פּונקט פון דעם שבת אין

דער מאַסקוואַער שול. שוין ביים נאָכפּאָלגן דעם רב אין דער תורה־פּראָצעסיע ביז ענדע שול און אַרום, האָבן מיר באַמערקט ווי עלעקטריזירט אַלע זיינען געווען מיט דער אָנוועזנהייט פון אונזער דעלעגאַציע. מען האָט וואַרעם גע־דריקט און ממש געקושט אונזערע הענט. אַלע האָבן זיך געשטופּט אונז אָנצו־רירן און דערביי געזאָגט: „געבענטשט זאָלט איר זיין פון ג־ט פאַר בישט פאַרגעסן אין אייערע ברידער... קומט אָפטער און מער... געדענקט אונז... איר קומט פון אַ געבענטשט לאַנד... וואָס מאַכן אונזערע ברידער אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל?... וואָס טוט זיך אין דער מדינה?... היט זיך פון די מוסרים... פאַרגעסט אונז נישט...” עס האָט אונז גענומען איבער צוואַנציק מינוט זיך אומצוקערן צוריק צו דער בימה.

נאָכן אַריינשטעלן די תורה אין אָרן קודש איז הרב לעווין אַרויפגע־גאַנגען אויפן באַלעמער און באַגריסט אונזער דעלעגאַציע. דער רב האָט אויסגערופן די דריי נעמען פון די רבנים, וועמען מען האָט געבעטן ריידן: הרב עזריאל מילער, פּרעזידענט פון הסתדרות הרבנים; הרב ברוך אהרן פּופּקא און הרב ישכר דוב בערגמאַן. דער גאַנצער ריזיקער עולם האָט זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט און זיך גענומען מיט נייגעריקייט דערנענטערן צו דער בימה און זיי זיינען אַזוי געבליבן שטיין אויף די פיס, וויינענדיק און טיילווייז קלאַפּנדיק מיט די הענט, ביז די דרשות האָבן זיך פאַרענדיקט. דיפּלאָמאַטן, זשורנאַליסטן און אַנדערע פּאַרלעסלעכע באַאָבאַכטער, וועלכע זיינען דאָן געווען אין שול, ווי אויך הרב לעווין, האָבן אונז פאַרזיכערט, אַז די שול האָט נאָך קיינמאָל נישט בייגעוואוינט אַזאַ זאַך. מיט העכסט טרעפלעכע און רירנדע ווערטער האָבן הרב מילער און הרב בערגמאַן גערעדט וועגן די ברכות פון ברכת החודש, חיים של שלום, חיים של טובה; וועגן די 9 טעג פון צער און טרויער, וואָס ווערן נאָכגעפאָלגט פון דער האָפענונג פון שבת נחמו... את אחי אנכי מבקש... שלום לרחוק ולקרוב אמר ה׳... צווישן אַנדערן האָב איך געזאָגט: „טייערע ברידער, איך שטיי דאָ פאַר אייך מיט געמישטע געפילן. די ווענט פון אייער שול זיינען אָנגעזאַפּט מיט אידישער געשיכטע, פרייד און ליידן. אויף דער דאָזיקער בימה איז געשטאַנען דער אומשטערבלעכער הרב יעקב מזא״ה, וועלכער האָט מיט מוט, ווירדע און גרויס מסירת נפש פאַרטיידיקט דאָס אידישע פאָלק און דעם אידישן כבוד ביים ביילים פּראָצעס. ער האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר דער דעספּאָטישער צאַרישער מאַכט און האָט מיט זיין גרויסן מוח און האַרץ געקעמפט פאַר אידישער רעכט. פון דער בימה וויל איך אויסדריקן די דאַנקבאַרקייט פון אונזער דעלעגאַציע צום ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס האָט צוזאַמען מיט אונזער

באַליבטער רעגירונג פון די פּאַראייניקטע שטאַטן געשטימט אין 1947 צו עטאַבלירן מדינת ישראל — ג־ט׳ס גרעסטע, הייליקסטע און וויכטיקסטע מתנה צו אונזער פאָלק אין 2000 יאָר!״ דאָ האָבן זיך דערהערט הילכיקע אַפּלאָ־דיסמענטן און הרב לעווין האָט זיי געבעטן צו געדענקען, אַז עס איז שבת און אַז מען איז אין אַ שול. עס איז שווער איבערצוגעבן די געהויבענע שטימונג און די פייערלעכע אַטמאָספערע, וואָס די דריי דרשות האָבן געשאַפן.

שבת נאָך מנחה האָבן מיר באַמערקט אין בית המדרש צווישן עולם דריי בחורים, צווישן 17 און 20 יאָר אַלט. דאָס זיינען געווען סטודענטן, און כאָטש זיי האָבן נישט באַקומען קיין שום אידישע דערציאונג, אינטערעסירט זיי אידישקייט און עס ציט זיי צו דער שול.

מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל האָבן זיי געזאָגט צו מיר: „נאָם אינטערע־סויעט יעוורעיסקאַיאַ רעליגיאַ פּאַטאָמושטאָ מי יעווּרעאי״ — אונז אינטערע־סירט די אידישע רעליגיע, ווייל מיר זיינען אידן.

די הסתדרות הרבנים־דעלעגאַציע וועלכע האָט באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד, יולי 1965. פאָטאָ־גראַפירט מיטן מאָסקווער רב, הרב ר׳ ארי׳ ליב לעווין. רעכטס צו לינקס: ר׳ מרדכי כאַנזין, סעקרעטאַר פון דער שול, געפינט זיך איצט אין ישראל, הרבנים ש. טורק, ע. וויסמאַן, י. ד. בערגמאַן, הרב לעווין, ע. מילער, פּרעזידענט פון הסתדרות הרבנים, ב. א. פּופקאַ.
צווייטע שורה רעכט צו לינקס: ב. טווערסקי, א. ווייספּויגעל און ר. גראָסמאַן

עס איז וויכטיק צו דערמאָנען דאָ, אַז מיר האָבן געהערט פון העכסט פאַרלעסלעכע קוואַלן, אַז איבער 20,000 אידן, מערסטנס יוגנט, פאַרזאַמלען זיך אין די גאַסן לעבן דער מאָסקווער שול שמחת תורה. זיי זינגען און טאַנצן אין דרויסן בעת מען פראַוועט אין שול די „הקפות". דאָס זעלבע איז אויך אין לענינגראַד. די פּאָליציי שליסט אָפּ די גאַסן און האַלט אָרדענונג. ביי דער געלעגנהייט טרעפן זיך פריינט און קרובים, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט טרעפן דורכן יאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידער פון דער ישראל־געזאַנדשאַפט זיינען געזעסן אין דער ספּעציעל־אָפּגעצאַמטער לאָזשע פאַר זיי אין דער רעכטער זייט פון דער בימה. עס איז ניט אָפּצושאַצן וואָס זייער אָנוועזנהייט מיינט פאַר דער האָפענונג פון אונזערע אידישע ברידער אין רוסלאַנד.

עס האָט אונז זייער געפרייט צו פאַרברענגען שבת אָוונט אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אויף וועסנינסקאַיאַ אוליצאַ און זיך נענטער און מער אינטים באַקענען מיט די העכסט איבערגעגעבענע און אויסערגעוויינלעך געראָטענע מיטגלידער פון דער געזאַנדשאַפט. דער אָוונט האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט מאַכן הבדלה און זינגען המבדיל. נאָר דער קאָמפּעטענטער און פאַרלעסלעכער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט קענען איבערגעבן וואָס די מדינה און איר געזאַנדשאַפט האָבן געמיינט פאַר דעם פאַרוואונדעטן האַרץ און דער געפּייניקטער נשמה פון רוסישן אידנטום.

גלייך נאָך מנחה זיינען מיר אַלע געלאַדן געוואָרן פון הרב לעווין צו שלוש סעודות. דער גרויסער לאַנגער טיש איז געווען סערווירט מיט סאַרדינען, קוואַס און חלה. מיט גאָר האַרציקע טענער פון „בבואו מאדום", „אתקינו סעודתא" און „בני היכלא" האָבן הרב לעווין, ר׳ ישראל נח און ר׳ הערשל אונז טראַנספאַרמירט פון די גרויע מאָסיווע ווענט פון קרעמלין צו די הייליקע און אייביקע ווערטן פון „אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ"...

הרב לעווינס דבר תורה ביי שלוש סעודות איז געווען אַ פּירוש אויפן פּסוק פון דער סדרה: „יפקוד ה׳ אלוקי הרוחות לכל בשר איש על העדה" — זאָל ג־ט פון די גייסטער פון אַלע באַשעפענישן באַשטימען אַ מאַן איבער דער עדה. דאָ האָט הרב לעווין צוגעשטעלט דעם מדרש: „לפי שאמרת אלוקי הרוחות שאתה מכיר רוח כל אחד ואחד מכל בריה תמנה אדם שידע להלוך עם כל אחד ואחד מהם לפי רוחו". אָפּנהאַרציק און פאַרביטערט האָט דער רב דאָ אָנגעדייט אונז און דער וועלט, אַז דער מנהיג קען נישט איינאָ־



מאָסקווער ראַבינער ר׳ יעקב מאַזאָה

רירן די וואונטשן און שטורעמס פון לעבן. קען זיין, אַז ער האָט דורכן מדרש געבעטן אונז און אויך אַנדערע ניט צו וואונדערן זיך אויף זיין עפּנטלעכן ווענדונג צו אונז נאָך די דרשות פּאַר מוסף, אַז מיר זאָלן זיך באַמיען וועגן שלום אין וויעטנאַם... וועט אימיצער פון אונז קענען אַמאָל אויסגעפינען די ברויזנדיקע שטורעמס און די אינערלעכע אַנגעווייטיקטע קאָנפליקטן אין האַרץ פון דעם אומגליקלעכן רב פון מאָסקווע, וועלכער זיצט הילפלאָז און קוקט זיך צו צום טראַגישן חורבן פון דריי מיליאָן רוסישע אידן! דערנאָך האָט הרב לעווין מכבד געווען מיט בענטשן הרב שמואל טוירק.

ווי ציטלעך און דערמונטערנדיק האָבן געקלונגען אין האַלב פינסטערן מאָסקווער בית המדרש די ווערטער: „הנה א־ל ישועתי, אבטח ולא אפחד" — אויף ג־ט וועל איך זיך פאַרלאָזן און זיך ניט שרעקן. און ווען ר' ישראל נח מיט זיין זיסער שטימע איז צוגעקומען צו די ווערטער: „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר", האָבן אַלע אַרום דער בימה — און אויך מיר, די געסט פון אַמעריקע — הילכיק אויסגערופן: „כן תהיה לנו!"

וואָס פאַראַ מיסטישן כוח די „הבדלה" האָט אין שאָטן פונעם קרעמלין!

אַמעריקאַנער רבנים — „מחותנים" אויף אַ קאָמוניסטישער חתונה

וואָס רבנישע דעלעגאַציע האָט געזען ביי דער חתונה. — פרומע אידישקייט אין טיפליס. — גוטע צוזאָגן פאַר רעליגיעזע אידן.

זונטיק פרי נאָכן דאַווענען האָבן מיר, די רבנ'ישע דעלעגאַציע פון אַמעריקע, האַרציק זיך געזעגנט מיט הרב לעווין און אים באַדאַנקט פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט, וואָס ער האָט צו אונז אַרויסגעוויזן. דער פרעזידענט פון הסתדרות הרבנים, הרב עזריאל מילער, האָט אים פאָרמעל און פערזענלעך איינגעלאַדן צו קומען אויף אַ באַזוך צו די אידן פון אַמעריקע. הרב לעווינס ענטפער צו דער איינלאַדונג איז געווען אַ געדריקטער און מיט פיל שווערקייט:

„נו, דאָס", האָט ער געזאָגט, „איז דאָך אַ ענין פון דער צוקונפט. סוועגדעט זיך אין מיין געזונט־צושטאַנד. ווער ווייס, ווי מען וועט דאַן פילן".

ער האָט אויך אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט אונזערע פאַרהאַנדלונגען מיטן „אינטוריסט" וועגן כשר'ע שפייז פאַר די טויזנטער אידישע טוריסטן, וואָס זייער צאָל האַלט אין איין שטייגן. זיי באַזוכן סאָוועט־רוסלאַנד צוליב משפחה, געשעפטלעך, אָדער סתם צוליב קוריאָז אָדער וואוילטאָג.

דער „אינטוריסט"־קאָמיסאַר האָט אויסגעהערט די בקשה פון הסתדרות הרבנים מיט פאָרמעלער העפלעכקייט און טיילוויז מיט אינטערעס און סימ־פאַטיע.

אין דער מאָסקווער שול האָבן מיר געטראָפן אַן עלטערן רב, אַ גרויסן תלמיד חכם, וועלכער לערנט פאַרן עולם און איז הויך געשעצט ספּעציעל אין לומדישן קרייז.

מיר האָבן אויסגעדריקט פרייד מיט דער גוטער בשורה, אַז עס וועט דאָ געעפנט ווערן אַ ישיבה גלייך נאָך די ימים־טובים, מיט צוואַנציק תלמידים פון אויסער מאָסקווע און 15 פון מאָסקווע. מען האָט אונז אויך איבערגעגעבן אַז ס'וועט געדרוקט ווערן אַ סידור אין 10,000 עקזעמפּלאַרן און אַז עס וועט דערלויבט ווערן צו באַקן מצות פאַר פסח, אָן באַשרענקונגען.

ס'איז שווער צו גלויבן, אָבער דאָס איז אַ טרויעריקער פאַקט: מאָסקווע, מיט אירע איבער 400,000 אידן, האָט ווינציקער ווי 100 אידיש־רעליגיעזע

חתונות אין משך פון יאָר און גאָר גאָר ווינציק ברית׳ן! די סיבה פון אַט־דעם טרויעריקן צושטאַנד איז די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און „אַנדערע״ פאַר־פאַלגונגען, וועלכע עס האָבן אויסצושטיין די יעניקע, וועלכע „מאַכן דורך״ אַזאַ רעליגיעזע צערעמאָניע עפנטלעך. מיר זיינען דעריבער בייגערייק געווען בייצוואוואוינען פּערזענלעך אַ חתונה לויט דעם קאָמוניסטישן נוסח.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום אַריינגאַנג פון דעם באַרימטן מאָסקווער „ווענטשאַלני דוואָרעץ״ („חתונה פּאַלאַץ״), האָבן מיר גלייך באַמערקט דעם איבערגעפּולטן זאַל מיט חתונה־געקליידעטע פּאָרלעך, וועלכע האָבן אומגע־דולדיק געוואָרט אויף דעם גליקלעכן מאָמענט. מען האָט אונז אַריינגעפירט אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם הויפּט־„חתונה־קאָמיסאַר״, אַן איידעלער, ראַ־פינירטער און גוטמוטיקער קאָמוניסטישער ביוראָקראַט. ער האָט אונז געזאָגט, אַז דאָס פאַמיליען־לעבן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט איז פאַרהעלטניס־מעסיק אויף אַ סאָלידן באַזיס. לויט זיינע סטאַטיסטישע ציפערן קומט אויס, אַז אין אַמעריקע קומען פאָר $2\frac{1}{2}$ מאָל מער גט׳ן ווי אין רוסלאַנד. ער האָט אונז דערקלערט, אַז עס נעמט איבער זעקס מאָנאַטן צו קריגן אַ גט אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אַז חתן־כלה, אויב זיי ווילן חתונה־האָבן, מוזן זיי זיין נישט ווינציקער ווי אַכצן יאָר אַלט.

ווען כ׳האָב אים געפרעגט, וויפל הייראַטן קומען פאָר אין דער קירכע, האָט ער געענטפערט, אַז אין פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען אין מאָסקווע רעגיס־טרירט געוואָרן נישט מער ווי אַרום 200 קירכן־חתונות!

נאָכן געשפּרעך האָט ער אונז געלאָדן אין אַ גרויסן צימער, בייצו־וואוינען אַ חתונה־צערעמאָניע. פון אַ „טייפּ־רעקאָרדער״ אין אַ קליינעם דער־בייאיקן צימער האָבן זיך דערהערט די טענער פון טשייקאָווסקיס מוזיק. די טירן האָבן זיך ברייט געעפנט און חתן־כלה, באַגלייט פון עלטערן און פריינט, האָבן אַריינגעמאַרשירט און געבליבן שטיין אַרום 20 טריט פון דעם טיש, ביי וועלכן עס זיינען געשטאַנען דער קאָמיסאַר וועלכער האָט אונז פריער אויפ־גענומען, און אַ פרוי, אַ קאָמיסאַרשע. די מוזיק האָט אויפגעהערט שפּילן און דער קאָמיסאַר האָט זיך געווענדעט צום פאַרפּאָלק מיט אומגעפער די פאָלגנ־דיקע ווערטער:

אין נאָמען פון דעם סאָוועטישער רעגירונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין נאָמען פון דעם מאָסקווער שטאָט־ראַט, האָב איך די פליכט און דעם פאַרגעניגן אייך אָפיציעל צו בינדן אַלס מאַן און פרוי. איך האָף, אַז איר פאַרשטייט די הויכע מאָראַלע סטאַנדאַרטן פון אונזער סאָוועטישן פאַמיליען־

לעבן. איך האָף, אַז מיט געטריישאַפט און אָנשטענדיקייט און מאָראַלע שטאַנד־האַפטיקייט וועט איר בויען און עטאַבלירן אַ סאָוועטישע פאַמיליע, וועלכע וועט שטאַרקן דעם פרינציפּ פון קאָמוניזם אין אונזער לאַנד. ביי דעם גליק־לעכן מאָמענט אין אייער יונגן לעבן מוזט איר געדענקען צו שעצן און רעס־פעקטירן אייערע עלטערן, וועלכע האָבן פיל מקריב געווען פאַר אייך!"

דאַן האָט ער זיי צוגערופן צום טיש אונטערצושרייבן דעם סערטי־פיקאַט. ער האָט זיי געפרעגט, צי דאָס איז זייער וואונטש איינער מיט דעם אַנדערן זיך צו פאַרבינדן אויפן גאַנצן לעבן און דאַן געהייסן דעם יונגן מאַן אָנטאָן דאָס רינגעלע אויפן פינגער פון זיין כלה, האָט זיי גראַטולירט מיטן רוסישן „פּאַזדראַוולּיאַיו" — און מען איז אַריין אין אַ צימער מיט געגרייטע טישן פון געטראַנקען און עסנוואַרג אין אַ פייערלעכער שטימונג.

העכסט אינטערעסאַנט און רירנד איז געווען די באַגעגעניש מיט עט־לעכע ליובאַוויטשער חסידים, באַרימטע געשעפטסלייט, אויפן לופט־פעלד אין מאָסקווע. זייערע קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר נצח ישראל און קיום התורה וועלן אַמאָל, אין דער צוקונפט, פאַרשריבן ווערן מיט שטאָלץ אין דער אידישער געשיכטע אַלס אַ מוסטער פון אידישער גבורה און מסירת־נפש. דער ליובאַוויטשער רבי שליט"א איז אַ מעכטיקער פעלז פון האָפענונג און געדולד פאַר זיינע פילע אַנהענגער וועלכע שמאַכטן אין דעם קאָמוניסטישן „גן עדן". די אויסערגעוויינלעכע, פּראָדוקטיווע השפעה פון אָט־דער פּער־זענלעכקייט, פון דעם ליובאַוויטשער רבי'ן שליט"א, אויף ביידע זייטן פון דעם „אייזערנעם פאַרהאַנג" איז איינער פון די גרויסע וואונדער פון אונזער צייט!

טיפּלים

מיר האָבן ממש אונזערע אויגן נישט געגלויבט, וואָס מיר האָבן געזען, מאַנטיק פרי, האַלב אַכט אַזייגער, אַריינגייענדיק אין דער גרויסער, פּראַכט־פולער ספרד׳ישער שול אין טיפּלים: די שול איז ממש געווען איבערפולט, פון וואַנט צו וואַנט, מיט אידן, אַלטע און פילע יונגע, אין טלית און תפילין! יונגע קינדער, צווישן זיבן און עלף יאָר אַלט האָבן פּאַר אונז אויסנווייניק געזאָגט קריאת שמע און שמונה עשרה. ווי שיין און אימפּאָזאַנט עס איז געווען בייצוואווינען אַזאַ הייליק בילד פון ריינער אמונה און ממש פייערדיקער תפלה!

מיר האָבן זיך צוזאַמענגערעדט מיט זיי אין רוסיש און אין לשון קודש.

נאָך גרעסער איז געווען דער עולם צו מנחה, ווען מיר האָבן זיך מער באַקענט מיטן צערטלעך־אידעלן חכם ר׳ עמנואל, וועלכער האָט מיט אונז גערעדט אין דער קעגנוואַרט פון דעם „פּרעזסעדאַטעל״, אַן עלטערער בוכאַרער איד.

די באַציאונגען צווישן די אידן און די קאַווקאַזער זיינען פריינטלעכע. אָפן האָבן פרויען און קינדער געטראָגן אין גאַס עופות צום שוחט און געוואַרט דאָרט אויף אים אין בית השחיטה אין דעם שול־הויף אין „אַטשע־רעד״, און עפנטלעך געטראָגן צוריק אין הויז די געשאָכטענע עופות. מען האָט אונז אפילו געוויזן די שיינע מקוה — אויך אין שול־הויף.

אויפן וועג פון שול צום „אינטוריסט״־אויטאָבוס זיינען מיר אַרומגע־רינגלט געוואָרן פון הונדערטער אידן, פרויען און קינדער. אייביק וועל איך געדענקען די העכסט רירנדע דערפאַרונג: זיי האָבן געקושט אונזערע הענט און מיט אַ הייליקער תמימות׳דיקייט געפרעגט:

„מתי יבוא משיח?...״

ס׳איז געווען ממש אוממעגלעך זיך צו שיידן מיט זיי. דאָס בילד האָט אונז אַזוי שטאַרק גערירט, אַז אַן ווערטער זיינען מיר געזעסן אין אויטאָבוס, געקוקט דורך די פענסטער אויף די שיינע קאַווקאַזער הימלען און בערג, און שעמעוודיקערהייט געווישט אונזערע פאַרטרערטע אויגן...

אַנדערש אָבער איז געווען אונזער ערפאַרונג אין דער אשכנז׳ישער שול פון טיפליס. די געביידע איז פאַררוקט אין אַ ווינקל פון אַ שמאָל געסל און אַן אָפּגעלאָזענעם הויף. זייער „פרעדסעדאַטעל" האָט אונז געפירט ווייזן די שול. ס׳איז געווען אַ קליינער עולם. די שול אַליין גאַנץ קליין און אָפּ־געלאָזן. דאָרט האָט געפעלט דער „ברען" און די איבערגעגעבנקייט פון די געטרייע ספרד׳ישע אידן, וועלכע לויט אַ פאַרלעסלעכן באַריכט, האָבן נישט דערלאָזן דער רעגירונג אַרונטערצורייסן זייערע אַ שול אין אַ געוויסער שטאָט אין קאַווקאַז — זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן וועג און זיך נישט גערירט ביז די שטער־מאַשינען זיינען צופאָרן פון דאָרט; זייער מוטיקער צוריקשטעלן זיך האָט געדינט אַלס אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע פון זייערע שטעט.


דער שוחט פון טיבליסי (טיפליס)ביים שול־וואַנט

אין אָוונט, ווען מיר זיינען צוריק־געקומען צום האָטעל, האָט אונז דערוואַרטעט אין זאַל דער רעדאַק־טאָר פון דער קאָמוניסטישער הויפּט צייטונג אין גרוזיע. ער האָט זיך מיט אונז געזעצט ביי אַ קיילעכדיקן טיש. נאַטירלעך האָט ער גערעדט אין רוסיש און איך האָב עס איבער־געזעצט פאַר מיינע רבנים־חברים. הרב מילער האָט אים געענטפערט אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע. צווישן אַנדערעס האָט דער רעדאַק־טאָר געפרעגט ביי אונז ווי אונז געפעלט זיין שטאָט און זיין רע־פּובליק און האָט אונז דערמאָנט דאָס מיר זיינען מענטשן מיט גרויס השפעה, דעריבער דאַרפן מיר וועקן די עפנטלעכע מיינונג פון אַמעריקע פאַר שלום אויף דער וועלט און פריינט־שאַפט מיט סאָוועט־רוסלאַנד. ווען מיר האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס דער־לאָזט מען נישט רעליגיעזע דערציאונג און תלמוד תורה׳ס און ישיבות, האָט ער געזאָגט, אַז די יוגנט אין רוסלאַנד איז צופיל פאַרנומען מיטן פּראַקטישן טאָג־טעגלעכן לעבן, מיט בילדונג און לערנען אַ פאַך און האָט קיין צייט

נישט פאַר רעליגיעזער בילדונג און אַקטיוויטעטן. אויך האָט ער באַמערקט: „אונזער רעגירונג האָט גאָרנישט צו טאָן מיט רעליגיע".

האָב איך אים געענטפערט צוזאַמען מיט הרב מילערן דאָס מיר אַלע זיינען קאַלעדזש־שטודירטע און מיר האָבן געהאַט אויך גענוג צייט צו לערנען תורה. אויך ביי אונז אין אַמעריקע איז די רעגירונג אָפּגעטיילט פון רעליגיע — דאָך ווערט רעליגיע פון איר נישט געשטערט, נאָר פאַרקערט, דערמוטיקט! דער געשפרעך האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ פריינטלעכן טאָן און מיר האָבן אים געלאַדן צו באַזוכן אונז אין אַמעריקע.

איינע פון אונזערע דערפאַרונגען אין טיפליס, וועלכע מיר וועלן נישט פאַרגעסן, איז פאַרגעקומען אין דעם הויפּט־זאַל פון האָטעל. מיר זיינען אַלע געזעסן ביי איין לאַנגן טיש. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. פּלוצלונג האָט דער אָרקעסטער־אָנפירער מיך געפרעגט, וואָס פאַראַ ניגון מיר וואָלטן וועלן הערן, האָב איך אים געזאָגט — „איגראַיטע דלאַ נאַס יעווריסקויו פעסניו, פאַזשאַלוסטאַ" — ביטע שפּילט אויף אַ אידישן ניגון פאַר אונז. ווי גערירט זיינען מיר געווען, ווען דער היבער, האָר־געקרייזטער, שוואַרץ־חנ'עוודיקער גרוזינער איז אויפגעשטאַנען ביים מיקראָפאָן און גענומען זינגען, באַגלייט פון אָרקעסטער, „הבה נגילה" — אַרויסריידנדיק די ווערטער דייטלעך און פּינקטלעך... נאָך אַנדערע אידישע ניגונים האָבן זיי פאַר אונז געשפּילט. דער גרוזינער קאָנדוקטאָר האָט מיר אָנגעוויזן אויף די צוויי אידישע מיטגלידער פון זיין אָרקעסטער — איינער ביים קלאַוויר און דער אַנדערער ביים גרויסן טשעלאָ. די מוזיק האָט געשפּילט און איך האָב ביי זיך געטראַכט — ווער ווייס, אפשר איז שוין צייט!

ביים מאַסן־קבר פון קדושים אין באַבי־יאַר, אין קיעוו

א באַזוך אין דער קיעווער שול. — דער אומפּאַרטייאישער גבאי און די טראַגישע מתפּללים. — אַן איבעררייד מיט אַ פאַרשטייער פון „אינטוריסט".

אַזוי גיך ווי מיר זיינען אָנגעקומען דינסטיק, דעם 27־טן יולי, אין קיעוו, אויפן נייעם פראַכטפולן לופט־פעלד האָבן מיר געבעטן דעם „אינטור־ריסט" פאַרשטייער, אַ זייער ערנסטער און הויך־געבילדעטער קאָמוניסט, מיט איליאַ ערענבורגס אַ בוך אין האַנט, מען זאָל אונז גלייך פירן צו באַבי־יאַר. ער האָט פון אָנפאַנג זיך אַביסל געקווענקלט, אָבער ענדלעך איז ער נאָכגע־קומען אונזער פאַרלאַנג, וועלכן איך האָב אויסגעדריקט אין נאָמען פון אונזער דעלעגאַציע, איינשליסנדיק הרב עזריאל מילער, פּרעזידענט פון הסתדרות הרבנים; הרב ישכר דוב בערגמאַן, הרב רפאל גראָסמאַן, הרב עזריאל ווייס־מאַן, הרב אלי׳ ווייספויגל, הרב ברוך טווערסקי, הרב שמואל טוירק, הרב שמואל טשיל און דעם שרייבער פון די שורות.

נאָך אַ רייזע פון אַרום אַ שעה זיינען מיר אָנגעקומען מיט דעם „אינ־טוריסט"־אויטאָבוס צו דעם שוידערלעכן פּלאַץ, וועלכער געפינט זיך אומגע־פער 20 קילאָמעטער אויסער קיעוו.

מיט צעבראָכענע געמיטער און ממש פאַרגליווערטע זיינען מיר גע־שטאַנען אויף דעם ריזיקן פעלד און מיט אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן געקוקט אויפן ברודער־קבר פון איבער 100,000 אידן — אונזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן פון די בעסטיאַלישע דייטשע נאַציס. מיט ציטערדיקע שטימען און מיט די לעצטע כוחות האָבן מיר גענומען זאָגן קאַפּיטלעך תהלים און געשלאָסן מיט „א־ל מלא רחמים".

אונזער אינטוריסט־באַגלייטער האָט פאַר אונז געשילדערט ווי אַזוי מ׳האָט אָפּגענאַרט און פאַרנאַרט די קרבנות פון באַבי־יאַר. די נאַציס, וועלכע האָבן געהאַט אָקופּירט קיעוו האָבן אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז ווער פון די קיעווער אידן עס וויל פאָרן קיין „פּאַלעסטינע" זאָל זיך מעלדן מיט זייער געלט, צירונג, גאָלד און זילבער קיין באַבי יאַר. דאָס האָט פּאַסירט אין סעפּטעמבער אָדער אָקטאָבער, 1941. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פאַרצווייפל־טע אידן האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. צענדליקער טויזנטער, מענער, פרויען



באַבי יאַר — אין פאַרשטאָט פון קיעוו, דער מאַסן־קבר פון איבער 100,000 אידן אומגעבראַכט פון די נאַציס

און קינדער האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט. די נאַציס האָבן גלייך קאָנפיסקירט אַלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט און פאַראָרדנט זיי זאָלן שנעל גראָבן לאַנגע, ברייטע קאַנאַוועס. אַזוי גיך ווי זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס גראָבן, האָבן די נאַציס גענומען צילן די פאַרבאַהאַלטענע מאַשין־ביקסן אויף זיי און אין עטלעכע שטונדן האָבן זייערע קערפּערס, פילע נאָך האַלב לעבעדיקע, אָנגעפילט די קאַנאַוועס. שטונדן נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן פאַרשאָטן די קברים, האָט די ערד זיך געהויבן פון די האַלב־לעבעדיקע קרבנות, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך זיך צו ראַטעווען. לויט אונזער באַגלייטער זיינען דאָרט געווען אויך פילע ניט־אידן. ווען איך האָב פאַרפירט אין רוסיש אַ געשפּרעך מיטן באַגלייטער ווי אַזוי עס קומט וואָס ביז דער רוסישער דיכטער יעווגעני יעווטושענקאָ האָט געדרוקט זיין פּאָעמע „באַבי יאַר" מיט וועלכער ער האָט אויפגעשטורעמט די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט, האָט סאָוועט־רוסלאַנד געשוויגן וועגן דעם און האָט אַפילו קיין דענקמאָל ניט אויפגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ?

זיין ענטפער איז געווען ברוטאַל. דער „קולטורעלער" קאָמוניסט האָט

שטרענג צו מיר געזאָגט: „ווי קומט עס וואָס די אידן פון קיעוו האָבן געוואָלט פאַרלאָזן זייער הײמלאַנד, רוסלאַנד, וועלכע האָט אַזוי פיל פאַר זיי געטאָן און האָבן זיך צוגעהערט צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון אונזער שונא וועגן פאָרן קיין „פּאַלעסטינע״? אין צייט פון קריג ווייזט זיך אַרויס ווער ס'זיינען די געטרייע און איבערגעגעבענע בירגער. ווען זיי וואָלטן די נאַציס נישט געפאָלגט וואָלטן זיי נאָך היינט געלעבט״.

שאָקירט און פאַרביטערט פון זיינע עקלהאַפטע רייד האָב איך אים, דעם „אינטוריסט״־פאַרשטייער, געפרעגט: „און פאַרוואָס האָבן זיי אומגע־בראַכט די צענדליקער טויזנטער א י י ע ר ע רוסישע און נ י ט ־אידישע בירגער?״ ער האָט אויף דעם נישט געהאַט קיין ענטפער.

מיר זיינען געווען העכסט צופרידן מיט די שנעלע און ווירקזאַמע הילף, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין קיעוו צו אַ מיטגליד פון אונזער דעלעגאַציע, וועלכער איז פּלוצלונג שוואַך געוואָרן אין עראָפּלאַן, פליענדיק פון טיפליס קיין קיעוו. איין דאָקטאָר האָט אים באַהאַנדלט אויפן לופט־פעלד און צוויי אַנדערע אין אונזער האָטעל. סיי די דאָקטוירים און סיי די שוועסטער (נויר־סעס) האָבן זיך ענערגיש און מיט העכסט מיטגעפיל אָפּגעגעבן מיטן פּאַציענט, וועלכן מען האָט צוריק אויף די פיס געשטעלט אײדער דער טאָג איז אַריבער. מיר זיינען אַלע ממש גערירט געוואָרן פון דער אײדלקייט, פּינקט־לעכקייט און פּראָפעסיאָנעלער געשיקטקייט פון די דאָקטוירים.

ביי צוויי געלעגנהייטן ווען מיר זיינען אַריבערגעפאָרן נייע, שיין גע־בויטע בריקן איבער דעם ריזיקן טייך דניעפּר, האָט אונז דער באַגלייטער פון „אינטוריסט״ אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן די נעמען פון די צוויי באַרימטע אידישע אַרכיטעקטן, וועלכע האָבן פּראָיעקטירטע די בריקן. ער האָט באַ־מערקט, אַז די צוויי אידישע אַרכיטעקטן האָבן באַקומען דעם „לענין אָרדען״, סאָוועט־רוסלאַנדס העכסטע אויסצייכענונג. אויך פאַרנדיק אין אויטאָבוס האָט דער זעלבער באַגלייטער גערעדט וועגן אידישע דיכטער, וועלכע זיינען איבער־זעצט אין רוסיש, ספּעציעל וועגן שלום עליכמ'ען און מענדעלע מוכר ספרים.

קיעווער שול

הארץ־רייסנד און פינלעך איז געווען אונזער באַזוך און דערפאַרונג אין דער הויפּט קיעווער שול. מיר זיינען גלייך ביי דער טיר באַגעגנט געוואָרן פון דעם בייזן און ניט צו ראַפינירטן גבאי אָדער „פּרעדסעדאַטעל". זיין ערשטער שלום עליכם איז געווען: „איר זאָלט דאָ קיינעם גאָרנישט געבן. אונז פעלט דאָ קיין זאַך ניט און מיר דאַרפן גאָרניט. קומט גלייך מיט מיר און זעצט זיך אַנידער אויבנאָן. מיר ווילן ניט, אַז מען זאָל אייך שטערן". סיי מיינע קאָלעגן און סיי איך האָבן געגומען אים פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן קיינעם גאָרנישט געבן. פאַרקערט, מיר וועלן זיין העכסט צופרידן בלויז דורכצוריידן זיך מיט אונזערע ברידער. ער האָט אונזערע רייד נישט געוואָלט הערן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די אידן אין שול, דערשלאָגן און צעשראָקן, האָבן דווקא געקוקט ליבלעך, פריינטלעך אויף אונז און האָבן ממש געלעכצט אונז צו באַגריסן און שמועסן מיט אונז.

ווען איך בין געבליבן מיט דעם „פּרעדסעדאַטעל" אויבאָן אין מזרח־וואַנט לעבן ארון קודש שמועסן, און מיינע קאָלעגן האָבן זיך גיך און פלינק צעשפּרייט איבערן שול און אַפילו אויפן שול־הויף אָנציענדיק געשפּרעכן מיט די טעראָריזירטע אידן און אַפילו מיט די עטלעכע אינגלעך, האָט זיך גענומען דערנענטערן צו אונז אַ שוואַכער, עלטערער איד. ער האָט געוואָלט מיט מיר ריידן זאָגנדיק צו מיר: „איך האָב געהערט, אַז אייער פּרוי איז דעם מאַקאַראָווער רבי'נס, ר' משה מרדכי'לע טווערסקי'ס, אַן אייניקל — מיין נאָמען איז אויך טווערסקי און איך בין דעם טשערנאָבעלער רבי'נס אַ זון"...

אַזוי גיך ווי ער האָט עס צו מיר געזאָגט, האָט דער „פּרעדסעדאַ־טעל" אים אָנגעכאַפּט ביי דער פּלייצע און אים גענומען טרייבן און שטופּן. איך בין פאַרציטערט געוואָרן און געזאָגט צו דעם פאַרשוין: „מיר זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד מיט דער דערלויבעניש פון אייער רעגירונג, וועלכע וויל, אַז מען זאָל אויפנעמען טוריסטן מיט העפלעכקייט. אייער שענדלעכע אויפפירונג איז קעגן דעם וואונטש פון דער רעגירונג. איך פאָדער איר זאָלט גלייך דעם אידן צוריקברענגען צו מיר, איך וויל מיט אים פאַרזעצן דעם געשפּרעך".

מיט אַ שטיקל געפיל פון איינעם, וועלכער כאַפּט אַריבער די מאָס, האָט ער צוגערופן דעם עלנטן און צעבראָכענעם טשערנאָבעלער רבי׳נס זון, און איך האָב אַפילו אויסגע׳פועל׳ט ביים גבאי ער זאָל אַרויף אויף דער בימה און זאָגן דעם עולם ווער די געסט פון אַמעריקע זיינען. אינטערעסאַנט, אַז עטלעכע מאָל אין דער צייט פון מיין געשפּרעך מיט אים, זיינען צוגעלאָפן זיינע צוויי אָדער דריי „געטרייע" מיטהעלפער און איבערגעגעבן אים וואו די אַנדערע רבנים געפינען זיך. אין קיין שול אין רוסלאַנד האָבן מיר ניט געהאַט אַזאַ שרעקלעכע דערפאַרונג.

אמת, אומעטום געפינען זיך די „פּרעדסעדאַטעלעס" און זייערע אַרויסהעלפערס, אָבער אין קיעוו האָבן זיי דורכגעפירט זייער טרויעריקע אַרבעט מיט גרויס אימפּעט און „פולקאָמע פּינקטלעכקייט".

ווי עס פירט זיך אין בתי־מדרשים, האָט מען די געסט מכבד געווען מיט דאַוונען פאַרן עמוד: הרב דר. בערגמאַנען מיט דאַוונען מנחה און מיין ווייניקייט מיט דאַוונען מעריב. הרב בערגמאַן האָט אין חזרת הש"ץ ספּעציעל



הרב ר׳ אברהם פאניטש, דער קיעווער רב

באַטאַנט דעם „ולמלשינים״, וואָס האָט שטאַרק גערירט דעם עולם, ווערלכער ווייסט אַזוי גוט וועגן דער פּלאָג פון מוסרים.

ממש מיט אַ צעבראָכן האַרץ בין איך געשטאַנען אַלס בעל־תפילה ביים עמוד צו מעריב און געשעפּט נייעם מוט און פרישע כוחות פון „גולל אור מפני חשך וחשך מפני אור״... „ואנחנו ישראל עמו הפודנו מיד מלכים מלכנו הגואלנו מכף כל העריצים״... „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״... „כי בידך נפשות החיים והמתים... אשר בידך נפש כל חי״... דוכט זיך מיר זאָגן יעדן טאָג די ווערטער, אָבער ווי נוצבאַר און ווירקלעך איז זייער פּאַטאָס אין קריטישע מאָמענטן פון גייסטיקער איינזאַמקייט און קעגנוואַרט פון פּאַ־טאַלן נידערפּאַל פון דעם מענטשלעכן געשטאַלט. זיכער זיינען מיר אַלע דערצאַרנט געוואָרן איבער דער שרעקלעכער לאַגע פון אידן און פון יהדות אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער פיל ערגער און פיינלעכער איז געווען אָנצוקוקן דאָס געזיכט פון איינעם, וואָס מען באַצייכנט אַלס מסור. אַכט און פערציק יאָר פון קאָמוניסטישן דרוק און מאַרקסיסטישן טעראָר האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, אויך טיף פּאַרוואונדעט די זויבערע און אידישע נשמה פון דעם אידן, וועלכער האָט פּאַרלאָרן זיין גלויבן און האָפענונג. דער „פּרעדסעדאַטעל״ און זיינע אַרויסהעלפער האָבן אַלץ געטאָן און נישט צוגעלאָזן אונז זען זיך מיטן אַלטן קראַנקן רב, הרב ר׳ אברהם פּאַניטש, און דאָס, צום גרויסן באַדויער, איז זיי געלונגען.

אָבער נישט געקוקט אויפן טעראָר, וואָס די קאָלאַבאָראַטאָרס האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף די אידן אין שול און אין שטאָט, זיינען פילע פון זיי אַרויס אונז באַגלייטן צום אויטאָבוס. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיק בילד. אָרעם געקליידעט, בלייכע, דאַרע פּנים׳ער — צעשראָקן און צעבראָכן — דאָך מיט אַ צערטלעכן שמייכל, אַרויסגעגאַנגען באַדאַנקען פּאַרן באַזוך. איך בין געזעסן אין אויטאָבוס און זיך היסטעריש צעוויינט.

דער אויטאָבוס האָט זיך גענומען רירן. די אידן האָבן גענומען פאָכען מיט די הענט — „פאָרט געזונט!״ — אין דער פינסטערניש פון דער קיעווער נאַכט זיינען מיר צוריק געפאָרן צום האָטעל „דניעפּער״.

זאָלץ איז געשאָטן געוואָרן אויף אונזערע וואונדן ווען אונזער אויטאָ־בוס איז פּאַרבייגעפאָרן „פּלאָסטשאַד באָגדאַנאַ כמעלניצקאָוואַ״, וואו ס׳שטייט אַ ריזיקער דענקמאָל פאַר דעם טרויעריק־באַוואוסטן קאָזאַקן פירער און רוצח, אַרומגערינגלט מיט שיינע ביימער און בלומען. קוקנדיק אויף דער שטיינערנער געשטאַלט פון כמעלניצקין, רייטנדיק אויף אַ פערד, האָב איך גענומען קלערן

וועגן די 300,000 אידן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכער ער און זיינע ווילדע קאָזאַקן האָבן אויסגעשאָכטן אין 1648 און 1649 אין אוקראַינע, וואָלין און פּאָדאָליע. ספּעציעל האָב איך געקלערט ביי זיך ווי כמעלניצקי, דער יעזואיטישער סעמינאַריסט, פאַר וועמען אַזאַ גרויסער דענקמאָל שטייט אין קיעוו — און נישט אין באַבי יאַר — האָט פאַגראָמירט און ברוטאַל געמאָרדעט צענדליקער טויזנטער אידן אין פּעריאַסלאַוו, פּיריאַטין, לאָקוויטש און פּאָלאָניע. און וועלכער איד האָט נישט געהערט אויף וואָס פאַראַ טייוולשן שטייגער ער האָט פאַרנאַרט די אומגליקלעכע 10,000 אידן פון נעמיראָוו, כ׳ סיון, און זיי אויסגעמאָרדעט אויפן ברוטאַלסטן אופן? פאַר באַגדאַן כמעלניצקין שטייט אַ העכסט אימפּאָזאַנטער מאָנומענט. אָבער פאַר די אַכציק טויזנט אידן אין דעם פינסטערן אַפּגרונט פון באַבי יאַר אַפילו קיין קליינער איינפאַכער אויפשריפט!

אין האָטעל האָבן מיר באַגעגנט אַ אידישן טוריסט פון אַמעריקע, וועלכער האָט מיט גרויס צאַרן און פאַרביטערטקייט אונז דערציילט וועגן זיינע קרובים אין קיעוו, וועלכע צוזאַמען מיט זייערע קינדער שרעקן זיך צו טרעפן מיט אים. און ער האָט צו אונז באַמערקט: „איר אַליין ווייסט נישט, וואָס פאַראַ גיהנום דאָ איז אַרום אייך. פאַרברענגט דאָ עטלעכע וואָכן ווי איך, דאַן וועט איר פיל בעסער פאַרשטיין דעם חורבן פון אונזער פאָלק דאָ״.

ליידער האָבן מיר מיט אונזערע אויגן געזען און געפילט דעם חורבן, ווייל ער איז אַזוי גרויס, אַז ס׳וואַרפט זיך ממש אין די אויגן, אַפילו אַ בלינדער קען עס זען און אַ טויבער קען הערן דעם וויגעשריי פון אונזערע ברידער.

קיעוו, די דריטע גרעסטע שטאָט אין רוסלאַנד, די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון איבער 150,000 האָט איין אַלטן, קראַנקן רב, וועלכער איז איבער 93 יאָר אַלט. אויסער מאָסקווע און לענינגראַד האָט קיעוו די גרעסטע אידישע באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אַ שבת מיט אידן אין בודאַפּעסט נאָך אַ רייזע איבער רוסלאַנד

די שרעק, אין וועלכער עס לעבן היינט־צו־טאָג אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. — וואָס אידן אין אויסלאַנד דאַרפן פאָדערן פון מאָסקווע.

אויב אונזער אַריינפאָר קיין סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען מיט געמישטע געפילן, איז אָבער אונזער פאַרלאָזן קיעוו אויפן וועג קיין ווין געווען אָב־געפילט מיטווירקלעכע ליידן און גייסטיקע יסורים. עס האָבן געשוועבט פאַר אונזערע אויגן די צערטלעכע אומעטיקע פנים׳ער פון די איינזאַמע, עלנטע אידן, וועלכע מיר האָבן געטראָפן אין די שולן, גאַסן און בית הקברות׳ן אין מאָסקווע, לענינגראַד, טיפליס און קיעוו. עס האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען די רייד פון דעם עלטערן איד, מיט וועמען איך האָב זיך געזעגנט ביים טויער פון דער שול אין לענינגראַד, וועלכער האָט מיט אַ טיפן זיפץ געזאָגט צו מיר:

„ווי לאַנג, דענקט איר, וועלן מיר דאַרפן וואַרטן אויף נאָך אַ באַזוך פון אייך? זאָגט די אַמעריקאַנער אידן, אַז ביי אונז האַלט שוין ביי נעילה. ראַטעוועט ווי לאַנג עס איז נאָך געבליבן וואָס צו ראַטעווען".

דער איד האָט זיך צעוויינט און יאָמערלעך אויפגעהויבן זיין שטים מיט די ווערטער: „פּתח לנו שער בעת נעילת שער כי פנה יום" — די באַוואוסטע תפילה פון נעילה — „עפן פאַר אונז אַ טויער ביים פאַרשליסן דעם טויער, ווייל דער טאָג איז אַריבער".

ווערטערלאָז בין איך געשטאַנען און געקוקט אויף דעם פאַרוויינטן פנים פון דעם אומגליקלעכן אידן און ביי זיך געקלערט ווי טיפזיניק און ריכטיק עס איז זיין פאַרגלייך צו נעילה. ווער נאָך האָט פאַרשלאָסן אַזוי פיל טירן אויף אַזאַ לאַנגער צייט ווי די אַגענטן פון קרעמלין. שווערע מאַסיווע שלעסער האָבן זיי אויפגעהאַנגען אויף די הונדערטער ישיבות, טויזנטער תלמוד תורה׳ס און שולן און אַפילו אויף די הערצער פון אַ באַדייטנדן טייל פון אונזערע ברידער און שוועסטער. און ווער ווייס ווי לאַנג מען וועט דאַרפן וואַרטן ביז זיי וועלן אַרונטערנעמען דעם שלאָס פון דער טיר, דורך וועלכער זיי וועלן ענדלעך זיך קענען פאַראייניקן מיט זייערע ברידער און שוועסטער אין ארץ־ישראל און אין דער פרייער וועלט.

איז מעגלעך צו פאַרגעסן די באַמערקונג פון דעם תלמיד חכם, וואָס שטאַמט פון איינער פון די באַרימטע אידישע משפחות אין רוסלאַנד, מיט וועמען איך האָב שפּאַצירט אין מאָסקווע אויף לעניגראַדסקי פּראָספּעקט. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז מען מוז האָבן געדולד און אָנהאַלטן וואָס מען קען נאָר אָנהאַלטן, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווען די פּאָגראָמטשיקעס האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז פון אייער זיידן, הרב ר׳ יעקב משה ספּיר, אין סאַראַטאָוו, צוזאַמען מיט דער סאַראַטאָווער הויפּט־שול, אין 1905, האָט ער, דער סאַראַטאָווער רב, קוקנדיק אויף די פלאַמען, געזאָגט צו די אַרומיקע פאַרטרויערטע אידן: וויינט נישט און שרייט נישט. זאָלן זיי צינדן און ברענען; מיר וועלן לעשן און בויען״. און דער איד האָט פאַרגעזעצט: „אַמאָל, אונטער דעם דעספּאָטישן צאַר, ווען נאָר עס האָט ביי אונז אויסגעבראָכן אַ פייער, האָט מען „געלאָשן״ פון אויסלאַנד. היינט אָבער ברענט און די לעשערס קומען נישט״...

די חכמי התלמוד לערנען אונז, אַז דריי זאַכן שוואַכן־אָפּ דעם מענטשנס כוח, די נאַטירלעכע קראַפט פון אַ מענטשן. „שלשה דברים מכחישים כוחו של אדם: פחד, דרך, ועון״ — די דריי זאַכן זיינען: שרעק, רייזע און זינד. דער איד פון רוסלאַנד לעבט היינט דורך די דריי דערפאַרונגען און זיי ברעכן זיין עקזיסטענץ. ערשטנס, איז ער דורכאויס אין שרעק — ווי אַ פאַרפאָלגט, הילפלאָז באַשעפעניש שרעקט ער זיך פאַר אַלץ און אַלעמען. ער האָט מורא צו ריידן; ער האָט מורא זיך צו באַוועגן.

ווען הרב שלמה בערגמאַן, דער זון פון הרב ישכר דוב בערגמאַן, האָט באַזוכט אַ אידישע פאַמיליע אין אַ געוויסער שטאָט אין רוסלאַנד, אַ פאַמיליע פון תורה און מצוות, האָט דער פאָטער פון דער משפחה, אַ תלמיד חכם, געזאָגט צו אים, אַז אפילו יום כיפור גייט ער נישט אין שול אַריין, ווייל ער האָט מורא, ער שרעקט זיך פאַר די שווערע קאָנסעקווענצן פון אַזאַ אַקט. נישט איבערגעטריבן: זיי שרעקן זיך מיט אייך צו ריידן אָדער אויסדריקן אַ מיינונג. זיי געטרויען קיינעם נישט, ווייל גרויזאַמע פאַקטן פון לעבן האָבן זיי געלערנט וועגן דער געפאַר פון אַן איבעריק וואָרט.

איינע פון די אורזאַכן פון דער טראַגישער אידישע לאַגע אין רוס־לאַנד, וועלכע איז זיכער ערגער פון דער לאַגע פון אַנדערע מינדערהייטן, איז דאָס, וואָס מען באַשולדיקט זיי אין ניט־געטריישאַפט צום לאַנד און רעגירונג; ווייל מען באַטראַכט זיי אַלס מענטשן, וואָס זיינען ניט איינגע־וואָרצלט אין באָדן פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. זיי ווערן באַשולדיקט

אין אַרויסוואויזן צופיל אינטערעס אין מדינת ישראל און אין אידישע ישובים איבער דער וועלט. דער טיטול „אוניווערסאַלער קאָסמאָפּאָליט” האָט אין אײן פאַרפאָלגן דעם רוסישן אידן.

ווען מען האָט געפרעגט אַ וויכטיקן קאָמיסאַר, פאַרוואָס עס געפינען זיך נישט קיין אידן אין דעם „אויסערן־מיניסטעריום” פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָט ער געענטפערט: „ווייל אַזוי גיך ווי מיר שיקן אַ אידן צו אונזער געזאַנדשאַפט אין וואַשינגטאָן, געפינט אים גלייך אויס זיין אָנקל פון ברוקלין”.

ווער פון אונז ווייסט נישט דעם רעטזולהאַפטן ווידערשפרוך פון דעם, וואָס רוסישע אידן, וועלכע זיינען בלויז 1.1% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, שטעלן זיי פאַר מיט זיך 63 פּראָצענט צווישן די באַשולדיקטע פון דער רעגירונג אין עקאָנאָמישע פאַרברעכנס, ווי ספּעקולאַציע און קאָרופּציע.

מיר דוכט, אַז די ערשטע שורות פון ביאַליקס „המתמיד”, וואָס איך ברענג דאָ אין אַ פרייער אידישער איבערזעצונג, דריקן אויס ריכטיק די טראַגעדיע פון די אידן אין רוסלאַנד.

„עוד יש ערים נכחדות בתפוצות הגולה, בהן יעשן במסתר נרבו הישן; עוד הותיר אלקינו לפליטה גדולה, גחלת לוחשת בערמת הדשן”.

„עס זיינען נאָך אַלץ דאָ פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין די לענדער פון גלות, וואו עס רייכערט זיך נאָך אַלץ אונזער פאַרבאָרגן אַלט ליכטל; וואו ג־ט האָט נאָך אונז איבערגעלאָזט אַ שארית הפליטה, אַ ברענענדיקע קויל און אַ קופּע אַש.

„ווי געראַטעוועטע האָלעוועשקעס רויכערן זיך דאָרט צוביסלעך פאַר־שניטענע נפשות און פאַראומערטע נשמות, וואָס ווערן אַלט פאַר דער צייט.

„אַזוי ווי גרעזלעך, וועלכע וואַקסן אין ברענענדן מדבר”.

מיר, וועלכע האָבן זיך גליקליכערוויז געטראָפן מיט זיי, גלויבן באמונה שלימה, אַז זייער פלאַם פון האָפענונג און גלויבן אין נצח ישראל וועט אַלץ ליכטיגער ווערן און קען און וועט פונדעסניי אויפשיינען מיט אַלע זיינע רייכע קאָלירן, אויב מיר, אידן פון דער פרייער וועלט, וועלן קיין איין טאָג נישט דורכלאָזן אָן קאָנקרעטע, ווירקזאַמע און קאָנסטרוקטיווע אַקטן און מעשים אַרויסצוהעלפן זיי פון זייער פינסטערן שיקזאַל.

מיר טאָרן זיך נישט טרייסטן מיט דעם, וואָס מען פאַרזיכערט אונז, אַז אידן אין רוסלאַנד, וועלכע זענען 1.1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג,

שטעלן־צו 14.7 פראָצענט פון אַלע דאָקטוירים אין רוסלאַנד; 10.4 פראָצענט פון די יוריסטן און ריכטערס; 10 פראָצענט פון די וויסנשאַפטסלייט און אַרום 15 פראָצענט פון די אינטעלעקטואַלן.

די דיסקרימינאַציע קעגן אידן אויפ׳ן רעליגיעזן און קולטורעלן געביט איז באַשטעטיקט געוואָרן אויך פון וויכטיקע נישט־אידישע באַאָבאַכטער אַלס די ברוטאַלסטע אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע עטנישע גרופּן און רעליגיעזע מינדערהייטן.

מיר מוזן פאָדערן, דירעקט און אומדירעקט, אַז אין די ראַמען פון סאָוועטישן געזעץ זאָל מען אידן געבן די זעלבע רעכט, מעגליכקייטן און פּריווילעגיעס צו לעבן פריי זייער אייגנאַרטיק אידיש לעבן. מיר מוזן בעטן און פּראָטעסטירן מיט טאַקט און מיט גרויס פאָרזיכטיקייט און ניט איבערטרייבן די פאַקטן, וועלכע זענען געווען גענוג האַרצרייסנד, אָן שום ביליגע באַפּוצונגען.

דאָס אידישע פּראָבלעם אין ראַטן פאַרבאַנד טאָר ניט צוזאַמענגעמישט ווערן מיט דעם אַלגעמיינעם אָנגעשטרענגטן „קאַלטן קריג״. מען מוז איבערצייגן די פירער פון קרעמלין, אַז די באַפרייאונג פון זייער אידישער מינדערהייט פון דיסקרימינאַציעס און פאַרפאָלגונגען וועט אין קיין וועג ניט שטערן זייער סאָציאַלן עקספּערימענט. אַזוי לאַנג ווי די רוסישע אידן ווערן באַרויבט פון די עלעמענטאַרע מענטשליכע רעכט טאָרן מיר נישט רוען. אַלע מעגליכע מיטלען צו ראַטעווען זיי מוזן גלייך אָנגעווענדט ווערן. אמת, מיר האָבן דערגרייכט דעם בעילה־מאָמענט, אָבער נעילה־צייט איז אויך נישט צו שפּעט און נישט צו קורץ אויפצובלאָזן דעם אייביקן פלאַם, וועלכער איז נאָך אַלץ פאַרבאָרגן טיף אין זייערע הערצער.

ביי קברים פון אידישע קדושים אויפן שול־הויף אין בודאַפּעסט

דער באַזוך פון דער אַמעריקאַנער רבנים־דעלעגאַציע אין בודאַפּעסט. — אידיש לעבן אין אַ קאָמוניסטישער מלוכה.

אין וויען זיינען מיר באַגעגענט געוואָרן אויפ׳ן לופט־פעלד פון וויכטיקע פאָרשטייער פון אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס. מיט אַ ברייטן, וואַרימען שלום־עליכם האָבן זיי אונז איבערגעגעבן וועגן דעם אָפּקלאַנג אויף דער וועלט, וואָס אונזערע רעדעס אין דער מאָסקווער שוהל האָבן געמאַכט, און וועגן דער צופרידנקייט פון אידישע וועלט־פירער מיט דעם באַזוך פון אונזער הסתדרות הרבנים דעלעגאַציע אין סאָוועט רוסלאַנד. דער אָנפירער פון דעם קבלת פּנים פאַר אונז האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „איר האָט געשאַפן מיט אייער באַזוך און מיט אייערע דרשות געשיכטע, און איר האָט אָנגעצונדן אַ נייעם פונק פון האָפענונג. די אידישע געשיכטע וועט עס זיכער פאַרצייכענען פאַר די צוקינפטיגע דורות״.

מיר זענען אָנגעקומען קיין בודאַפּעסט דאָנערשטאָג, דעם 29־טן יולי. גלייך ביים אַריינקומען אין דעם לופט־פּאָרט וואָקזאַל האָט זיך געמערקט דער באַדייטענדער אונטערשייד צווישן רוסישן און אונגאַרישן קאָמוניזם.

דער גוטמוטיקער און שמייכלנדיקער באַאַמטער ביי דער „טאַמאָזשנע״ (צאָל־אַמט) האָט פאַראָרדנט דורכצולאָזן אונזער באַגאַזש אָן שום אונטערזוכונגען. קיין ספּעציעלע ליבע אָדער פאַרערונג פאַר סאָוועט רוסלאַנד האָט ממש קיינער פון די אָנגעשטעלטע ביים לופט־פעלד, אין אונזער „האָטעל ראָיאַל״, אָדער אין אַנדערע פּלעצער נישט אַרויסגעוויזן. אין אונזערע פילע געשפּרעכן מיט די אונגאַרישע בירגער אָדער קאָמוניסטן האָט זיך געמערקט אַן אָנגעשטרענגטע באַציאונג צום קרעמלין.

אין אָוונט, צו מנחה־מעריב, האָבן מיר געטראָפן אַ שיינעם עולם אין דער באַרימטער קאַזינצער שוהל, צווישן זיי אייניקע ישיבה־בחורים און תלמוד תורה־קינדער. דער פּחד און טעראָר, וואָס האָט זיך געפילט אין סאָוועט רוסלאַנד, איז נישט קענטיג געווען צווישן די אונגאַרישע אידן. אמת, זיי זענען נאָך געבויגן דערשלאָגן פון דעם חורבן, וואָס די נאַציס האָבן פאַראורזאַכט דעם אונגאַרישן אידנטום, ווען 600,000 אידן די דייטשן האָבן דערמאָרדעט. אָבער זיי, די

איבער 100,000 אידן, וועלכע געפינען זיך אין אונגאַרן, האַלטן נאָך אַן אַרגאַניזירטע קהילה מיט דער שטיצע פון דער רעגירונג. אין בודאַפּעסט פונקציאָנירן אַרום 15 שוהלן, אַ ישיבה מיט איבער דרייסיק תלמידים, אַ תלמוד תורה מיט 130 תלמידים, אַ אידיש שפּיטאָל מיט כשרות און 220 בעטן און אַ מושב זקנים, וואו דער נאָמען פון הרב ר׳ אברהם פּאָלאַק ז״ל, שפּעטער רב אין מעקיספּאַרט, פּאַ., ווערט נאָך אַלץ דערמאָנט מיט גרויס ליבע און פאַרערונג.

אין דעם כשר׳ן רעסטאָראַן פון בודאַפּעסט טרעפט מען אידן פון אַמעריקע, פראַנקרייך, עסטרייך, בעלגיע און אַנדערע לענדער. די חשוב׳ע און געטרייע קהילה־פירער האָבן פאַר אונז געשילדערט דאָס אידישע לעבן אונטער׳ן קאָמוניזם, מיט דאַנקבאַרקייט צו דער רעגירונג פאַר נישט שטערן כשרות און אפילו חינוך. די קהילה קאַנצעלאַריע מיט די גרויסע געבײַדעס אַרום דער שוהל שאַפן דעם איינדרוק פון אַ כמעט נאָרמאַל אידיש לעבן און עקזיסטענץ אונטער די ניי־געשאַפענע אומשטענדן.

האַרצרייסנד איז געווען דער באַזוך אין דעם שוהל־הויף פון די נעאָלאָגן, וואו עס געפינען זיך די קברים פון איבער 2,000 אומגעקומענע אידן דורך די נאַצים. אין מוזעאום נעבן דער נעאָלאָגן־שוהל הענגען פאַרטעכער און זשי־לעטקעס, וואָס די נאַצים האָבן געמאַכט פון ספרי תורה־פּאַרמעט, וואָס זיי האָבן געשענדעט און פאַרשוועכט. עס הענגט דאָרט אויך אַ טלית מיט גרויסע בלוט פלעקן, וואָס מען האָט אַרונטערגענומען פון אַ אידישן נאַצי־קרבן. איבער 100 באַאַמטע פירן־אָן מיט די פאַרשידענע פאַזן פון דער קהילה־סטרוקטור אין אַ רייע געבײַדעס און קאַנצעלאַריעס.

אַ וויכטיקע פערזענליכקייט אין בודאַפּעסט האָט זיך פאַר אונז באַקלאָגט אויף דער אַנגעשטרענגטער באַציאונג צווישן אַמעריקע און אונגאַרן צוליב דעם קאַרדינאַל מינזענטי, וועלכער באַקומט אַזיל־רעכט אין דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע. און ער האָט צוגעגעבן, אַז מינזענטי איז אַ באַוואוסטער פאַרביסענער אַנטיסעמיט. ווען מען האָט דעם קאַרדינאַל געזאָגט, אַז איבער זעקס מיליאָן אידן זיינען אומגעקומען דורך די נאַצים, האָט ער ציניש באַמערקט: „דאָס איז איבערגעטריבן. די נאַצים האָבן דערמאָרדעט נישט מער ווי פינף מיט אַ האַלבן מיליאָן אידן״... און דער אידישער פירער האָט אונז געפרעגט: „דאַרף די דעמאָקראַטישע אַמעריקע באַשיצן אַזאַ פאַרשוין?״ מיר האָבן קיין ענטפער פאַר אים נישט געהאַט.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די חשוב׳ע רבנים שיק און ווייס, וועלכע פירן מיט מוט, קוראַזש און גרויס איבערגעבנקייט דאָס אידיש־רעליגיעזע לעבן פון בודאַפּעסט און אין די דערבייאיקע שטעט.

הרב דר. ישכר דוב בערגמאַן און איך האָבן געהאַלטן לענגערע דרשות שבת פּרי אין דער קאַזינצער שוהל. צווישן דעם ריזיקן עולם איז געווען אַ באַדייטענדיקע צאָל לומדים. העכסט רירענד און אינהאַלטסרייך איז געווען הרב בערגמאַנ׳ס דרוש. ער האָט מיט פּאַסיקע מאמרי חז״ל אויסגעדריקט וואָס ער האָט אַלס קינד פון דער באַרימטער נאַדוואַרנער חסידישער דינאַסטיע איבער־געלאָזן אין אונגאַרן און וואָס מיר האָבן דאָרט איצט געפונען. דער גאַנצער עולם האָט געוויינט, ווי עס וואָלט געווען יום כיפור, ווען הרב בערגמאַן האָט פאָרגעשטעלט און געשילדערט די שטאַנדהאַפטיגקייט, לומדות און הויכן ניווא פון דעם אידיש־אונגאַרישן תורה־לעבן פאַר דעם קריג, וואו יעדעס קליינע שטעטעלע האָט געהאַט אַן אייגענע ישיבה א. אַז. וו.

איך האָב צווישן אַנדערע גערעדט וועגן דעם גרויסן בייטראַג פון באַרימטן סאַטמאַרער רבי׳ן שליט״א מיט זיינע חסידים, ישיבות און תלמוד תורה׳ס צום אַמעריקאַנער אידישן לעבן.

ביי שלוש סעודות איז הרב ר׳ משה וויס געזעסן געשפּאַנט אין דער גרויסער שוהל און אויסגעהערט דעם טיף־לומדישן פּלפּול פון דעם יונגען הרב שלמה בערגמאַן פון בית התלמוד אין ברוקלין. סיי דער רב און סיי די אידן האָבן זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם פאַקט, אַז דאָס רעדט פאַר זיי מיט אַזוי פיל בקיאות און חריפות אַ יונגער בן־תורה, וואָס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַמעריקע.

מיר אַלע וועלן לאַנג געדענקען דעם שבת אין בודאַפּעסט.

רוסישע אידן וואָס זיינען זיך מוסר־נפש פאַר זייער אידישקייט

די אומבאַזיגבאַרע כוחות וואָס זיי האָבן קעגן זיך. — ווי זיי באַקעמפן דעם שטראָם פון אַסימילאַציע.

מיט פינף מאָנאַטן צוריק, האָט אונזער דעלעגאַציע פון הסתדרות הרבנים זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון אייראָפּעאישע רבנים, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן. ביי אָט דער היסטאָרישער און אומפאַרגעסליכער קאָנפערענץ האָבן מיר בייגעוואוינט אַ זעלטענע דערפאַרונג. מיר האָבן דאָרט געהערט אַ מוטיקע און אַנשלאָסענע שטימע פון ווידער אויפבוי אויף דעם מיט־אידיש בלוט דורכגעווייקטן אייראָפּעאישן קאָנטינענט.

די הויפּט־רבנים פון בעלגיע, שווייצאַריע, האָלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, טערקיי, דענמאַרק, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און א. וו. האָבן גערעדט וועגן אַ ווידער־אויפבליאונג פון אידישן לעבן אין זייערע לענדער. מיר האָבן זיך אַלע געוואונדערט פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ מוט און אַזאַ גבורה צו קאָנען לעבן נאָענט צו די קברים פון קינדער, עלטערן און נאָענטע פריינט און גלייכצייטיק אַרויסווייזן אַזאַ גאַנצע און שטאַרקע אמונה!

ביים היינטיקן טאָג איז אונזער הויפּט פּראָבלעם און הויפּט זאָרג דער „נחש עלי צור" — די קאָמוניסטישע שלאַנג, וועלכע מאַטערט איר הילפלאָזן קרבן, דעם אַלטן פעלז ישראל, וועלכן ער האָט מיט זיין גאַנצער מאַכט אַרומגענומען און איזאָלירט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט.

די פון אונז, וואָס האָבן נישט לאַנג מבקר חולה געווען אונזערע צעשראָקענע און פאַרשמאַכטע ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען איבערראַשט געווען צו געפינען אַ אידישן פונק פון גלויבן, האָפענונג און טיפער בענקשאַפט נאָך אידן און יהדות. זייערע פּנימ'ער לייכטן אויף מיט פרייד ווען זיי הערן אַ אידיש וואָרט אָדער זעען אַ אידישן פּנים.

די טאַלאַנטפולע זינגערין אין הויפּט־זאַל פון מעטראָפּאָל האָטעל האָט אויסגעזען ווי אַ העכסט אידישע טאָכטער. ווען מיר האָבן פאַרפירט מיט איר אַ געשפּרעך, האָט זי מיט אַ געפיל פון פרייד און שטאָלץ גענומען ריידן אידיש מיט אונז און דערציילט איר לעבנס־געשיכטע פון דער צייט ווען זי האָט אַלס קינד זיך געראַטעוועט פון ביאַליסטאָק און ענדליך געקומען קיין מאָסקווע.

אין אַ שיינעם ביאַליסטאָקער אידיש האָט זי אונז געלאַדן צו הערן אין אונט אירע אידישע ניגונים, וועלכע זי וועט זינגען פאַר׳ן גאַנצן עולם און ספּעציעל פאַר אונז. וואָס פאַר אַן אומעט, עלענדקייט און שרעק ס׳איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר צאַרטן אידישן פּנים.

אין אַ צווייטן האָטעל, אין אַ געוויסער שטאָט פון רוסלאַנד, האָט די קעלנערין, וועלכע האָט אונז באַדינט, שטילערהייט מיר פאַרטרויט איר סוד:

„גאָספּאָדין ראַווין, יאַ יעווריעיקאַ״ (מיין הער רב, איך בין אַ אידישע).

זי האָט אָפּגעוואָרט ביז די אַנדערע קעלנערינס זענען אָפּגעטראָטן פון טיש און געזאָגט צו אונז:

„זיי האָבן אונז פיינט און איך וויס נישט פאַרוואָס. ס׳גייט קיין טאָג נישט דורך, אַז מען זאָל מיר נישט דערמאָנען מיין אָפּשטאַם. מיין ביינצן־יאָריקע טאָכטער וויס שוין גאָרנישט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט און איר קינד וועט אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט ווערן אפילו פון מיר. אויב איר ווילט וויסן אונזער לאַגע דאָ, קאָן איך עס פאַר אייך שילדערן אין צוויי ווערטער: ,אָטשען פּלאָכאָ׳. ס׳איז זעהר ניט גוט״.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ אידישע פרוי, אָבער רעדן אידיש האָט זי נישט געקענט. אין מיטן פון אונזער שמועס איז גיך, ממש מיט אימפּעט און אויפגערעגטקייט צוגעלאָפן איר קאָלעגין־קעלנערין צו אונז.

„דאָס טוען זיי שטענדיק. ווי נאָר איך פאַנג אָן רעדן מיט אַן אויסלענדער היטן זיי מיך און געטרויען מיר נישט״, האָט זי געזאָגט אַ צעשראָקענע, מיט אַ בלאַס און דענערווירט פּנים, און זי האָט זיך געזעגנט מיט אונז.

אינטערעסאַנט איז צו מערקן די רוסישע „ברידערליכקייט״ און זייער „פריינטשאַפט״ צו די אַפריקאַנער, וועגן וועלכע זיי האַלטן אין איין מוסר׳ן און פאַרוואַרפן אַמעריקע.

קומענדיק צוריק פון אַ פּריוואַטן באַזוך ביי אַ געוויסער פאַמיליע אין לענינגראַד, האָב איך באַמערקט אַ גרופּע אַפריקאַנער ביי דער טיר פון אונזער „אָקטיאַבערסקאַיאַ גאַסטיניצאַ״. אויף טשיקאַוועס רוף איך זיך אָן צום טעקסי־טרייבער:

„נו, קאַק־זשע וואַם נאַראַוויטסאַ עטאַ אַפריקאַנסקאַיאַ גרופּאַ?״ (ווי געפעלט אייך די אַפריקאַנער גרופּע?)

זיין ענטפער איז געווען קורץ און גאַנץ דייטליך:

„פוסט אָני פּאָיעדוט ק׳סעביע דאָמאָי״ (זאָלן זיי צוריקפאָרן צו זיך אַהיים . . .).

דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, וועלכער רופט אַרויס פאַרוואונדערונג, קאָן בעסער פאַרשטאַנען ווערן, ווען מען נעמט אין אַכט די ביי־געשאַפענע און רעוויזירטע נאַציאָנאַלע סענטימענטן און געפילן, וועלכע די נאַצי־אָקופּאַציע האָט אַרויסגערופן ביים רוסישן פאָלק. איך אַליין האָב זיך געוואונדערט פון דעם שטאָלץ און ליבע, מיט וועלכע אַ רוסישע קאָמוניסטקע האָט גערעדט צו אונז אין „מוזעי אַרוזשעיני״ אין מאָסקווע וועגן קוטוזאָוו׳ן, פּיאָטר וויעליקי און וועגן „נאַש צאַר״ (אונזער צאַר) וולאַדימיר אָדער אַלעקסאַנדער און יעקאַטערינאַ . . . ווען איך האָב איר אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם ווידערשפּרוך, האָט זי זיך געפונען אין זעהר אַן אומבאַקוועמער לאַגע און געזאָגט צו מיר:

„מיר פאַראייביקן די גוטע לייסטונגען פון אַלע מענשן . . .״

אַ שטאַרק געפיל פון נאַציאָנאַליזם מוז ווירקן אויף די באַציאונגען צו אַ „מינדערהייט צווישן מינדערהייטן״ — צו אידן.

אונזער דור, וועלכער זאָרגט ערנסט וועגן ישיבות, תלמוד תורה׳ס סידורים, חומשים, טליתים, תפילין און אַלגעמיינע בעסערע באַדינגונגען פאַר אונזערע ברידער אין רוסלאַנד, טאָר נישט פאַרגעסן די גבורה און מסירת נפש פון אַט־די אידן ביים פּראַווען אַ ברית, אַ בר מצווה, ביים באַקן מצות און אָפּהיטן שבת.

הרב דוד האַלאַנדער קאָן באַשטעטיקן די געשיכטע פון דעם פאַרשיקטן איד קיין סיביר אויף אַכט יאָר שווערע צוואַנגס־אַרבעט, וועלכער, אָנקומענדיק אין זיין טורמע־לאַגער, האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן שבת. ער האָט געזאָגט צום קאָמיסאַר:

„האַלט מיך ביי אייך אין געפענגעניש וויפיל יאָרן איר ווילט, לייגט צו נאָך צוויי אָדער פינף יאָר, פאַר די שבת־טעג, וועלכע איך וועל דורכלאָזן. שיסט מיך, אויב איר ווילט, אָבער אַרבעטן שבת וועל איך נישט״.

אפילו די פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמיסאַרן זענען געווען גערירט פון דער זעלטענער זעלבסט־ווירדע, פון דעם שטאָלץ און אַנטשלאָסנקייט פון זייער געפאַנגענעם, און מען האָט נאָכגעגעבן זיין פאַרלאַנג.

דער צוקינפטיקער היסטאָריקער וועט איבערגעבן פון סאָוועט־רוסישן אידנטום אַ רירענדיקע געשיכטע פון זעלטענעם קוראַזש, אייגנאַרטיקער מסירת נפש, אומפאַרגלייכבאַרער שטאַנדהאַפטיגקייט און הייליקן מאַרטירערטום, וועלכע וועט זיך מיט גערעכטיגקייט אַריינפּאַסן מיט דער אידישער ערפאַרונג אונטער דער אור־אַלטער רוימישער אימפּעריע, דער אינקוויזיטאָרישער שפּאַניע פון טאָרקוועמאַדאַ און די אייראָפּע פון די פינסטערע נאַצי־טעג.

גלייכצייטיק אויך אין דער פרייער אַמעריקע וואו ס׳געפינט זיך אַ קאָלאָסאַלע און ברייט פאַרצווייקטע נעץ פון אידישע רעליגיעזע, קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס וועלכע פונקציאָנירן אָן שטערונגען און באַ־שרענקונגען — פילט זיך אַן ערנסטע זאָרג און טיילוויז אַ צווייפל וועגן דער צוקונפט פון יהדות. אויב אין דער געבענטשער נייער וועלט פון אומבאַגרעניצטע פרייהייטן שטייט אונזער מאָרגן אין געפאַר צוליב דעם וואוקס פון געמישטע הייראַטן, אַסימילאַציע, גלייכגילטיקייט צו תורה, מצוות און טראַדיציע, — אויף פיל מער ערנסטער אוןווירקליכער איז די געפאַר פון טאָטאַלן אונטערגאַנג פון דער צווייטער גרעסטער אידישער געמיינדע אין דער וועלט, די איבער דריי מיליאָן אידן פון רוסלאַנד, וועלכע לעבן דורכאויס אין אַ געדריקטן קלימאַט פון אַקטיוון אַטעאיזם, איינגעוואָרצלטן אַנטיסעמיטיזם, וויטריאָלישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ישראל און יהדות און שטענדיקע שטערונגען און פאַרפאָל־גונגען.

ווי לאַנג קען אַ מענטש, אפילו מיט איבערנאַטירלעכע קרעפטן, אויסהאַלטן גרונטלאָזע באַשולדיגונגען פון נישט געטריישאַפט, „קאָסמאָפּאָליטיזם” און עקאָנאָמישע פאַרברעכנס ?

פון יולי 1961 ביז אויגוסט 1963 האָבן סאָוועטישע צייטונגען באַריכטעט וועגן 81 פּראָצעסן אויפ׳ן געביט פון עקאָנאָמישע פאַרברעכנס אין 41 שטעט. פון די 163 בירגער, וועלכע זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן צום טויט דורך די פּראָצעסן, זיינען 96 געווען אידן. כאָטש אידן זיינען בלויז 1.1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער רוסישער באַפעלקערונג, זיינען די הינגעריכטעטע געווען 60 פּראָצענט אידן.

אונזער דור, וועלכער האָט ביגעוואוינט די מערדערליכע אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק דורך די דייטשע נאַציס, קאָן נישט און טאָר נישט פאַרגעסן די 3 מיליאָן רוסישע אידן. מיר קאָנען נישט בלייבן גלייכגילטיק און פּאַסיוו ווען 95 פּראָצענט פון רוסישען אידנטום לעבט אָן אַ שוהל, אָן אַ רב, אָן אַ מלמד, אָן אַ שוחט און אָן אַ מוהל. אַ שטאָט ווי כאַרקאָוו מיט איבער 70,000 אידן האָט קיין איין רב נישט ! אין סווערדלאָווסק, זשיטאָמיר און לוואָוו זענען אַלע שולן געשלאָסן דורך דער רעגירונג, און קיין שפּור פון אידיש רעליגיעזן לעבן איז דאָרט ניט געבליבן. לענינגראַד מיט 350,000 אידן האָט נאָר איין אַלטן קראַנקן רב. די איבער 400 עקזיסטירענדע אידישע קהילות פון רוסלאַנד האָבן אַלע צוזאַמען בלויז 40 רבנים, וועלכע זיינען קוואַליפיצירט און איבער 70 יאָר אַלט.

ווען דער עלטסטער זון פון חפץ חיים הרב ר׳ ארי׳ ליב פּופּקאַ איז אַרויסגעקומען פון צימער וואו זיין פאָטער איז געלעגן אין בעט און גע׳גוסס׳ט,

האָט אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַן אויסלענדישער צייטונג אים געפרעגט: „ווי פילט זיך בייצוואוינען די לעצטע מאָמענטן פון אַ פאָטער אויף דער וועלט?" — האָט דעם חפץ חיים'ס זון געענטפערט: „ס'איז שווער צוצוקוקן זיך ווען אַ פרעמדער מענטש שטאַרבט, נאָך שווערער איז בייצוואוינען די לעצטע מאָמענטן פון אַ פאָטער אויף דער וועלט; אָבער ס'איז גאָר, גאָר שווער בייצוואוינען די גסיסה פון אַ חפץ חיים!" *)

אמת, ס'איז שווער צו געפינען זיך אין געגענוואַרט פון אַ מענטשן וועלכער פּאָכעט צווישן לעבן און טויט. אָבער ס'איז פיל שרעקליכער בייצוואוינען די גסיסה פון דריי מיליאָן אידן וועמעס ביישטייער צו תורה, ציון און אידישער ווירדע האָט געשטאַרקט און באַרייכערט אידיש לעבן איבער דער גאַנצער וועלט אַן אַ מאָס און אַן אַ גרונט. אַלע מיטלען אין דער וועלט מוזן אָנגעווענדעט ווערן צו ראַטעווען דעם חולה!

*) איבערגעגעבן פון הרב ר' חיים יצחק פופקא, אַ תלמיד מובהק פון חפץ חיים.

הסתדרות הרבנים־דעלעגאַציע צו דער קאָנפערענץ פון די אייראָפּעאישע רבנים אין לאָנדאָן, אדר ב', תשכ"ה

רעכטס צו לינקס: די רבנים אַדלער, קאָוואַלסקי, נאגער, מילער, סעגאַל, בראָדי, לעוואָוויץ, בערגמאַן, פופקא, ניובערגער און ווייספּאָגעל.

ווי סאָוועט־פּרעסע שפּיגלט אָפּ די העצע קעגן אידן

אַ יעווסעקישער פּירוש אויף „שיר השירים", וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין סאָוועטישן זשורנאַל „נאַאוקאַ אי רעליגיאַ". — אַ איד, וואָס באַקלאָגט זיך, אַז מען האָט אָן זיין וויסן מל געווען זיין קינד.

נאָך מיינע באַזוכן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַר מיר קלאָר, אַז בכדי צו האָבן אַ באַגריף ווי עס לעבט זיך אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט, מוז מען אַלץ זען און הערן מיט די אייגענע אויגן און אויערן. באַזונדערס איז עס אַזוי ווען מען וויל וויסן, ווי אַזוי ס'לעבט זיך די דאָרטיקע אידן.

עס איז אָבער אויך געזונט נאָכצופאָלגן די סאָוועטישע פּרעסע — ווען מ'באַזיצט פולקאָם די רוסישע שפּראַך — זיך אָנצושטויסן אויף פאַקטן און פּאַסירונגען וואָס עפענען אייך די אויגן און אַנטפּלעקן פאַר אייך דעם גאַנצן שוידער פון זיין אַ איד אין דעם באַלשעוויסטישן רוסלאַנד.

אָט לייענען מיר אַ בריוו פון אַן „אויפגערעגטן" אידישן פאָטער, וועלכער באַקלאָגט זיך צום רעדאַקטאָר פון „נאַאוקאַ אי רעליגיאַ" („וויסנשאַפט און רעליגיע") אויף דעם „שרעקלעכן" פאַרברעכן פון זיין שוויגער, וועלכע האָט אָן זיין דערלויבעניש און אין זיין אָפּוועזנהייט פון שטאָט, גענומען זיין ניי־געבוירענעם זון צו אַ „פּרימיטיוון, נישט היגיענישן" בירגער און דורכגעפירט אַ ברית אויפ'ן הילפלאָזן „אומגליקלעכן קינד". דער דאָזיקער פאָטער פּראָ־טעסטירט מיט פאַרביטערטקייט און צאָרן סיי קעגן דער שוויגער און סיי קעגן דעם מוהל. ער פרעגט דעם רעדאַקטאָר: „זענען נישטאָ קיין געזעצן אין אונזער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון ראַטן־פאַרבאַנד, צו פאַרמיידן אַזאַ נידערטרעכטיקן אַקט ? . . .

דער „געקרייוודעטער" פאָטער בייזערט זיך, אָבער די פראַגע איז: אויף וועמען ?

די בלאַסע און מאָנאָטאָנע קאָמוניסטישע טאָג־צייטונגען „איזוועסטיאַ" און „פּראַוודאַ", וועלכע באַריכטן אויפ'ן אויבן־אָן וועגן דער גרעטעניש אין אַ קאָלכאָז אין אוזבעקיסטאַן, וועגן אַ געהעכערטער פּראָדוקציע אין אַ שטאָל־פאַבריק אין וואָלגאָגראַד אָדער דרוקט דאָס בילד פון אַ „העלד", אַ קוילן־גרעבער פון די אוראַלער בערג, פאַרפעלט אָבער אויך נישט צו דרוקן פאַקטיש

יעדן טאָג, בייזוויליקע איבערטרייבענישן וועגן דער „קריטישער לאַגע" פון דער „וועליקאָיע אַבשעסטוואָ" („גרויסע געזעלשאַפט") וואָס פּרעזידענט דזשאָנסאָן פּלאַנט.

טעגליך ווערן געדרוקט שאַרפע און בייסענדע קאַריקאַטורן וועגן די אומרוען אין וויעטנאַם און די „בייזוויליקע" גענעראַלן פון פּענטאַגאָן.

נישט לאַנג צוריק האָבן די „איזוועסטיאַ" און די „פּראַוודאַ" פּראָמינענט געדרוקט אַן אויפרוף פאַר שלום אין וויעטנאַם, פון דעם מאָסקווער פּאַטריאַרך און פון די מוסולמענישע פירער. פאַרשידענע רעליגיעזע מינדערהייטן זענען געווען פאַרטראָטן אין דעם פּראָטעסט קעגן דער „אַמעריקאַנער אַגרעסיע אין וויעטנאַם", אָבער די נעמען פון די מאָסקווער און לענינגראַדער רבנים זענען דאָרט נישט דערמאָנט געוואָרן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן די „איזוועסטיאַ" און „פּראַוודאַ" באַריכטעט וועגן דעם „פּריינטלעכן און ברודערליכן באַזוך פון דעם ירדן־געזאַנדטן ביים סאָוועטישן פּרעזידענט פּאָדגאָרני" — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ירדן האָט געשטימט קעגן רוסלאַנד אין דער וויעטנאַם־פראַגע ביים זיכערהייטס־ראַט פון די פאַראייניקטע פעלקער.

דער ניי־אויפגעברויזטער און שטאַרק איבערטריבענער רוסישער נאַציאָנאַליזם אין דער כלומרשט קלאַסן־לאָזער און ראַסן־לאָזער סאָוועט־רוסלאַנד איז שטאַרק קאָנטיק סיי אין די צייטונגען סיי אין די זשורנאַלן. קיינמאָל זינט דער רעוואָלוציע איז דאָס וואָרט „ראָדינאַ" (היימלאַנד) ניט געווען אַזוי פּאָפּולער ווי היינט. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אָט דער אויפגעבלאָזענער רוסישער נאַציאָנאַליזם זאָל שאַפן אַ ווידער־געפיל קעגן אידן.

ס'ליגט פאַר מיר די לעצטע אויסגאַבע פון דעם פריער דערמאָנטן זשורנאַל „נאַאוקאַ אי רעליגיאַ", דער גוט באַקאַנטער אַטעאיסטישער זשורנאַל פון סאָוועט־־רוסלאַנד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פילע און פאַרשידענע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען קעגן אמונה זענען דער בעסטער באַווייז, אַז ס'איז נאָך געבליבן געגנוג רעליגיע אין רוסלאַנד — טראָץ 50 יאָר פּראָפּאַגאַנדע און טעראָר קעגן איר!

איינער פון די הויפּט־אַרטיקלען אין דעם זשורנאַל איז געשריבן פון אַ געוויסן מ. אַלטשולער אונטער'ן קעפּל: „פּעסען פעסנעי אי גאָלאָס זשענסטשיני" („שיר השירים און די שטימע פון אַ פרוי"). ס'איז שווער שריפטלעך איבערצוגעבן די עקלהאַפטע זעקס קאַריקאַטור־בילדער, וועלכע באַגלייטן דאָס „קונסט־

ווערק״ פון אַט דעם אומגליקלעכן פּאַרפּירטן יעווסעק! די דריי זייטן פון דעם אַרטיקל זענען געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן אַבראַם יאַקאָוו־לעוויטש'ן און זיין „אויפגעקלערטן״ פריינט. אַלטשולער באַקלאָגט זיך אויף דעם שרעקלעכן שיקזאַל פון דער אידישער פרוי — לויט דער תורה, מיט האַלבע אמת'ן און גאַנצע ליגנס רעדט דער „דיכטער״ וועגן דער געקריוודעטער לאַגע פון דער פרוי אין אידישן לעבן.

אַלטשולער ציטירט נישט חז״ל: „האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו עליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך״, אָדער: „אמר ר׳ חלבו לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו״... ער באַקלאָגט זיך אָבער אויף דער ברכה: „שלא עשני אשה״...

„דער, וואָס ליבט זיין פרוי, ווי זיך אַליין, און פאַרערט זי נאָך מער ווי זיך אַליין, אויף אים זאָגט דער פּסוק: „זאָלסט וויסן, אַז שלום וועט הערשן אין דיין געצעלט״. אָדער „זאָגט ר׳ חלבו: אויף שטענדיק זאָל אַ מענטש זיין אָפּגעהיט אין אָפּגעבן כבוד צו זיין פרוי, ווייל אין זיין הויז וועט נישט הערשן קיין ברכה, ווי נאָר צוליב זיך פרוי״.

דער שרייבער פונ'ם אַרטיקל אין „נאַאוקאַ אי רעליגיאַ״ באַקלאָגט זיך אָבער אויף דער ברכה, וואָס אידן מאַכן: „שלא עשני אשה״. און ער שטעלט זיך אָפּ אויף דעם, ווי זיין אומגליקליכע מוטער האָט געמוזט הערן יעדן פרימאָרגן די דאָזיקע ברכה, און ווי זי פלעגט דערביי יעדעס מאָל ביטער וויינען.

ער דערציילט אָבער נישט דעם אמת'ן אינהאַלט פון דער ברכה, אַז דאָס איז מצד אַ אידן אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט צו ג־ט פאַר דער געלעגנהייט אָפּצוהיטן מער מצוות ווי די פרוי האָט.

אַלטשולער פאַרגיסט קראָקאָדיל־טרערן אין דעם אַרטיקל אויף דעם, וואָס אַ אידיש מיידל טאָר נישט גיין אין חדר אַריין צו לערנען חומש.

לייענדיק זיין אַרטיקל, קומט אויס, אַז די אינגלעך אין סאָוועט־רוסלאַנד קענען יאָ גיין אין חדר. אַלטשולער'ס פעלשונגען גייען אַריבער אַלע גרעניצן, ווען ער שטעלט פאַר מיט ביטערן יעווסעקישן גיפט די היראַט און גט פון מאַן און פרוי, לויט דעם אידישן דין. און צו וועמען באַקלאָגט זיך אַלטשולער וועגן די פרויען־רעכט ביי אידן? צו אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז ספּעציעל באַוואוסט מיט דער רעכטלאָזיגקייט פון דער פרוי. דער רוסישער גוי, וואָס זיין גרויזאַמקייט, פיזישע און גייסטיקע, צו דער פרוי, איז אַלעמען באַקאַנט — צו אים באַקלאָגט ער זיך.

מיט צוויי וואָכן צוריק איז די וועכנטליכע „נעדעליאַ", דער מאַגאַזין פון דער „איזוועסטיאַ", אַרויסגעקומען מיט אַן אַפּיל צו די לייענערס צו באַהאַנדלען אידעלער און מענטשליכער זייערע פרויען! און גלייכצייטיק: צי איז נאָך ווען עס איז געווען אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי געשעצט, געערט און אַזוי אויפריכטיק געשיצט און ממש פאַרגעטערט די מוטער און די פרוי, ווי די אידן האָבן דאָס געטאָן?

אַ גרויל גייט אייך דורך ווען מען עפנט אויף די „איזוועסטיאַ" פון שבת, מאַי 28טן. דאָס קעפּל לייענט זיך: „פּרעקראַטיט פּראָוואָקאַציאי פּראָטיוו סיריאי" — אָפּשטעלן די פּראָוואָקאַציעס קעגן סיריע. דער אַרטיקל מעלדעט וועגן אַ קאָנפערענץ פון „וויסאָקאַ פּאָסטאָוולעניך טשינאָווניקאָוו" — הויך־אָנגעשטעלטע באַאַמטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון דעם ישראל גענעראַל־שטאַב, און וועגן דער פולער מאָביליזאַציע פון דער ישראל אַרמיי. דאָס אַרטיקל זאָגט אַז די גאַנצע אַגרעסיווע רעאַקציאָנערע אַקטיוויטעטן אין נאָענטן מזרח זיינען קאָנצענטרירט אַרום ישראל.

מיט צען מאָנאַטן צוריק, ווען מיר זיינען געשטאַנען ביים ברעג פון דעם טייך נעוואַ אין לענינגראַד, האָט אַ רוסישער אָפיציר אָנוויזענדיק אויף דער קריגס־שיף „אַוראָראַ", וועלכע שטייט געאַנקערט קעגן דעם אַמאָליקן צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ און דעם הערמיטאַזש, באַמערקט צו אונז: „פון דער שיף האָט אויסגעשאָלט דער ערשטער שאָס פון דער רעוואָלוציע אין 1917 און לענין האָט פאַראָרדנט דאָס די שיף זאָל בלייבן אַ דענקמאָל צו דער היסטאָרישער געשעעניש וועלכע האָט געבראַכן די שקלאַפעריי פון צאַריזם אין רוסלאַנד". איך האָב ביי זיך דאַן געקלערט: מען קען זיך דינגען צי דער שאָס האָט געבראַכן שקלאַפעריי, אָבער ס'איז שווער אָפּצולייקענען, אַז יענער שאָס האָט געטראָפן אין האַרץ און נשמה פון רוסישן און וועלט־אידנטום.

פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פון רוסישן אידנטום

ס׳איז נישט לייכט צו באַנעמען דעם טראַגישן גורל פון אידן און אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, סיידן מען נעמט ערנסט אין באַטראַכט געוויסע העכסט וויכטיקע פאַקטן פון אידישן לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד יאָרן פאַר דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין 1917. אין דער זעלבער רוסלאַנד פון וועלכער אידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן דורך דער פאַנאַטישער צאַרינע יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ אין 1742, האָט די צאָל אידן אין 1916 אין דער צאַרישער אימפּעריע דערגרייכט איבער זעקס מיליאָן.

אין דער זעלבער רוסלאַנד, וואו בלוט־בלבולים אין אַזוינע שטעט ווי וועליזש, וויטעבסק אין 1823, און דער טרויעריקער ריטועלער בלוט־בלבול פון בייליס׳ן 1914, האָבן געשטעלט אין לעבנס־געפאַר דעם גאַנצן רוסישן אידנטום — אָט אין דעם זעלבן רוסלאַנד — זיינען געדרוקט געוואָרן 110 פאַרשידענע אויסגאַבן פון תנ״ך און 20 פּראַקטפולע אויסגאַבן פון תלמוד בבלי און ירושלמי.

35 פּראָצענט פון אַלע אידישע און העברעאישע ספרים פון דער גאַנצער וועלט זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער צאַרישער רוסלאַנד. אין דער זעלבער רוסלאַנד וואו רעגירונגס אינספּירירטע פּאָגראָמען און אָפטע גרויזאַמע דיס־קרימינאַטאָרישע געזעצן האָבן פאַרביטערט, פאַראָרימט און צעבראָכן דאָס לעבן פון דעם פאַרפאָלגטן רוסישן אידן, זיינען אַנטשטאַנען און געשאַפן געוואָרן די וויכטיקסטע און דויערהאַפטיקסטע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען און אינסטיטוציעס אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע.

דעם בעל שם טוב׳ס חסידיזם, דעם ווילנער גאון׳ס ווידעראויפלעבונג פון תורה; דעם בעל התניא׳ס חב״ד; ר׳ ישראל סאַלאַנטער׳ס מוסר מיט די קלאַסישע ישיבות פון וואָלאָזין, ראַדין, סלאָבאָדקע, מיר, קלעצק און באַראַנאָוויטש, וועלכע האָבן אַזוי טיף און דויערהאַפטיק געביטן דעם פּנים פון וועלט־אידנטום —זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף׳ן רוסישן באָדען. סיי דער רעליגיעזער און סיי דער פּאָליטישער ציוניזם, וועלכע האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע און געהאַט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, האָבן געשלאָגן זייערע וואָרצלען צווישן דעם רוסישן אידנטום צענדליקער יאָרן פאַר דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל.

ס׳האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד 80 חובבי ציון גרופּעס אין 50 שטעט אין 1884. ווען די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון ציוניסטן אין רוסלאַנד איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מינסק אין 1903 זיינען שוין אין רוסלאַנד געווען איבער 75,000 שקלים־באַזיצער. נישט געקוקט אויף דער ברוטאַלער באַהאַנדלונג פון ציוניסטן אין דער צאַרישער רוסלאַנד, איינשליסענדיק יאָרן פון צוואַנגס־אַרבייט אין סיביר, האָט די צאָל מיטגלידער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פון רוסלאַנד דערגרייכט איבער 300,000, וואָס אַלע זיינען זיי געווען רעגיסטרירט אין 1,200 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. און ווער איז דען נישט באַקאַנט מיט די מאָנומענטאַלע שעפערישע פעאיקייטן, וועלכע דער רוסישער אידנטום האָט אַרויסגעוויזן אויפ׳ן געביט פון העברעאישער און אידישער ליטעראַטור.

ס׳איז דעריבער נישט צו באַוואונדערן דעם אָנגענעמען פאַקט, וואָס צווישן די 102 וויסנשאַפטסלייט, אינזשיניערן און טעכניקער, וועלכע האָבן דעם יאָר באַקומען די גרעסטע און וויכטיקסטע סאָוועטישע אויסצייכענונג, דעם לענין אָרדן, געפינען זיך 15 אידן. פון די 19 באַרימטע און פאַרדינסטפולע וויסנשאַפט־לייט, וועלכע האָבן באַקומען דעם לענין פרייז געפינען זיך 5 אידן.

כאָטש אידן שטעלן מיט זיך פאָר נאָר 1.1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער רוסישער באַפעלקערונג, שטעלן זיי מיט זיך פאָר 15 פּראָצענט פון די, וועלכע האָבן באַקומען די לענין־אגראַדע און 25 פּראָצענט פון די באַרימטע וויסנשאַפטס־לייט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. די עפּשטיינס, גינזבורגס, זילבערבערגס, ראַבינאָוויטשס און בראָודעס, וועמענס נעמען די „איזוועסטיאַ״ און „פּראַוודאַ״ האָבן געדרוקט צווישן די אַלע געערטע מיט׳ן לענין־אָרדען זיינען אייניקלעך פון רבנים, ראשי ישיבה און בעלי־בתים בני תורה, וועלכע האָבן סטימולירט און געשאַפט זייערע אידישע פעאיגקייטן מיט אַ משנה אין בבא מציעא.

ווען מען לייענט די פאַקטן און ציפערן, וועלכע זיינען ווי אַ שטראַל פון ליכט און האָפענונג אין לעבן פון רוסישן אידנטום, קלינגען אומפאַרגעסלעך די ווערטער פון דעם אידישן סטודענט אין מאָסקווער אוניווערזיטעט.

שטייענדיק לעבן דער אימפּאָזאַנטער סטאַטוע פון דעם פּאָעט אַלעקסאַנדער פּושקין אין דעם הויפּט־זאַל פון אוניווערסיטעט, האָט זיך דער סטודענט פאַרזיכ־טיק און אָפענהאַרציק באַקלאָגט אויף די דיסקרימינאַציעס קעגן אידישע סטודענטן און גלייכצייטיק מיט שטאָלץ געזאָגט צו מיר, דאָס די פאַקולטעטן פון פיזיק און מאַטעמאַטיק אין מאָסקווער אוניווערסיטעט באַשטייען פון 80 פּראָצענט אידישע פּראָפעסאָרן.

ווען איך האָב ביי אים געפרעגט, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? איר אַליין האָט דאָך נאָר וואָס געזאָגט דאָס מען דיסקרימינירט דאָרט קעגן אידן?

זיין ענטפער איז געווען: — קאַנט איר דען פאַרגלייכן זייערע קעפּ צו אונזערע?

דאָס האָט געזאָגט אַ אידישער סטודענט, וועלכער האָט אין זיין לעבן נישט אַריבגעטראָטן די שוועל פון אַ שוהל, אַ תלמוד תורה אָדער אַ ישיבה! אַפילו דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם פון מאַרקסן האָט נישט באַוויזן צו פאַרניכטן זיין נאַטירליכן אידישן אתה בחרתנו קאָמפּלעקס!

ווי פּיינליך און טראַגיש ס'האָט אויסגעזען דאָס געזיכט פון דעם אומגליקליכן אידישן סטודענט, ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן די אורזאַכן פון די דיסקרימינאַציעס אין סאָוועט רוסלאַנד קעגן אידן. מיט אַ טיפן קרעכץ פון האַרצן האָט ער צו מיר געזאָגט: „אָני נאַס ניע ליובאַט" — זיי האָבן אונז נישט ליב — אָבער פאַרוואָס ווייס איך נישט!

אַ זעלטן און אייגנאַרטיק קונסטווערק הענגט אין דער באַוואוסטער טרעטיאַקאָווסקער גאַלעריע אין מאָסקווע. אויפ'ן בילד וועלכעס ציט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פון די טויזנטער באַזוכער פון דעם מוזעאום, ווערט געוויזן ווי דער גרויזאַמער און טרויעריק באַקאַנטער צאַר איוואַן גראַזני דערשטעכט מיט זיין שווערד צום טויט זיין אייגענעם זון, דעם קרוינפּרינץ. אויפגערעגט מיט צאָרן און ראַכע שרייט אויס דער צאַר צום זון: „יאַ טעבאַ ס'ראָדיל אי יאַ טעבאַ אוביל" — „איך האָב דיך געבוירן און איך האָב דיך דערמאָרדעט אָדער פאַרלוירן". דאָס קונסט־בילד איז אַזוי רעאַליסטיש געמאָלן און אַזוי מעכטיק און קינסטלעריש אין זיין פאַרנעם דאָס ווען אַ קונסט־סטודענט האָט זיך צוגעקוקט צום בילד איז ער אַזוי גערירט געוואָרן פון דעם פאַרגעשטעלטן שטראָם בלוט, וועלכער פליסט פון דעם דערמאָרדעטן קרוינפּרינצ'ס האַרץ אַז ער האָט מיט גרויס אימפּעט צוגעלאָפן מיט אַ מעסער און צעשניטן דעם קערפּער פון איוואַן גראַזני. דאָס בילד האָט דערוועקט אין מיר געדאַנקען און געפילן וועגן דעם אידישן גורל אין רוסלאַנד, געטריי צו דעם אויפשריפט איופ'ן בילד הערן זיך די קלאַנגען פון הינטער די גרויע מאַסיווע קרעמלין ווענט, וועלכע זאָגן: „ביי אונז אין לאַנד איז געבוירן געוואָרן, געלעבט און זיך אַנטוויקלט דער גרעסטער און פּראָדוקטיווסטער אידישער ישוב אין דער געשיכטע פון אידישן גלות — און איז אונטערגעגאַנגען".

ס'ליגט פאַר מיר די לעצטע אויסגאַבע פון אידישן חודש־זשורנאַל „סאָוועטיש הימלאַנד", וואָס גייט אַרויס אין מאָסקווע. אמת, ס'איז נישט לייכט צו לייענען „עמעס" אַנשטאָט אמת; „בעסוילעם" אַנשטאָט בית־עולם; „כאַשעווןֹ" אַנשטאָט חשוב'ן; „כיילעק" אַנשטאָט חלק; „איסראַלדיקן" אַנשטאָט ישראל'דיקן.

אין זאַך איז דאָרט ניט געענדערט — די באַציאונג צו אידן און אידישקייט. דער זעלבער אהרן ווערגעליס, דער רעדאַקטאָר פון דאָזיקן זשורנאַל, וועלכער רעדט מיט אַזוי פיל איינזעעניש און ליבע וועגן דעם עקספּלואַטירטן פויער אין אורוגוואַי — אַ לאַנד וואָס ער, ווערגעלעס האָט באַזוכט — וועגן זיינע הויך־מאָראַלישע זיטן און נאָבעלע עטישע סטאַנדאַרטן — דער זעלבער וואָס געפינט צערטליכקייט פאַר דער גוי׳אישער יוגנט פון לאַטיין אַמעריקע, גיסט פעך און שוועבל אויף דעם אידישן „לופט מענטש" פון מאָנטעווידעאָ; אויף דער „אידישער רעאַקציע" און ספּעציעל אויף די „איסראַלדיקע דיפּלאָמאַטן" וועלכע זיינען די „שטערערס" פון ברידערליכקייט און פּראָגרעס. ס׳איז שאָקירענדיק צו געפינען ביי היינטיקן טאָג און אין אונזער דור אַזאַ צאָרן פון אַ יעווסעק קעגן זיינע אייגענע ברידער.

וואָס רעפאָרם־ראַביים האָבן ניט געזען אין רוסלאַנד

אַ פאַרגלייך צווישן דעם רעפּאָרט, וואָס די רעפאָרם־ראַבאַיס האָבן געבראַכט פון סאָוועט רוסלאַנד, און דעם באַריכט פון דער דעלעגאַציע פון הסתדרות הרבנים.

די גרופּע אַמעריקאַנער רעפאָרם־ראַבאַיס, וואָס האָט זיך די טעג צוריק־געקערט פון אַ „שטודיר־רייזע״ איבער סאָוועט־רוסלאַנד, האָט ביי אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אויספירליך באַריכטעט אין „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, דערקלערט, אַז די דריי מיליאָן אידן פון רוסלאַנד האָבן נישט קיין צוקונפט. ס׳איז האַרצ־רייסנד, ווען אַ דאָקטאָר זאָגט־אָפּ דאָס לעבן פון איין פּאַציענט, הינט ווי אַלאַרמירענדיק איז, ווען מען זאָגט־אָפּ דאָס לעבן פון גאַנצע דריי מיליאָן מענטשן אויף איין מאָל!

ס׳איז אין אַ געוויסן זין איראָניש און פּאַטעטיש, וואָס די דריי מיליאָן אידן פון רוסלאַנד זענען „פאַראורטיילט געוואָרן״ צום טאָטאַלן אונטערגאַנג אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין אַמעריקע, „דאָס הויז פון לעבעדיקער אידישקייט״.

מיר, פון דער „הסתדרות הרבנים״ דעלעגאַציע, וועלכע האָבן באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד לעצטן זומער, האָבן גערעדט מיט אונזערע ברידער און שוועסטער אין אידיש, לשון קודש און רוסיש; מיר האָבן צוזאַמען מיט זיי געדאַוונט אין טלית און תפילין; מיר זענען געזעסן מיט זיי ביי אַ בלאַט גמרא, און פאַרבראַכט מיט זייערע רבנים און תלמידי חכמים אין לערנען; מיר האָבן באַזוכט זייערע פּריוואַטע היימען, און צוגעזען זייער מסירת נפש פאַר שבת, כשרות, מצה פאַר פסח און פאַר אַ ברית־מילה פאַר אַ ניי־געבוירן זון; מיר האָבן אויך צוגעזען זייער ממשליידנשאַפטליכע בענקשאַפט נאָך תורה, ארץ־ישראל און דעם כלל ישראל; מיר האָבן מיט זיי גערעדט אין אונזער געמיינ־זאַמער תורה־שפּראַך, און געזונגען צוזאַמען: „ושבו בנים לגבולם״ — און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער גרעניץ!

די מיסטיש־איינגעזאַפּטע בענקשאַפט נאָך אידן און אידישקייט איז געווען שטאַרק קענטיק אין לענגערע געשפּרעכן נישט נאָר מיט דעם עלטערן פּענסיאָנער אין דער קיעווער שוהל, מיט דער מיטליעריקער פרוי — אַ וועיטערין אין אַ גרויסן האָטעל — נאָר אויך צווישן סטודענטן אין מאָסקווער

אוניווערזיטעט; אפילו אין די רייד פון אַ אידישן אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי האָבן מיר געזען און געפילט דעם „אייביקן איד".

ווער נאָר ס'איז באַקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע, ווייס גאַנץ גוט, אַז אונזער עקזיסטענץ אַלס אַ פאָלק איז קעגן די עטאַבלירטע „סאָציאַלע געזעצן" און פּאָליטישע דאָגמעס. אויב פון די אַש פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק האָט געקאָנט אויפשטיין מדינת־ישראל, איז נאָך פאַראַן גענוג האָפענונג, אַז פון דעם רוסישן אידנטום, וואָס איז אַזוי טיף און מאַסיוו איינגעוואָרצלט אין דעם רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן באַדן פון כלל ישראל, וועט ווידעראַמאָל אַרויסשפּראָצן אומדערוואַרט אינערליכע כוחות, וועלכע וועלן זיך פאַרמעסטן אפילו קעגן די מאַסיווע ווענט פון קרעמלין.

קיינער האָט נישט די אויטאָריטעט, אָדער די רעכט, צו פאַראורטיילן דעם צווייטן גרעסטן אידישן ישוב אין דער וועלט צום טויט.

האָבן דען די רעפאָרם־ראַבאַיס אַ גענויע סטאַטיסטיק פון אידן, וועלכע זענען נאָך געטריי צו יהדות — פּונקט יאָר נאָך דער רעוואָלוציע — אין וויטעבסק, סאַראַטאָוו, סמאָלענסק און מינסק? ווייסן נישט די רעפאָרם־ראַבאַיס, אַז ביים היינטיקן טאָג קאָן מען נאָך געפינען פיל מער לעבעדיקע אידישקייט אין געוויסע פלעצער פון סאָוועט־רוסלאַנד, ווי אין זייער ניו יאָרקער „הויז פון לעבעדיקער אידישקייט"?

אַ שטאַרקן ווידערגעפיל האָט אַרויסגערופן אין דעם באַריכט פון די רעפאָרם־ראַבאַיס, זייער באַזוך אין דער באַפּטיסטישער קירכע אין מאָסקווע. ס'איז פאַר מיר אויפגעשוואומען די געשטאַלט פון דעם אַלטן שוסטער, ר' שעפּטל, מיט וועלכן איך האָב איבער אַ שטונדע פאַרבראַכט אין אַ בית־מדרש פון אַ מאָסקווער שוהל לעצטן זומער. מיט ציטערדיקע הענט און געציילטע ווער־טער האָט ר' שעפּטל צו מיר געזאָגט מיט גרויס שטאָלץ: „איך בין אַן אור־אייניקל פון בערקע קאַנטאָניסט, וועלכער האָט אַלס 14־יאָריק אינגל איינ־געשטעלט זיין לעבן און, צוזאַמען מיט נאָך דריי אינגלעך, אַרויסגעשפּרונגען פון דעם מיליטערישן וואָגן, וועלכער האָט זיי „ראַדזשעסטוואָ" (קריסטמעס) געפירט צום „אוספּענסקי סאָבאָר" (קירכע).

בראַדזשענדיק אין דעם טיפן שניי פון דעם בערעזאָוון וואַלד הינטער מאָסקווע, האָט בערקע געשריגן: „בעסער שטאַרבן אין פראָסט, אידער אַריינ־שטעלן אַ פוס אין זייער קירכע". און ר' שעפּטל האָט פאַרגעזעצט: „אַכט אידישע פאַמיליעס האָבן פאַרלאָרן זייער לעבן נישט ווייט פון סמאָלענסק, איינער פון זיי מיין אייגענער ברודער, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זיך באַהאַלטן אין אַ

צערקווע (קירכע), ווען דער דייטש האָט זיי באַכגעיאָגט". ווער נאָר ס'ווייס און ווען נאָר ס'איז באַקאַנט די שטאַנדהאַפטיגקייט פון דעם טיפּיש-רעליגיעזן רוסישן אידן, קאָן לייכט פאַרשטיין דעם גייסטיקן אַנגסט און וויטאָג, וועלכע די ערשטע „דרשה" פון אַ ראַבאַי אין אַ רוסישער קירכע האָט אַרויסגערופן ביי אידן, וועלכע האָבן באַוויזן אַזאַ אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד אַנצוהאַלטן מיט זייערע לעצטע כוחות די אידישקייט, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן אפילו ביי זייערע קאָמוניסטיש-דערצויגענע קינדער, אונטער'ן שאָטן פון קרעמלין!"

און קאָן איך דען פאַרגעסן די ציניִשע באַמערקונג פון דעם פּאַטריאַכאַליש-געקליידעטן פּאָפּ מיט זיינע לאַנגע האָר איבער די פּלייצעס, וועלכן איך האָב געטראָפן אויפ'ן שוועל פון „מעטראָפּאָל האָטעל" אין מאָסקווע. ווען איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי די סאָוועטישע מאַכט באַהאַנדלט אים און זיינע מיט-גלויבער, האָט ער מיט אַ זעלבסט-צופרידענעם שמייכל צו מיר געזאָגט: „איר קאָנט אונז נישט פאַרגלייכן צו אַנדערע רעליגיעזע גרופּן אין סאָוועט-רוסלאַנד — מי זשע באַכאַדימסיאַ ורנאַש דאָם, מי ניע גאָסטי — מיר געפינען זיך ביי אונז אין דער היים, מיר זענען נישט קיין געסט!"

איך ווייס נישט, צי די ראַבאַיס האָבן מיט זיך געבראַכט קיין מאָסקווע תפילין אָדער אַ „משנה ברורה"; אָבער איין זאַך בין איך יאָ זיכער, אַז זיי האָבן אימפּאָרטירט אַ דרשה אין אַ קלויסטער צום ערשטן מאָל אין דער לאַנגער מאַרטירער-געשיכטע פון רוסישן אידנטום.

ווי אַזוי, דענקט איר, האָבן אויסגעזען די אַמעריקאַנער ראַבאַיס, וועלכע זענען שבת צוגעפאָרן מיט'ן אינטוריסט אויטאָ אין מאָסקווע, צו דער אַרכיפּאַוואַ גאַס, אויפ'ן וועג צו דער צענטראַלער שוהל? וואָלט עס פּאַסירט מיט אַ יאָר צוריק, ווען אונזער הסתדרות הרבנים דעלעגאַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט שבת פרי, אויפ'ן וועג צו דער שוהל ביי פּלאָשטשאַד סווערדלאָוואַ, און געפרעגט דעם אַלטיטשקען אידן, וועלכער האָט שווער געאָטעמט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און ער, גוטמוטיק אָנגעשפּאַרטערהייט אויפן וואַנט פון אַ מויער, האָט געזאָגט צו אונז: „דער וועג פון מיין הויז צום שוהל איז לאַנג, איבער אַ שטונדע, אָבער דאָס איז מיין גאַנץ לעבן און חיות. מיין פרוי האָט אויף מיר פאַראיבל און ערגערט זיך פון מיין לאַנגן שפּאַציר אין שוהל, אָבער זי ווייסט, אַז דאָס איז מיין בעסטער רעצעפּט".

און ווער עמיצער פון אונז וועט פאַרגעסן די אויגן — די אידישע אויגן — אין צערטליכן פּנים פון דער אָרעם-געקליידעטער פרוי, וועלכע האָט פאַר אונז פאַרגעשטעלט דעם טאָג גלגולים, וואַנדערענדיק אין עטליכע טראַמוואַיען

צו דער פאַרשטאָט פון לענינגראַד, צו קריגן אַ כשר־געשאָכטן עוף אויף שבת? ווי אַזוי האָט די אומגליקליכע פרוי אויפגענומען די באַריכטן פון די באַקוועמע פיל־קורסיגע וועטשערעס, וועלכע זענען סערווירט געוואָרן צו די רעפאָרם־ראַבאַיס אין די ברייטע זאַלן, פון שימער און גלאַנץ, פון מאָסקווער און קיעווער האָטעלן?

ווי באַאיוו ס׳קלינגען די רייד און די זאָרג פון די רעפאָרם־ראַבאַיס וועגן די שוהלן אין סאָוועט־רוסלאַנד, „וועלכע האָבן נישט מיט וואָס צוצוציען די אידישע יוגנט פון לאַנד". פרעגט זיך די פראַגע: צי וועלן די ריזיקע, רייד־באַפּוצטע טעמפּלען פון שיקאַגאָ, באָסטאָן און פיטסבורג ווען אַרויסגעבן אַ אידן, ווי רוסלאַנד האָט אַרויסגעגעבן, און האָט נאָך היינט אידן, וועלכע וועלן זיך מוסר נפש זיין פאַר שבת, כשרות, ברית־מילה, און פאָרן 400 קילאָמעטער קיין מאָסקווע צו געפינען אַ מקוה? ריזיקירן יאָרן צוואַנגס־אַרבעט אין סיביר צו לערנען אַ שטיקל חומש מיט רש״י מיט אַ קינד?

זעהר ריכטיק און זאַכליך האָט באַמערקט דער שעף־רעדאַקטאָר פון „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", דוד מעקלער, אין זיין אַרטיקל לעצטן זונטאָג ווען ער האָט געזאָגט: „די רעפאָרם ראַבאַיס זיינען, קענטיק, געפאָרן מיט זייער גאַנצן רעפאָרמיסטישן האַק און פּאַק"... איינער פון די רעפאָרם ראַבאַיס האָט גערעדט רוסיש, אַ צווייטער אידיש — אָבער קיינער פון זיי האָט נישט גערעדט מיט דער אייביקער תורה שפּראַך, די איינציקע שפּראַך דורך וועלכער מען קאָן זיך אפילו היינט אויפריידן מיט דעם היסטאָרישן רוסישן אידנטום.

ווען אַלע באַזוכער אין רוסלאַנד, אידן און ניט אידן, קאָמפּעטענטע און פאַרלעסליכע אויטאָריטעטן אויפ׳ן געביט פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן פעסט־געשטעלט, אַז אויף דעם רעליגיעזן, קולטורעלן און אויך עקאָנאָמישן געביט איז די לאַגע פון אידן אין סאָוועט רוסלאַנד פיל ערגער פון אַלע אַנדערע עטנישע גרופּן און רעליגיעזע מינדערהייט. דאָס איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן פון אַמעריקאַנער סטעיט־דעפּאַרטמענט און אין ענגלישן פּאַרלאַמענט — קומען די ראַבאַיס און זאָגן אונז, אַז אידן האָבן דערוואַרט דעם זעלבן גורל אין רוסלאַנד ווי פון אַלע אַנדערע מינדערהייטן.

ווען מיר האָבן פאַרענדיקט אונזערע דרשות פאַראַיאָרן אין דער מאָסקווער שוהל און דער גאַנצער עולם האָט זיך ספּאָנטאַן אַ שטעל געטאָן אויף די פיס ווען איך האָב דערמאָנט מדינת ישראל, זיינען די אידן פון שוהל מיט שרעק און פרייד געפאַלן אונז קושן און דריקן וואַרם אונזערע הענט — דאַן איז צו מיר צוגעקומען אַ איד, אַ תלמיד חכם פון ווילנע, וואו מיין פאָטער, הרב

ר' אליעזר פּופּקאָ, איז געווען רב איבער 25 יאָר און האָט מיר געזאָגט: „איר, יונגע רבנים פון אַמעריקע, האָט אונז אויפגעלעבט. מיר זעען אין אייך דעם המשך פון רוסישן אידנטום. איר רעדט אונזער שפּראַך, איר האַלט אונזער תורה און איר האָט אונזערע האָפענונגען און טרוימען. אויב, חלילה, מיר זאָלן אונטערגיין זיינען מיר איצט פאַרזיכערט, אַז מיר האָבן אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן וועגן דעם עתיד — דער צוקונפט — אָבער גלייכצייטיק זייט געזי־כערט, אַז מיר וועלן קיין מאָל נישט אונטערגיין — נצח ישראל לא ישקר!"

אידישע געשיכטע וועט אין דער צוקונפט אורטיילן ווער עס האָט שטאַרקער געריסן די גמרא פון דעם אידישן קינד, ווער עס האָט מער צעשטערט אונזער פּסח סדר, אונזער שבת, אונזער כשרות, אונזער ישיבה — דער רעפאָרם ראַבאַי אין טעקסעס אָדער דער יעווסעק אין מאָסקווע.

אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן אפילו אונטער די געפערליכסטע אומשטענדן האָבן אידן באַוויזן זעלטענע, אייגנאַרטיקע און אומדערוואַרטעטע שטריכן פון אַנטשלאָסנקייט און ווידער־אויפלעבונג. און פונקט ווי אַמאָל האָבן זיך געהערט צוויי שטימען, איינע פון די פּחדנים — די שרעקעדיקע און אומזיכערע, וועלכע האָבן פּראָגנאָסטיגירט — ארץ אוכלת יושביה — טאָטאַלן אונטערגאַנג, אַסימילאַציע און פאַרניכטונג, און אַ צווייטע שטימע — עלה נעלה וירשנו — מיר וועלן בייקומען, מיר וועלן לעבן.

און ווייל מיר האָבן די אמונה און די האָפענונג וועגן דער צוקונפט פון רוסישן אידנטום מוזן מיר קיין איין טאָג און קיין איין געלעגנהייט נישט דורכלאָזן צו דערמאָנען און וועקן דעם געוויסן פון דער פרייער וועלט צו קעמפן פאַר דעם רוסישן אידנטום ניט ווייניקער ווי פאַר די רעכט און פרייהייט פון אַנדערע געקריוודעטע פאַר וועמען אונזער רעגירונג איז מקריב מיט געלט און לעבן.

דריטער באַזוך

(תשכ"ז)

אַנטי־ישׂראל פּראָפּאַגאַנדע פּלאָגט רוסישע אידן

אידן וואָס פילן זיך געצוואונגען צו פאַרדאַמען די אידישע מדינה, און אידן וואָס זוכן אַ געלעגנהייט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן.

מיין איצטיקער דריטער באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען מאָטיווירט דורך אַן אינערליכן מיסטישן פאַרלאַנג נאָכאַמאָל מבקר־חולה צו זיין דעם סאָוועטישן אידנטום, וואָס היינט נאָך מערער ווי פריער נויטיקט עס זיך אין אונזער מיטגעפיל און הילף. די קריטישע לאַגע אין מיטעלען־מזרח מיט דעם קרעמלינ׳ס ברוטאַלער פּראָפּאַגאַנדע קעגן ישׂראל, שטעלט דעם רוסישן אידנטום אין זעהר אַ דעליקאַטער און העכסט קאָמפּליצירטע לאַגע.

אויף מיין איצטיקן באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן באַאַמטע און פּריוואַטע בירגער מיך געפרעגט נישט נאָר וועגן וויעטנאַם, נאָר אויך וועגן די „ישׂראל פּראָוואָקאַציעס און מיליטערישע אַקטן קעגן אירע אַראַבישע שכנים״.

ווי שרעקלעך איז געווען מיין איבערראַשונג, ווען אייניקע אידן אין מאָסקווע, לענינגראַד און כאַרקאָוו, האָבן מיך געבעטן אויפקלערן, פאַרוואָס מדינת ישׂראל „פּאָלגט נאָך די קאַפּיטאַליסטיש־אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די קעגנער פון ראַטנפאַרבאַנד״ און פאַרפאָלגט די „אומגליקליכע געקריוודעטע אַראַבער ?״

קען דען אימיצער פון אונז זיך פאַרשטעלן די גייסטיקע יסורים פון אַ מאָסקווער איד, ווען ער לייענט אויף די ערשטער זייט פון דער „איזוועסטיאַ״, אָדער „פּראַוודאַ״, די צינישע און ברוטאַלע שקרים קעגן מדינת־ישׂראל ?

ווען אַ קאָמיסאַר אין קרעמלין האָט מיר וועגן דעם אויפגעוואָרפן, קלאַפּנדיק מיט דער פויסט אויפ׳ן טיש, האָב איך אים געזאָגט : „לייען דעם נייעם בוך וועגן דעם ביילים־בלוט־בלבול אין קיעוו אין 1914, פון דעם דיכטער בערנאַרד מאַלאַמוד, וועסטו האָבן אַ גוטע תשובה אויף דיין פראַגע. אָבער גלייכצייטיק בין איך זיכער, אַז טיף אין דיין האַרצן האָסטו שוין דעם ענטפער אפילו נישט לייענדיק דעם „פיקסער״. דער קאָמיסאַר איז געבליבן שטיל, און מיט אַ לייכטערער שטימונג האָט ער באַמערקט : „מיר מוזן אַלע צוזאַמען אַרבעטן פאַר דעם פרידן פון דער וועלט...״

דעם שאַרפן קאָנטראַסט צווישן אַ אידישער געמיינדע, וועלכע קען פריי אָטעמען און האָט די רעכט און די מעגלעכקייט איינצואָרדענען איר אייגענעם אייגנאַרטיקן אידישן לעבן; און די, וועלכע קענען עס נישט, קען מען לייכט מערקן, ווען מען באַזוכט פינלאַנד אויפ׳ן וועג קיין לעניגראַד.

די 250 אידישע משפחות פון העלסינקי האָבן אַ פּראַכטפולע שוהל, אַ פיינע ישיבה קטנה, אַ מושב זקנים און אַנדערע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער שוהל אין העלסינקי, אַרום צוויי אַזייגער פאַרנאַכט, האָבן מיר דאָרט געטראָפן הרב חייקין מיט זיין הדרת פנים לערנדיק אַ בלאַט גמרא מיט אַ יונגן בעל־הבית.

דער אַלטער און קלוגער ר׳ אברהם שטילער, גבאי פון דער שול, וועלכער איז אַ איד אַ תלמיד חכם, האָט אונז דערציילט וועגן זיין זיידן דעם קאַנטאָניסט. מיט שטאָלץ האָט ער פאַר אונז געשילדערט די מסירת־נפש און די שטאַנדהאַפטיקייט פון זיין זיידן, וועלכער, טראָץ אַלע יסורים און ליידן, האָט ער געהאַט געגוג מסירת נפש צו בלייבן אַ געטרייער איד און דערציען זיינע אייגענע קינדער אין דרך התורה והיהדות. מיט אַ וואַרימען שמייכל האָט

אין דער שול אין העלסינקי, פינלאַנד, רעכטס צו לינקס: הרב חייקין, ר׳ אברהם שטילער און הרב פופקא

ער אונז געזאָגט: „ווען נישט די מסירת נפש און גבורה פון מיין זיידן דעם קאַנטאָניסט, וואָלט איך דאָ נישט געווען".

איך האָב בײַ זיך געקלערט, צי אָט־די דערפאַרונג אין העלסינקי איז נישט געווען אַ העכסט פּאַסנדע און בולטלעכע הקדמה — אפשר אַ מיסטישע אָנדייטונג צו אונזער אַרײַנפאָר אין לענינגראַד.

גלײַכצײַטיק האָב איך בײַ זיך געקלערט, וואָס אַ קליין הייפעלע אידן קענען אויפטאָן פאַר אידישקייט — ווען מען שטערט זיי ניט.

אַרונטערשטײַגנדיק פון דעם גרויסן סאָוועטישן עראָפּלאַן אויפ'ן לענינ־גראַדער לופט־פעלד, זענען מיר באַגעגנט געוואָרן פון דעם אינטוריסט פאַר־שטייער, וועלכער האָט אונז אַרײַנגעפירט אין דעם מעלאַנכאָליש־באַלויכטענעם „טאַמאָזשנעם" זאַל (צאָל־אַמט). דער קאָמיסאַר מיט זיין אידל־אידישן געזיכט און זעלטענעם געדולד און ראַפינירטקייט, האָט ניט אָפּגעלייקנט זיין אידישן אָפּשטאַם. ער האָט אונז און אַלע רייזנדע פון עראָפּלאַן באַהאַנדלט מיט העפליכקייט און אפילו מיט אַ שמייכל.

פּלוצלינג האָט זיך אַ טיר בײַם זייט געעפנט און צוויי אוניפאָרמירטע, מיט עפּאָלעטן־פאַרפּוצטע קאָמיסאַרן זיינען אַרײַנגעקומען אין זאַל און צוגעקומען צו מיר און מיט ערנסטע פנים'ער געבעטן עפענען פאַר זיי מיין קלײַנעם האַנט־טשעמאָדאַן. זיי האָבן פּאַרזיכטיק דורכגעקוקט די געשריבענע פּאַפּירן, בריוו און קאַרטלעך, אפילו קורצע נאָטיצן פון מיינער אַ לעקציע אין וויניפּעג, קאַנאַדע, פון וואַנען איך האָב אָנגעהויבן מיין רייזע קיין רוסלאַנד.

זיי האָבן פאַרצייכנט וואָס אין זייער נאָטיץ־בוך און האָבן מיך געפרעגט וועגן די אייניקע ספרים, וועלכע כ'האָב מיט זיך געפירט: — ווער האָט זיי געשריבן און וואָס איז זייער אינהאַלט. דאַן, מיט גרויס ערנסקייט האָבן זיי צו מיר געזאָגט: „געדענקט! דאָס מוז צוריקגעפירט ווערן מיט אייך, ווען איר וועט פאַרלאָזן אונזער לאַנד".

דער העכערער אין געוואוקס פון די צוויי קאָמיסאַרן, האָט מיך גוט באַטראַכט מיט זיינע קוריאָזע אויגן און האַלטנדיק אין האַנט מיינעם אַ נאָטיץ־בוך מיט פולע ליידיקע זײַטלעך פּאַפּיר, האָט ער צו מיר באַמערקט: „מיר ווייסן, אַז איר קומט צו אונז נישט ווי אַן איינפאַכער טוריסט, אָדער באַזוכער. אייער רייזע איבער אונזער לאַנד איז מאָטיווירט פון גאָר אַנדערע —„ספּעציאַלניע פּריטשיני" — ספּעציעלע אורזאַכן. ווי איך זע, האָט איר אָנגעגרייט גענוג פּאַפּיר צו פאַרצייכענען אייערע פערזענליכע איינדרוקן וועגן אונזער לאַנד,

און ספּעציעל וועגן אייערע אידן אין לאַנד״. מיט אַ פּאַרזיכטיקן און איינגע־האַלטענעם שמייכל אויף זיין געזיכט האָט ער מיר אומגעקערט אַלע פּאַפּירן און אויך דעם נאָטיץ־ביכל — נאָכדעם ווי איך האָב פאַרגעשלאָגן אַלץ איבערצולאָזן ביי אים ביז כ׳וועל פאַרלאָזן רוסלאַנד.

פּאָרנדיק פון דעם לופט־פעלד אויפ׳ן אימפּאָזאַנטן מאָסקאָווסקי פּראָספּעקט, האָט דער שאָפער גערעדט צו מיר וועגן דער גבורה, וואָס די לענינגראַדער איינוואוינער האָבן אַרויסגעוויזן קעגן די דייטשן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. ער האָט גערעדט מיט גרויס געפיל וועגן דער לאַנגער און קאָסטבאַרער אַרומ־רינגלונג פון לענינגראַד און וועגן די הונדערטער טויזנטער קרבנות, וועלכע זענען אומגעקומען פון הונגער און פון שראַפּנעלן; און דאַן האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: „איצט קאָסטו פאַרשטיין פאַרוואָס מיר זענען אַזוי שטאַרק אויפגערעגט אויף אייער אַמעריקאַנער באַרבאַריזם אין וויעטנאַם און אויף דעם ישראל מיליטאַריזם אין מיטל־מזרח״... ס׳איז נישט וויכטיק און אפשר איבעריק צו שילדערן מיין אויפרעגונג און מיין ענטפער צו דעם געטרייען און פאַרפירטן דינער פון קרעמלין.

שפּעט אין אָוונט, שטייענדיק ביים הויפּט־אַריינגאַנג פון אונזער „יעוראָפּאַ״ האָטעל, האָב איך באַמערקט, ווי אַ יונגערמאַן אין די פערציקער, שטייט און קוקט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויף מיר. איך האָב לאַנג נישט געקלערט און האָב זיך דערנענטערט צו אים מיט אַ וואַרימען שלום עליכם. ער איז מיר שולדיק נישט געבליבן און האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מיר און שטילערהייט געזאָגט צו מיר „שלום״ — זדראַסטוואויטע — און האָט גלייך אָפּגעבויגן דעם לאַץ פון זיין רעקל און מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און פרייד מיר באַוויזן אַ קנעפּל מיט דער בלוי־ווייסער פאָן פון ישראל מיט אַ מגן דוד אין מיטן. דער יונגערמאַן, אַ קוזין פון אַ באַרימטן אידיש־אַמעריקאַנער קינסטלער, האָט מיך געבעטן כאַפּן אַ שפּאַציר מיט אים. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דעם באַוואוסטן „אַניושקין־מאָסט״ (בריק) מיט די סטאַטוען פון די פיר פערד און זייערע רייטער — אין פאַרשידענע פּאָזיציעס — אויף יעדן פון די 4 ווינקלען פון דער בריק; און דאָ זענען מיר געבליבן שטיק. דער צויבער פון דער שיינער לענינגראַדער זומער־נאַכט מיט די קלאָר בלויע הימלען, צחאַמען מיט די פיר מאָנומענטן אויף דער בריק, איבער דער פאַנטאַנקאַ — איינער פון די איבער 130 אויסגוסן פון דעם טייך נעוואַ, האָבן גאָר ווינציק האַרמאָנירט מיט די האַרץ־רייסנדיקע רייד פון דעם עלנטן, אומגליקלעכן רעזשיסאָר. „זיי האָבן אונז פיינט; און זיי האָבן קיין צוטרוי ניט צו אונז — און כ׳פאַרשטיי ניט פאַרוואָס מיין פאָטער, אַן אינזשיניער, איז דערשאָסן געוואָרן אין טורמע

אין די פינצטערע סטאַלין־טעג. מיין מוטער איז געשטאָרבן פון צער און ווייטאָג. כ׳בעט אייך, קומט מיט מיר מאָרגן פרי אויפ׳ן בית עולם און זאָגט מיט מיר אַ תפילה אויף די קברים פון מיינע עלטערן. איך און אַנדערע טראָגן מיט שטאָלץ דאָס קנעפּל מיט׳ן מגן דוד; און מיר רוסישע אידן זענען שוין מיד געוואָרן צו לעבן דורכאויס אין שרעק״. ער האָט גערעדט רוסיש און האָט פון צייט־צו־צייט אַריינגעוואָרפן מיט גרויס מאַטערניש אַ אידיש וואָרט, וואָס ער האָט מיט שוועריקייט אַרויסגערעדט. דאַן האָט ער פאַרגעזעצט:

„מיר אַלע גייען דאָ צו גרונט; און עס איז אויך קיין שום האָפענונג ניטאָ אין דער צוקונפט. ווייסט איר דען, ווי הונגעריק מיר זענען נאָך אַ אידיש וואָרט, אָדער ליד? ווי נאָר אַמאָל אין אַ נאָווינע ס׳קומט צו אונז אַ אידישער זינגער, ווערן אַלע פלעצער אויספאַרקויפט ממש מאָמענטאַל. טויזנטער בעטן זיך פאַר אַ בילעט, אָבער מען קען עס נישט באַקומען, ווייל ס׳איז באַגרעניצט דער פלאַץ און די צייט פון קאָנצערט. וואָס מער זיי האָבן אונז פיינט, אַלץ מער ווילן מיר בלייבן אידן — און איך רייד איצט צו אייך ספּעציעל וועגן דער יוגנט. ווייסט איר דען, וואָס ס׳מיינט פאַר אונז אַ געלעגנהייט צו רעדן און זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן אַזוי ווי איך טו עס איצט? גלויבט מיר, ווען איך זאָג אייך, אַז מיר דינען מיט גרויס געטריישאַפט און פעאיקייטן אונזער לאַנד — אָבער ס׳העלפט גאָרנישט — זיי האָבן אונז פיינט און מיר ווייסן נישט פאַרוואָס״.

ער האָט מיך באַגלייט צוריק צו מיין האָטעל. דער זייגער איז געווען נאָענט צו צוויי און ער האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ טיפן אומעט אין די אויגן — ספּאָסיבאָ, יאַ אָטשען איזוועניאַיוס — אַ דאַנק, אַנטשולדיקט מיר.

אויף אַ אידישער חתונה אין לענינגראַד

איינער פון די הויפּט־מחותנים רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. — אידן וואָס בענקען נאָך אַ אידיש לעבן.

אַרונטערשטייגענדיק די ברייטע טרעפּן צום הויפּט אַריינגאַנג־זאַל פון אַ באַוואוסטן האָטעל אין לענינגראַד, האָב איך באַגעגנט אַ יונג פּאָר פּאָלק, געקליידעט ווי חתן כלה, מיט בלומען אין די הענט, נאָכגעפאָלגט פון אַ גרויסער סוויטע מערערע פרויען און קינדער — אַלע יום טוב׳דיק געקליידט און מיט פרייד אויף זייערע געזיכטער.

ס׳איז גאָר נישט נייטיק געווען זיך אָנצושטרענגען, כדי פעסטצושטעלן אַז סיי דער חתן און כלה און סיי די פריינט און מחותנים זיינען אידן. נישט קלערנדיק פיל, האָב איך אָפּגעשטעלט חתן־כלה און געזאָגט צו זיי: „יאַ יעוורעיסקי ראַווין איז אַמעריקי, אי זשעלאַיו פּאָזדראַווליאַט וואַם אי זשעלאַט וואַם סטשאַסליוואַיו זשיזן״ (איך בין אַ רב פון אַמעריקע, איך וויל אייך גראַטולירן און ווינטשן אייך אַ גליקלעך לעבן).

זיי האָבן מיר זייער וואַרעם פריינטלעך און באַדאַנקט. און ווי נאָר איך האָב אָנגעפאַנגען פאָרזעצן מיינע טריט, אַראָפּ די טרעפּ, איז צו מיר צוגעקומען אַ מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ העכסט אידישן געזיכט און געזאָגט צו מיר אין רוסיש: „איך וויל אייך האַרציק באַדאַנקען פאַר אייערע רייד און וואונשן. איך בין דער פאָטער פון דער כלה און איך בעט אייך און אייער פרוי, איר זאָלט אָננעמען אונזער איינלאַדונג און אַרויפקומען אין זאַל פון דעם און דעם שטאָק און זיין ביי דער שמחה״.

פאַרשטענדליך, אַז מיר זענען אויף פּראָטאָקאָל און צערעמאָניעס נישט בייגעשטאַנען און אין אַ האַלבער שטונדע שפּעטער זענען מיר אַרויפגעקומען צו דער שמחה. אויך האָבן מיר מיטגעבראַכט אונזער מיטרייזנדן, דר. קעסלער פון נואַרק, נ. דזש., וועלכער האָט זיך אַלס אַ באַרימטער אָרטאָפּעדיקער באַטייליקט אין דער „וועלטליכער קאָנפערענץ פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג״, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לענינגראַד.

איבער 150 מענער, פרויען, יוגנטליכע און קינדער זיינען געזעסן אַרום שיין געדעקטע און סערווירטע טישן, וועלכע זענען געווען באַפּוצט מיט בלומען

און אָנגעפילט מיט געטראַנקען און צובייסן. דער פאָטער פון דער כלה, די מוטער און די עלטערן פון חתן זענען צוגעקומען צו מיר און געבעטן איך זאָל אַדרעסירן מיט פּאַסיקע ווערטער דאָס נײַ־פאַרהייראַטע פּאָר־פאָלק. ווען איך האָב אויפגעהויבן מײַן שטימע און געפרעגט: גאָוואָריט פּאָ יעווריעיסקי אילי פּאָ רוסקי? (רעדן אידיש אָדער רוסיש״?) האָבן זיך דערהערט הויכע ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען: „פּאָ יעווריעיסקאָמו! פּאָ יעווריעיסקאָמו!״

ווי נאָר איך האָב אָנגעפאַנגען רעדן האָבן אייניקע צווישן די מחותנים און געסט אַרויסגענומען זייערע טאַשן טיכלעך און באַדעקט זייערע קעפּ. איך האָב זיך געווענדעט צו חתן־כלה און אין אידיש, געמישט מיט רוסיש, געזאָגט צו זיי: טײַערע חתן־כלה אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל לעבן וועל איך געדענקען די דערפאַרונג. ווי גליקליך מײַן פרוי און איך זענען צו זען אַזוי פיל פריילעכע אידישע געזיכטער אין לענינגראַד. אונזערע חכמים זאָגן שני לוחות הברית כנגד שמים וארץ, עולם הזה ועולם הבא, חתן וכלה — צוויי לוחות זײַנען קעגן הימל און ערד, די וועלט און די צוקונפטיקע וועלט; חתן און כלה.

איינער פון די אָנקעלס פון חתן איז צוגעלאָפן צו מיר און מיט טרערן אין זײַנע אויגן געזאָגט צו מיר: „רבי איך וויס אַליין נישט, צי דאָס איז אַ חלום, אָדער די ווירקליכקייט. צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן האָב איך איצט געהערט רייד פון אַ רב דאָ ביי אַ אידישער שמחה, רבי, גלייבט מיר, ווען איך זאָג אײַך, אַז מיר אַלע זענען געטרייע שטאָלצע אידן. מיר אַלע האָבן געגעסן מצה פסח און אייניקע פון אונז האָבן אפילו געהאַט וואָס ענליכעס צו אַ סדר״. זײַן פרוי איז צוגעקומען צו אים, געשלעפּט אים ביים האַנט און שטילערהייט זיך געבעטן ביי אים: „האָב רחמנות אויף אונז, הער אויף צו רעדן״!

אומדערוואַרט האָט זיך דערהערט אַ ספּאָנטאַנער „אויסגעשריי״ פון עטליכע מענטשן צוזאַמען — גאָספּאָדין ראַווין, פּאָזשאַליוסטע, פּיעטיע דליאָ נאַס יעווריעיסקואיו פּעסענקו — הער רב, זינגט פאַר אונז אַ אידיש ליד. אייניקע פון די געסט, מחותנים און פרײַנט, זענען גיך צוגעקומען צום חתן־כלה טיש וואו מיר זענען געזעסן, און צוזאַמען האָבן מיר גענומען זינגען — לאָמיר אַלע אין איינעם דעם חתן־כלה מקבל פנים זײַן״ און מהרה ה׳ — ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים, קול חתן וקול כלה״... אייניקע פון די געסט זענען צוגעקומען צו אונז און אויף אַ רירנדן שטייגער גענומען אָפּרעדן זיך פון האַרצן. גלייכצייטיק האָבן זיי אַלע זיך אָנגעשטרענגט אונז צו פאַרזיכערן וועגן זייער בענקעניש און געטריישאַפט אויך צום אידישן גלויבן און אידישן פאָלק.

אַ אידישע חתונה — אָן אַ רב, אָן אַ כתובה, אָן שבע ברכות, אָן הלכה

און אַן טראַדיציע — אפילו אַן אַ צעבראָכענער גלאָז — אָבער מיט הייסע אידישע טרערן, מיט אַ צעבראָכן אידיש האַרץ און מיט אייביקער אידישער בענקשאַפט.

די לענינגראַדער חתונה איז געבליבן טיף איינגעקריצט אין מיין האַרצן. דאָס געזאַנג פון ערי יהודה און חוצות ירושלים מיט אַ שטים פון ששון און שמחה אין אַ האָטעל־זאַל אין לענינגראַד אין דער צייט ווען פעדאַרענקאַ פּאַכעט מיט האַס און שווערד איבער די איינוואוינער פון תל אביב און ירושלים. די פרייד פון דעם אידן אין לענינגראַד האָטעל איז שטאָלצע גבורה און הייליקע מסירת נפש.

די באַראָן גינזבורג שוהל אויף דער לערמאָנטאָווסקער גאַס אין לענינגראַד, האָט אַ ספּעציעלן אייגנאַרטיקן חן און צויבער. געבויט מיט איבער 85 יאָר צוריק פון דעם באַוואוסטן פילאַנטראָפּ און כלל טוער, באַראָן גינזבורג, האָט די שוהל שטענדיק געצויגן די נייגעריגקייט און אויפמערקזאַמקייט פון אידישע און נישט אידישע געסט און טוריסטן אין לענינגראַד. אומפאַרגעסליכע קאַפּיטלען פון אידישער געשיכטע זענען געשאַפן געוואָרן אין די אימפּאָזאַנטע זאַלן און קאַנצעלאַריעס פון דער ריזיקער און פּראַכטפולער געביידע.

צום ערשטן האָב איך איבערגעטראָטן דעם שוועל פון דער היסטאָרישער שוהל אַלס אַן אַכט יאָריקער אינגל ווען איך האָב באַגלייט מיין פאָטער, דעם וועליזשער רב, הרב ר׳ אליעזר פּופּקאָ זצ״ל, אויף אַ דרינגענדער קאָנפערענץ מיט דעם אַלטן לענינגראַדער רב, הרב ר׳ דוד טעוועלע קאַצענעלנבויגן, וועגן דער פאַרגעשלאָגענער אסיפה פון רוסישע רבנים, וועלכע האָט אין יענער צייט געהאַט אַרויסגערופן שאַרפע מיינונגס פאַרשידענהייטן צווישן דעם ליובאַ־וויטשער רבי׳ן, האדמו״ר ר׳ יוסף יצחק זצ״ל און די מתנגד׳ישע רבנים. דאַן האָט נאָך די שול געהאַט איר גרויסן תלמוד תורה בנין, וועלכער איז קאָנפיסקירט געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער רעגירונג און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בעקעריי. ווען מען קומט אַריין אין שול־הויף דרייען זיך דאָרט אַרום די בעקער אַרבעטער מיט זייערע ווייסע אַרבעטס קליידער.

דאָנערשטאָג פרי, דעם צווייטן טאָג ראש חודש אייר האָבן עטליכע הונדערט אידן געדאַוונט אין דער שול מיט פאַרשידענע מנינים פון 6 פרי ביז האַלב נאָך עלף בייטאָג. אויסגעוויינליך וואַרים און פרייַנטליך איז געווען די אויפנאַמע, וועלכע איך האָב באַקומען, ווען איך בין אַריין אין שוהל. זיי האָבן גערעדט אַביסל פרייער און מיט ווינציקער שרעק ווי מיט צוויי און דריי יאָר צוריק, ווען איך האָב די באַזוכט.

מיטן שמש און די באַאַמטע פון דער באַראָן גינצבורג־שול אין לענינגראַד, מאַי, 1967

איניקע פון די מתפללים האָבן אפילו מיר אָנגעזאָגט די בשורה טובה וועגן דער ענדליכער באַפרייאונג פון טורמע פון פּעטשערסקי׳ן, וועלכער דאַרף פּאַרקומען אין איניקע מאָנאַטן אַרום. פּעטשערסקי, אַ דענטיסט, דער געוועזענער גבאי פון שול איז פּאַראורטיילט געוואָרן צו אַ לאַנגן טורמע טערמין אויף דער באַשולדיקונג פון אומלעגאַלע קאָנטאַקטן מיט אויסלענדער.

אַ מיטעליאָריקער איד, נישט שלעכט געקליידעט און מיט אַ טאַשן־טיכל פּאַרדעקט דעם קאָפּ איז געשטאַנען מיט ערנסטער ג־טספּאָרכטיגקייט און געלייענט דעם קדיש פון אַ קאַרטל מיט רוסישע בוכשטאַבן. העכסט גוטמוטיק און מיט אַ וואַרימן שמייכל, ריידנדיק אין רוסיש, האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז ער איז געקומען אין שוהל אָפּהיטן דעם יאָרצייט פון זיין מוטער. אַליין אַן אינזשעניר האָט ער צו מיר מיט שטאָלץ און צופרידנהייט געזאָגט: „איך האָב צוויי זין און בידע האָבן געהאַט ברית׳ן. איך האָב אויך געהאַט מצה אויף פסח. איך וויס גאָר ווינציק וועגן אידישקייט און מיינע קינדער וויסן נאָך ווייניקער פון מיר. מיר, אידן פון רוסלאַנד, קענען נאָך וואָס טאָן פאַר

דער אידישקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט — ווי עסן מצה אָדער פאַר דעם פאַרגאַנגענעם דור — ווי אָפּהיטן אַ יאָרצייט פאַר עלטערן, אָבער מיר זיינען מיט געבונדענע הענט און הילפלאָז ווען מיר ווילן וואָס טאָן פאַר דעם צוקונפטיקן דור. ווען איך זאָג קדיש נאָך מיינע עלטערן האָב איך אַן אינערליכן געפיל פון אַנגסט און ווייטאָק, אַז איך זאָג גלייכצייטיק קדיש נאָך אידישקייט אין סאָוועט רוסלאַנד. זיי לאָזן אונז לעבן אַלס מענטשן, כאָטש מיט שוועריגקייטן, אָבער אַלס אידן ווילן זיי אונז נישט לאָזן לעבן".

אַ צווייטער איד, פון אַ שיינער אידישער משפחה האָט זיך געשראָקן צו ריידן מיט מיר און האָט זיך אָנטזאָגט צו נעמען פון מיר אַ מתנה. מיט אַ נערוועזן צעשראָקענעם געזיכט האָט ער באַמערקט צו מיר: „וואָס קאָן אַ געפאַנגענער אין תפיסה אויפטאָן מיט געלט"?

ווען מיר זיינען אַרויס אין שול-הויף האָבן מיר געטראָפן אַן עלטערן אידן מיט אַ פּעקל אין האַנט גייענדיק מיט פעסטע טריט. איך האָב דעם אידן אָפּגעהאַלטן מיט אַ שלום עליכם באַגריסונג און מיט אַ פאַרשטענדליכער נייגעריגקייט געפרעגט אים וואָס ער טראָגט דאָרט אין זיין פּעקל. דער איד האָט געוואָרפן אַ פאַרזיכטיקן בליק אין אַלע זייטן און מיט אַ גיכער באַוועגונג אויפגעעפנט דעם פּעקל פאַר מיר און געזאָגט: „כ'האָב נאָר וואָס געקראָגן אַ כשר'ע קעלבערנע מאָרדע אויף שבת. פרעגט ניט וואו און ווי אַזוי". איך האָב באַטראַכט דעם אידנ'ס „גרויסן אוצר" נאָך פאַרדעקט מיט דער פעל און כ'האָב מיט ווייטאָק אין מיין האַרץ געזאָגט צו אים: „זייט שטאָלץ מיט אייער פּעקל, שעמן זיך מעג דער קרעמלין, אויב אַ איד מוז דאָס באַהאַלטן".

ווען מען האָט מיר איבערגעגעבן די נייעס, אַז מען איז מקבר אידישע מתים אויף אַ גוי'אישן „קלאַדבישטשע" (סעמעטערי) און איך האָב געפרעגט וואָס ווערט וועגן דעם געטאָן, האָט מען מיר דערציילט, אַז ווען אַ קאָמיטעט פון לענינגראַדער אידן האָבן זיך געווענדעט מיט אַ בקשה — אַ פּראָשעניע — צום קאָמיסאַריאַט צו געבן זיי אַ שטיק באָדן פאַר אַ אידישן בית עולם האָט דער קאָמיסאַר זיי געפרעגט: „באַווייזט מיר וואו אין אייער ביבעל שטייט געשריבן, אַז מען מוז האָבן אַן אָפּגעזונדערטן בית עולם ספּעציעל פאַר אידן?" ווען איינער פון דעם קאָמיטעט האָט אָנגעוויזן אויף דעם וואָס אברהם אבינו האָט געקויפט די מערת המכפלה פון די בני חת דאָרט צו באַערדיקן שרה'ן האָט דער קאָמיסאַר מיט אַ ציניש געלעכטער געזאָגט: „אברהם האָט עס דערוואָרבן אויף אַן אָפּגעזונדערטן פאַמיליען בית הקברות און נישט דערפאַר וואָס ג-ט האָט אים אינסטרואירט צו קריגן עס פאַר דעם צוועק".

אויג־אויף־אויג מיט אידן אין לענינגראַד

באַגעגענישן מיט רוסישע אידן. — אַ אידישער סטודענט רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן.

אויסער ניקיטאַ כרושטשאָוו׳ס דעסטאַליניזאַציע האָט זעלטן ווען אַזוי אויפגעטרייסלט די סאָוועטישע געזעלשאַפט ווי דאָס „אַנטלויפן״ פון סטאַלינ׳ס טאָכטער סוועטלאַנאַ קיין אַמעריקע. אַן אוניווערזיטעט סטודענט האָט מיר דערציילט ווי די נייעס האָט ממש עלעקטריזירט די סטודענטן פון זיין אוניוורזיטעט.

פון אָנפאַנג איז די נייעס אויפגענומען געוואָרן ווי אַ ביזווילִיקע שפּיל פון אויסלאַנד. קיינער האָט דאָס נישט געוואָלט גלויבן. אָבער כאָטש די סאָוועטישע צייטונגען האָבן לכתחילה קיין וואָרט וועגן דעם נישט דערמאָנט, איז די נייעס דאָך שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד דורך אויסלענדישע ראַדיאָ באַריכטן. מיט אַ פאַרזיכטיקן בליק אויף אַלע זייטן און מיט אַ נידעריקער שטימע האָט דער סטודענט געזאָגט: איך און אַ טייל פון מיינע חברים זיינען איר מקנא. ווי גליקליך וואָלטן מיר געווען אויב מיר וואָלטן אויך געקענט אַנטלויפן פון דאַנען צו דער פרייער וועלט. אָבער מיר זיינען נישט געגאָרט אין אונזערע באַדינגונגען. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיר זיינען געפאַנגענע אין אַ תפיסה.

דער סטודענט, אַ גרוזינער, האָט גאַנץ אָפנהאַרציק גערעדט מיט אונז אויפקלערנדיק, אַז פילע פון יונגען דור באַטראַכטן דעם קאָמוניזם ווי אַ בויטוועגדיקע פּאָליטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער גאַנץ אַלט־מאָדיש און גאָר נישט נוצליך פאַר דער איצטיקער צייט.

אַרונטערצוזעצן דעם דעספּאָטישן צאַר און פּטור צו ווערן פון די פּאָמיעסטשיקעס, קולאַקעס און די קאַפּיטאַליסטן האָט מען געמוזט אָנווענדן די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן און די קאָמוניסטישע דיסציפּלין — האָט דער סטודענט מסביר געווען. הייַנטיקע צייטן וויל רוסלאַנד מער פון אַלץ „סוואָבאָדאָ״ (פרייהייט), ווי עס עקזיסטירט אין אַנדערע לענדער. סוועטלאַנאַ האָט געהאַנדלט זעהר ריכטיק און מיט קוראַזש.

אמת, די מערסטע מיט וועמען מיר האָבן געהאַט געשפּרעכן וועגן דער סוועטלאַנאַ געשיכטע האָבן איר באַשולדיקט אין ניט זיין קיין געטרייע מוטער

צו אירע קינדער, אין זיין אַ שוואַכזיניקער מענטש, וואָס איז געוואָרן היפּנאָטיזירט פון דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר, און איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם טייוולשן איינפלוס פון דער אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל פון אונזערע דריי באַזוכן אין סאָוועט רוסלאַנד, ווען מיר האָבן געהערט אַזוי פיל קריטיק און אומצופרידנקייט מיט דעם סאָוועטישן רעזשים. אַלענפאַלס, ווייל מען טיף אַנגרייפן און גאַנץ שטאַרק ווי טאָן אַ פאַנאַטישן קאָמוניסט אין סאָוועט רוסלאַנד דאַרף מען נאָר דערמאָנען סוועטלאַנאַ.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז דער הויפּט וואונדער וועלכן סוועטלאַנאַ׳ס „דעפעקציע״ האָט פאַראורזאַכט, ווערט אויסגעדריקט אין די רייד פון אַן אינטעליגענטן ווערטער (קעלנער) אין „גאַסטיניצאַ יעווראָפּאַ״, וועלכער האָט געזאָגט: „ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז שטראַלן פון רעליגיעזער באַוואוסטזיניגקייט זאָלן קאָנען דורכדרינגען די דיקע מאַסיווע ווענט פון דעם קרעמלין פון וואַנען גאָטהייט איז פאַרטריבן געוואָרן מיט אַ גאַנצן האַלב יאָרהונדערט צוריק״?

ווען די טעקסי האָט אונז געבראַכט אין דעם קוואַרטאַל און צו דעם נומער וואו מיר האָבן געדאַרפט איבערגעבן אַ גרוס פון אַ פאַמיליע אין אַמעריקע צו זייער שוועגערין אין לענינגראַד, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ ריזיקן אַפּאַרטמענט הויז, פון וועלכן די ווענט פון פאַרהויז און קאָרידאָרן זיינען געווען שמוציק, אָפּגעריסן און אָפּגעלאָזן פיל ערגער ווי אין גאָר אַלטע געגנטן אָדער נאָכבאַרשאַפטן אין ניו יאָרק אָדער אַנדערע גרויסע שטעט. און אָט דאָס הויז, זאָל מען געדענקען, איז אין סאַמע האַרץ פון לענינגראַד, אין צענטער פון שטאָט גאָר נאָענט צום באַרימטן נעווסקי פּראָספּעקט. דער הויף איז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטן מיט אַלטע, צעבראָכענע אַפּאַרטמענט הייזער. דער באַטרעפנ־דיקער הויף אַליין האָט אויסגעקוקט ווי אַ שרעקליכער דזשאַנק יאַרד.

אַ קלאַפּ אין דער ניט ריכטיקער טיר האָט פאַראורזאַכט אַ העכסט אומדערוואַרטעטע באַגעגעניש און אַ זעלטענע דערפאַרונג.

ווען די טיר האָט זיך געעפנט איז געשטאַנען פאַר אונז אַ גוט־מוטיקע פרוי אין די זעכציקער יאָרן. זי האָט אונז פאַרבעטן אַריינקומען אין איר „אַפּאַרטמענט״. אַ שמאָלער גרוי פינסטערער קאָרידאָר האָט אונז אַריינגעפירט צום „זאַל״ וואו אַ קיילעכדיקער טיש מיט זעהר באַשיידענע מעבל זענען געשטאַנען. די פילע ביכער אַרום אַלע ווענט זיינען געווען אַ פאַרלעסליכע אָנדייטונג אויף די קולטורעלע איינוואוינער פון דער דירה.

ווען איך האָב אין רוסיש קלאָר געמאַכט וואָס און וועמען מיר זוכן,

האָט די פרוי אַריינגערופן איר טאָכטער און זי געבעטן זי זאָל מיט אונז גיין אין הויף און אָנווייזן דעם ריכטיקן פלאַץ וואו ס׳געפינען זיך די וועמען מיר זוכן.

אָן שוועריגקייטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ פריינטליכער געשפרעך מיט דער פרוי, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ אידישע, אַ פּראַקטיצירנדע פּסיכיאַטערשע.

ווען איך האָב געפרעגט ביי דער יונגער דאָקטאָרשע, וועמענס מאַן איז אַ פּראָפעסאָר פון עקאָנאָמיע, וואָרום זי רעדט נישט אידיש, האָט זי געענטפערט: „ווען מיין מוטער וואָלט מיך געלערנט און גערעדט מיט מיר אידיש וואָלט איך זיכער שטאָלצירט צו ריידן די שפּראַך מיט אייך״.

זי האָט גערעדט און מיט גרויס ליבע און פאַרערונג געגלעט דאָס געזיכט פון איר מוטער.

מיר זיינען געזעסן אַרום דעם קיילכדיקן טיש און גאַנץ פריי און פריינטליך געשמועסט.

די דאָקטאָרשע האָט אָנגעוויזן, אַז די מערסטע פון אירע קאָלעגן אין קליניק זיינען אידן. זי האָט אָפנהאַרציק צוגעגעבן וועגן דעם שאַרפן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער הערשט אין פאַרשידענע פאַזן אין אַלע קרייזן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. דערביי איז זי צוגעגאַנגען צום שראַנק ביכער און האָט אַרויסגענומען איליאַ ערענבורג׳ס לעצטן עקזעמפּלאַר פון „מענטשן, יאָרן, לעבן״ און געזאָגט צו מיר: „ווילט איר גרינטליכער פאַרשטיין אונזער לאַגע, אונזערע פּראָבלעמען און אונזער פאַרלעגנהייט, ביטע קויפט דאָס בוך און נעמט עס מיט אייך קיין אַמעריקע״.

מיט שאַלץ און צופרידנהייט האָט זי דערציילט ווי איר מוטער האָט גענומען צוויי קילאָגראַם מעל צו דער באַראָן גינזבורג שוהל און האָט געבראַכט מצה אויף פּסח.

הויך געבילדעט, אַסימילירט, קיין וואָרט אידיש פאַרשטייט זי נישט און דער מאַן אַ פּראָפעסאָר און אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — און דאָך שטאָלצירט זי מיט די עטליכע מצות אויף פּסח.

ווען איך האָב איר געפרעגט: „נו, זייט איר צופרידן מיט דעם וואָס מיר אידן האָבן אַן אייגענע מדינה, אַ אידישע רעגירונג״? האָט זי מיט גרויס צופרידנהייט אויפ׳ן געזיכט געזאָגט: „נו, אַ קאַק זשע אינאַטשע וואָזשמאָזשנאָ״? (ווי אַזוי איז מעגליך אַנדערש?)

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן איר אַפּאַרטמענט און זי האָט אונז באַגלייט

צו אונזער געזוכטן אַדרעס האָב איך איר געבעטן צו געבן מיר איר נאָמען. מיט אומעטיקע אויגן האָט זי געזאָגט: „בודיעט לוטשע יעסלי ווי ניע בודיטע זנאַט מאָיאָ אימיאָ״ (ס׳וועט זיין בעסער אַז איר וועט מיין נאָמען ניט וויסן).

זי האָט אונז צוגעפירט צו דער ריכטיקער טיר און מיט גאָר שנעלע טריט איז זי אַנטרונען געוואָרן פון אונז.

אַזוי גיך ווי די פרוי וועלכע מיר האָבן געזוכט האָט אונז דערזען ביי דער אָפענער טיר, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט: „יאַ זנאַיו קטאָ ווי״ (איך וויס ווער איר זענט).

דער קליין ענג צימערדיקער אַפּאַרטמענט איז געווען אַזוי שמאָל, אַז נאָר אַ קאַנאַפּע מיט אַ קליינעם טישל זיינען געשטאַנען צווישן די ווענט.

זי האָט היסטעריש געוויינט און געכליפּעט ווען זי האָט געגומען דערציילן ווי אַזוי און פאַרוואָס מען האָט איר מאַן דערשאָסן. זי אַליין אַ געענדיקטע פון צווי פאַקולטעטן, און איצט אַ פּראָפעסאָרשע אויף אַ ספּעציאַליזירטן געביט איז געווען איבער 4 יאָר פאַרשיקט אין סיביר וואו מען האָט איר געפּייניקט און געצוואונגען צו זיין אַ שוסטערקע.

אַפילו די טרערן און עמאָציאָנעלע אויפרעגונג האָבן נישט געקענט פאַרדעקן דעם אַריסטאָקראַטישן פּנים, וועלכן זי האָט געירש׳נט פון איר באַרימטער משפּחה.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס איר זון האָט באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען אין אַלע עקזאַמנס „פּיאַטיאַרקעס״ (פינפערלאַך) האָט מען אים פיל מאָל אַנטזאָגט אַריינצונעמען אין אוניווערזיטעט צוליב זיין דייטליכן אידישן נאָמען.

„דאָס איז מיין ערשטער און איינציקער לייכטער מאָמענט זינט כ׳האָב פאַרלאָזן סיביר — אייער באַזוך און דער גרוס פון מיינע נאָענטע אין אַמעריקע. מיר לעבן אין שאָטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיר שטופּן דורך די געגנוואַרט אָן אויסזיכטן אויף דער צוקונפט. אַ לעבן אָן אַ מאָרגן איז שווערער פון דעם טויט.

מיט אָט די ווערטער האָבן מיר זיך איינע מיט די אַנדערע געזעגנט. זי האָט געוויינט און מיר האָבן געוויינט מיט איר.

מאָסקווע׳ס נישט געהאַלטענער צוזאָג צו דרוקן 25,000 סידורים פאַר די אידן

אַ באַגעגעניש מיט אהרן ווערגעליס, און זיינע צוזאָגן. — ווערגעליס זאָגט „מוסר" די אַמעריקאַנער אידן פאַר די פּראָטעסטן.

עס איז געווען פרייטאָג, דעם 12־טן מאַי, 1 בייטאָג, ווען מיר זענען אָנגעקומען אויפ׳ן וונוקאָוואָ לופט־פעלד אין מאָסקווע. אַזוי גיך ווי מיר זענען אָנגעקומען צום הויפּט־אַריינגאַנג פון דעם נייעם פּראַכטפולן „ראָסיאַ" האָטעל מיט איינריכטונגען פאַר 6000 געסט, האָבן זיך באַוויזן עלעגאַנטע, אוניפאָרמירטע פּאָרטערס, אָדער טרעגער מיט וועגעלעך ממש נוסח וואַלדאָרף אַסטאָריאַ.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז „איוואַן" פילט זיך נישט אינגאַנצן באַקוועם אין די נייע איראָפּעאישע קליידער... ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטיינערנע סטאַטוע באַצויגן אָדער פאַרדעקט מיט קליידער וועלכע האָבן מיט אים קיין שייכות נישט... אונזערע צימערן אויפ׳ן עלפטן שטאָק פון אָט דעם נייעם האָטעל זענען נישט געווען הינטערשטעליק פון די שענסטע צימערן פון די לאָנדאָנער אָדער ניו יאָרקער האָטעלן.

כ׳האָב זיך גלייך פאַרבונדן מיט מיין נאָענטן פריינט, דעם מאָסקווער רב הרב ר׳ יהודה לייב לעווין, וועלכער האָט מיך זעהר וואַרעם געלאַדן מיט מיין פרוי אויף שבת צו עסן צוזאַמען מיט אים אין דעם „סטאָלאָווע"־צימער פון שול. פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב די איילאַדונג אָנגענומען מיט דאַנק־באַרקייט און צופרידנקייט.

ערב שבת, צווי נאָכמיטאָג, האָב איך זיך געטראָפן מיט אהרן ווערגעליס, דעם דיכטער און רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד". די „הויפּט־קוואַרטיר" פון דעם קאָנטראָווערסיאַלן קאָמיסאַר איבער סאָוועטיש־אידישע אָנגעלעגנהייטן אויף אוליצאַ קיראָוואַ נומער 17 איז גאַנץ ווייט פון דער כאַראַקטעריסטישער באַשיידנקייט וועלכע הערשט אין אַנדערע קאַנצעלאַריעס פון אידישע צייטונגען און פעריאָדישע שריפטן.

אויפ׳ן ערשטן עטאַזש (שטאָק) פון דער געביידע וועלכע, געפינט זיך ממש אין דער נערוו־צענטער פון מאָסקווע, טרעפט מען אַן אידישע שרייבער, מענער און פרויען, זיי זיצן אין די פאַרשידענע צימערן ביי זייערע שרייב־טישן און שרייב־מאַשינקעס.

ווערגעליס, ווען איינע פון די סעקרעטאַרשעס האָט טעלעפאָניש געלאָזט וויסן וועגן מיין אָנוועזנהייט, האָט גלייך געעפנט די טיר פון זיין קאַנצעלאַריע, פון וועלכער ס׳האָבן אַרויסגעשטראָמט זעקס אָדער אַכט שרייבער פון אַ באַראַ־טונג. ער האָט מיך, מיט פּראָטאָקאָל־העפלעכקייט, באַגריסט און פאַרבעטן צו זיך.

די באַגעגעניש צום ערשטן מאָל מיט דעם הויפּט פון די אידישע קאָמוניסטן איז געווען מיט געמישטע געפילן.

פאַר מיינע אויגן האָבן געגומען שוועבן די געשטאַלטן פון די יעווסעקעס אין מיין געבורט־שטאָט וועליזש, וועלכע האָבן געשענדעט שוהלן, אַרעסטירט מלמדים און שוחטים און האָבן ענדלאָז געמאַטערט און געפּייניקט מיין פאָטער הרב ר׳ אליעזר פּופּקאָ זצ״ל.

ביי דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט ווי ווערגעליס׳עס חברים האָבן פאַרשטערט אונזערע שבתים, ימים טובים און געצוואונגען אידישע קינדער עסן חמץ פּסח און בייצוואַוינען אומגעלומפּערט־גיפטיקע ספּעקטאַלן יום־כיפּור אוונט.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט פעסטער ווי שטענדיק. מיינע הענט האָבן זיך ממש געטרייסלט די ערשטע מאָמענטן פון דער קאָנפערענץ. מיין איינציקע באַרעכטיקונג פאַר דער קאָנפראָנטאַציע איז געווען אַ ערליכער און ס׳קאָן זיין

ביים יום העצמאות־פייערונג. רעכטס צו לינקס: אַ ישראל באַאַמטער, סטשערבירוטסקי, פון די אָנפירער פון דער הויפּט־שול אין מאָסקווע, מיניסטער יגאל אלון, זיין פרוי, אַ ישראל־באַאַמטער, הרב פּופּקאַ, הרב לעווין און אהרן ווערגעליס דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1967

איך אַ נאַאיוועך פּאַרלאַנג אָנצוהאַלטן וואָס מער ליניעס פון קאָמוניקאַציע כדי צו פאַרלייכטערן דעם טראַגישן שיקזאַל פון אונזערע עלנדע איזאַלירטע און איינזאַמע ברידער אין דעם קאָמוניסטישן „גן עדן".

גלייך ביים אָנפאַנג פון דער באַגעגעניש האָט ווערגעליס געזאָגט:

„מיר דאָ אין מאָסקווע מיען זיך, פּלאַנירן און שטרענגען זיך אָן צו לייזן די לאַגע, אָבער איר, אין אַמעריקע, מיט אייערע פּראָטעסטן און געשרייען פירט אַלץ איבער און איר מאַכט אַפילו ערגער. ווען איר וואָלט זיך איבערהויפּט נישט אַריינגעמישט, וואָלטן מיר שוין לאַנג דאָס פּראָבלעם געלייזט".

הערנדיק ווערגעליס'עס רייד, רוף איך זיך אָן צו אים מיט די ווערטער:

„אַלזאָ, חבר ווערגעליס, איר גיט אַליין צו, אַז עס עקזיסטירט אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ אידישע פּראָבלעם, כאָטש אין ניו יאָרק און אין לאָנדאָן האָט איר עס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. איך בין געגרייט צו הערן איצט פון אייך די רייד. וויסט איר וואָס, איך בין גרייט אָנצונעמען אייערע רייד, אויב איר וועט באַווייזן מיט קאָנקרעטע טהאָטן, אַז איר ווילט קאָאָפּערירן און זיין באַהילפיק. ווי איר ווייסט, האָט אייער רעגירונג ניט געהאַלטן וואָרט. מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען פאַרזיכערט אונזער הסתדרות הרבנים דעלעגאַציע, פון וועלכע איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין אַ מיט־אָנפירער צוריק צו עפענען די ישיבה אין מאָסקווע און דרוקן צען טויזנט סידורים. זיי האָבן אַפילו צוגעזאָגט מיט אַ מאָנאַט צוריק צו דערלויבן אידישע יונגעלייט פון ראַטן פאַרבאַנד צו פאָרן לערנען אין ישיבות אין אויסלאַנד. דאָס וואָס מען האָט אונז צוגעזאָגט מיט צוויי יאָר צוריק איז קיינמאָל ניט דערפילט געוואָרן און דער לעצטער צוזאָג פון אַ מאָנאַט צוריק ווערט אין גאַנצן געלייקנט פון אַלעמען. אַלזאָ, חבר ווערגעליס, אויב איר ווילט וואָס טאָן, נעמט גלייך און דרוקט אָפּ אין אייער דרוקעריי פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 25,000 סידורים פאַר די 3,250,000 אידן פון סאָוועט רוסלאַנד".

אָן אַ מינוט קלערן, מיט אַ שטאַרקייט אין זיין טאָן, זאָגט ווערגעליס

„הרב פּופּקאָ, איך דאַרף ביי קיינעם נישט פרעגן, איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל גלייך דערפילן אייער פאַרלאַנג. איר זאָלט אָבער גלייך בעטן דעם מאָסקווער רב, הרב לעווין, ער זאָל מיר צושטעלן וואָס שנעלער אַ קאָפּיע פון אַ סידור פון וועלכן מיר וועלן קאָפּירן אויפ'ן פאָטאָ־פּרעס די סידורים".

איך האָב גלייך אויסגעשטרעקט מיין האַנט דאַנקבאַרקייט און אים פאַרזיכערט איבערצוגעבן די בשורה טובה צום מאָסקווער רב און צו מיטגלידער פון דער „דוואַצאַטקע" — די צוואַנציק בעלי־בתים, געקליבן דורך דער רעגירונג, וועלכע פאַרוואַלטן מיט דער שוהל.

דעם זעלבן צוזאָג האָט ווערגעליס איבערגע'חזר'ט מאָנטאָג, דעם 15טן

מאַי, 2:45 פאַרנאַכט, אין דער מאָסקווער ישראל אַמבאַסאַדע ביי דער פייערונג פון 19טן יום העצמאות, אין דער קעגנוואַרט פון מאָסקווער רב און פירער פון דער מאָסקווער צענטראַלער שוהל, די מאַרינא ראָסטשאַ שוהל, און דער פירערשאַפט פון דער טשערקיזאָווער שוהל.

איך האָב ווערגעליס'ן קאָמפּלימענטירט פאַר אָפּדרוקן אַן אַרטיקל פון ש. י. עגנון און אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ספר חובות הלבבות פון רבנו בחיי בן יוסף אבן פקודה אין דער אַפּריל אויסגאַבע. כ'האָב צוגעלייגט מיין פער־זענליכן וואונטש, אַז ער, אַלס רעדאַקטאָר, וועט איינשליסן מער און מער פון תורה־רעליגיעזן אינהאַלט אין דער איינציקער ליטעראַרישער מאָנאַט שריפט פון סאָוועט רוסלאַנד.

גליכצייטיק האָב איך אים געלאָזט וויסן וועגן דעם באַוואוסטן פאַקט, אַז 80 פּראָצענט פון זיין „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט צעטיילט נאָר אין אויסלאַנד און ניט צווישן רוסישע אידן. ער האָט עס נישט אָפּגעלייקנט.

ווען איך האָב אויסגעדריקט צו ווערגעליס'ן די ערנסטע זאָרג וועגן דעם טרויעריקן בעלענקי'ס בוך „קריטיקאַ איאודעיסקאַי רעליגיאַי", מיט די שרעקליכע און גרויזאַמע ליגנס קעגן תנ"ך און דעם תלמוד און ספּעציעל קעגן דעם ראַבינאַט פון מדינת ישראל, פאַרלוימדונגען, וועלכע בלייבן נישט הינטערשטעליק צו פּראָגאַיטיס'ן און שטרייכער'ן, האָט ער גלייך אויפגעשלאָסן דעם צענטראַלן שופלאָד פון זיין שרייב־טיש און דערלאַנגט מיר אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן בעלענקי'ס בוך פון אַ פּראָפעסאָר, אַ איד, פון סעמיטישן אָפּטייל אין מאָסקווער אוניווערזיטעט.

איך האָב דעם מאַנוסקריפּט פּאַרזיכטיק דורכגעלייענט און כ'האָב אים געזאָגט, אַז די קריטיק איז ניט גענוג. זיין ענטפער צו מיר איז געווען: „איר ווייסט וואָס, הרב פּופּקאַ, מיר אין אונזערע קרייזן זיינען אויך נישט צופרידן מיט בעלענקי'ס, דעמישאַנסקי'ס און דאַלגאָפּאָלסקי'ס ווערק וועגן יהדות, אָבער מיר קענען ניט גענוג תנ"ך און תלמוד צו קריטיקירן עס. ווייסט איר וואָס, זעצט זיך אַנידער, שרייבט אַ קריטיק און איך וועל עס אומבאַדינגט דרוקן אין מיין „סאָוועטיש היימלאַנד".

מיר האָבן זיך פריינטליך געזעגנט — איך מיט'ן איינדרוק, אַז ס'איז נויטיק צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט ווערגעליס'ן און זיינע קאָלעגן אפילו ווען די רעזולטאַטן פון אַזאַ קאָנטאַקט און זייערע נוצן זיינען צווייפלהאַפטיק. ווען אַ מענטש טרינקט זיך וועט ער זיך אָנכאַפּן אפילו אַן שטרוי. כדי זיך צו ראַטעווען און צו ראַטעווען דריי מיליאָן אידן פון תורה אונטערגאַנג לוינט זיך אָנכאַפּן אפילו אין די פאַלעס פון דעם הויפּט אַפּאַלאָגעטיקער פון ראַטן־פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער טראַגישער לאַגע פון רוסישן אידנטום.

פרייטיק־צו־נאַכטס ביים מאָסקווער רב

באַגעגעניש מיט מתפללים אין דער מאָסקווער שול. — הרב לעווין באַקלאָגט זיך, וואָס עס איז נישטאָ קיין שלום אויף דער וועלט.

ווען איך בין אַריין פרייטאָג פאַרנאַכט, ערב שבת פאַר מנחה, אין דער מאָסקווער הויפּט־שוהל, זענען די אידן אין שוהל צוגעקומען צו מיר מיט וואַרעמע און פריינטלעכע שלום עליכמ׳ס.

„געבענטשט פון ג־ט זאָלט איר זיין, פאַר נישט פאַרגעסן אונז און אינטערעסירן זיך אין אונזער לאַגע״, האָט אַן עלטערער איד געזאָגט צו מיר, דריקנדיק מיין האַנט.

אַ צווייטער איד איז צוגעלאָפן און גענומען קושן מיך און מיט וואַרעמע טרערן אין די אויגן געזאָגט:

„פאַרט אונזערער אַ רוסישער איד — אפילו דער ים און טויזנטער מיילן קאָנען אייך נישט אָפּשיידן פון אונז. מיר זענען איינזאַם און עלנד, אַ פאַראורטיילטער שבט פון כלל ישראל... ס׳ווילט זיך ממש אויסשרייען א־לי, א־לי, למה עזבתנו — ג־ט, מיין ג־ט, וואָרום האָסטו אונז פאַרלאָזן?... ביז איצט האָבן זיי באַשולדיקט די אידן אין רוסלאַנד אין ספּעקולאַציע, אומגעטריי־שאַפט א. אַ. וו. איצט האָבן זיי זיך פאַרנומען, אַן רחמנות, אויף אונזערע לעבן־געבליבענע ברידער פון נאַצי־חורבן וועלכע האָבן געפונען אַ רואיק ווינקעלע אָנצופאַנגען זייער לעבן פונדאַסניי, און זיי שיטן פעך און שוועבל אויף זיי, אַן רחמנות! אַזעלכע ליגנס און בלבולים, רבי, וואָס וועט דאָ זיין?... זיי ווילן אפילו אונזער לעצטע האָפענונג אויך אָוועקרייסן און פאַרניכטן!״...

זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, און מיט זייערע אידעלע אידישע פּנים׳ער און טיף־טראַגישע אויגן, — אויגן וועלכע, מען קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן! — האָבן זיי געקוקט אויף מיר.

איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו קאָנטראָלירן דעם אויפברויז אין מיין נשמה און דעם פיינליכן שטורם אין מיין הארץ און געזאָגט צו די אידן, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט. „דער שומר ישראל, וועלכער האָט אייביק געהיט אונזער פאָלק וועט אונז און אונזערע ברידער נישט פאַרלאָזן. שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקדוש ברוך הוא מצילינו מידם — אין יעדן דור פאַרמעסטן זיך אונזערע קעגנער אונז צו פאַרניכטן און ג־ט ראַטעוועט אונז פון זייערע הענט״. איינער פון די אידן האָט אויסגעשריען: „אָבער ווען, אָבער ווען?״ און אַ צווייטער האָט אים געענטפערט: „ווען?... דאָס איז אויך נאָר אין זיינע הענט״.

שרייבנדיק די ווערטער ליגט פאַר מיר די „איזוועסטיאַ״ און „פּראַוודאַ״ פון 7טן יוני ביז׳ן 15טן יוני — עס איז ווירקליך אומגלויבליך, וואָס ס׳איז געשריבן אויף די ערשטע זייטן מיט זעקס און 8 קאָלומדיקע „קעפּ״ אין די באַריכטן און אין די לייט־אַרטיקלען פון ב. נאַוויקאָוו, אינטערנאַציאָנאַלער קאָמענטאַטאָר פון „איזוועסטיאַ״ — וועגן ישראל און „פּראַוויטעלסטווא — תל אביב׳אַ״. סיי די קאַריקאַטורן און סיי די בייזוויליקע ליגנס און די גיפטיקע אויסדרוקן זיינען אַן אויפגערעגט־היסטערישער רוף צו פּאָגראָמען.

אין דער וואָכן־שריפט „בעדיעליאַ״ (די וואָך), שרייבט ק׳ ווישנעוועצקי אין דעם לייטאַרטיקל, אַז דורך די לעצטע 19 יאָר פון מדינת ישראל זענען אַ ל ע גרעניץ פּאַרלעצונגען, איבער גרעניץ אינפילטראַציע, סאַבאָטאַזש און מאָרד דורכ־געפירט געוואָרן נאָר פון די אידן אין ישראל קעגן די אַרימע, הילפלאָזע אַראַבער.

די צייטונגען „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיאַ״ ווידמענען איבער אַ העלפט פלאַץ אין זייערע 4 אָדער 6 זייטיקע אויסגאַבן צו דער ממש ברוטאַלער אַגיטאַציע קעגן מדינת ישראל.

די פּנימ׳ער פון לוי אשכול, אבא איבען און פון די ישראל זעלנער זיינען געמאָלן מיט די זעלבע וואולגאַרע פּאָגראָם־כאַראַקטער שטריכן, וועלכע מען

הרב יהודה ליב לעווין מיט הרב פּופּקאַ, אין דעם מאָסקווער רב׳ס קאַנצעלאַריע, 1967

האָט געפונען אין די שטרייכער ציטונגען. מען טאָר עס נישט פאַרשווייגן. פאַראַנטוואָרטליכע אידישע אינסטאַנצן מוזן די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע ברענגען איצט צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט.

די איצטיקע בייזווייליקע פּאָגראָם אַגיטאַציע פון קרעמלין קאָן פירן צו שרעקליכע און טראַגישע רעזולטאַטן. ס׳איז גאַנץ איבעריק צו מערקן אין וואָס פאַר אַ געפערליכער לאַגע דאָס שטעלט דעם רוסישן אידנטום!

ווען מיין פרוי און איך זיינען אַריינגעקומען צו הרב לעווין אין זיין קליינער באַשיידענער קאַנצעלאַריע, אויף דער רעכטער זייט פון דער שוהל בימה, האָט ער מיט אויסגערוויינליכער פריידע און פריינטשאַפט מיך אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט מיר. די ערשטע מאָמענטן זענען מירביידע געבליבן שפּראַכלאָז. מיר האָבן נאָר באַטראַכט איינער דעם אַנדערן. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיינע טיפיש אומעטיקע אויגן און געזאָגט: „ווי גוט ס׳וואָלט געווען ווען ס׳וואָלט געהערשט שלום אויף דער וועלט! ווירקט, איך בעט אייך, אויף דער אַמעריקאַנער רעגירונג זי זאָל אויפגעבן דעם קאַמף אין וויעטנאַם און זי זאָל העלפן איינשטעלן פרידן אין דער גאַנצער וועלט, אַלעס, אַלעס ווענדט זיך איצט אָן דעם שלום אויף דער וועלט. אַזוי לאַנג ווי ס׳איז דאָ מלחמה אויף דער וועלט, קאָן מען וועגן אַנדערע זאַכן בכלל נישט רעדן. איך בין העכסט צופרידן צו ריידן מיט אייך, און מיט אַלע אויסלענדער, ווייל דאָס גיט מיר אַ געלעגנהייט צו אַפּעלירן פאַר שלום אויף דער וועלט".

ווען איך האָב געפרעגט דעם מאָסקווער רב וועגן דעם באַריכט, אַז אידישע יונגעלייט וועלן דערלויבט ווערן צו פאָרן לערנען אין ישיבות אין אויסלאַנד האָט ער געזאָגט: „דאָס איז אַ קינדערשע פאַנטאַזיע, מיר האָבן ניט אַפילו קיין איינעם וואָס זאָל וועלן פאָרן לערנען אויף רבנות קיין אויסלאַנד. נאָר אין אַ היגער ישיבה קאָן מען צוגרייטן יונגעלייט אויף רבנות, שחיטה און אַנדערע רעליגיעזע פליכטן. בכלל ווייס איך גאָרניט וועגן אַזאַ דערלויבעניש"!

ווען איך האָב דעם מאָסקווער רב געפרעגט וואָס ער הערט פון אונזערע געמיינשאַפטליכע פריינט, וועלכע האָבן פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין מדינת ישראל, האָט ער געזאָגט: „זיי באַקלאָגן זיך אויפ׳ן קלימאַט, די אַרבעטסלאָזיגקייט און די שוועריגקייטן פון זייער נייעם לעבן". (די אַלע רוסישע אידן, וועלכע איך האָב אַ וואָך שפּעטער געטראָפן אין מדינת ישראל האָבן נישט געפונען גענוג ווערטער אויסצודריקן זייער באַגייסטערונג פאַר מדינת ישראל, זייער גליק און צופרידנקייט מיט׳ן נייעם לעבן — זיי האָבן שלעכטס אויף סאָוועט־רוסלאַנד נישט גערעדט צוליב פאַרשטענדליכע אורזאַכן. איינער אַ באַוואוסטער ניי־געקומענער איד פון רוסלאַנד האָט געזאָגט צו מיר: „די פריינטשאַפט, איינזעעניש און זאָרג, וועלכע די רעגירונגס באַאַמטע אין

ישראל ווייזן אונז אַרויס שטייגט אַריבער אפילו די ליבע און איבערגעגעבנקייט פון עלטערן צו זייערע קינדער. זייער שנעלקייט צו באַזאָרגן אונז מיט באַקוועמע וואוינונגען, באַשעפטיגונג און בילדונג פאַר די קינדער שטייגט אַריבער אַלע אונזערע האָפענונגען און דערוואַרטונגען").

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז די קרעמלין אַגענטן האָבן איינגעשלאָסן עטליכע „זייערע געטרייע" אידישע פאַמיליעס אין די גרופּעס, וועלכע זיינען אָפּגעפאָרן קיין מדינת ישראל. די „געשולטע אימיגראַנטן", אָפּוואוינענדיק אייניקע וואָכן אין ישראל האָבן גענומען שרייבן „קלאָג"-בריוו קיין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו א. אַ. וו. די בריוו זיינען אויף דעם טייוולשן שטייגער פון קרעמלין געדרוקט געוואָרן — פּראָמינענט אין דער טעגליכער פּרעסע מיט'ן אויסזיכט, אַז דאָס וועט אָפּקילן דעם אַפּעטיט פון רוסישע אידן אַנצוגעבן „פּראָשעניעס" אויף צו פאָרן קיין מדינת ישראל. ווען די „אַנטוישטע אימיגראַנטן" קערן זיך אום קיין רוסלאַנד ווייזט מען זיי אויף טעלעוויזיע און מען קריגט פון זיי „צופרידנשטעלנדע" מיינונגען וועגן דער „אימפּעריאַליסטיש-מיליטאַריסטישער גאָסודאַרסטוואָ איזראַאילאָ".

אַרום 250 אידן האָבן אָנגעפילט אַ קליינעם טייל פון דער ריזיקער האַלב פינסטערער שוהל.

ר' זיסל דער חזן האָט געדאַוונט מיט גרויס געפיל. ווי איינגענאַרטיק האָבן געקלונגען אין דער מאָסקווער שוהל די ווערטער פון דוד המלך —

שמעה ותשמח ציון, ותגלנה בנות יהודה למען משפטיך ה' — ציון הערט און זי פרייט זיך. און לוסטיק זענען די טעכטערשטעט פון יהודה, פון וועגן דיינע משפטים ה', שומר נפשות חסידיו מיד רשעים יצילם — ער היט די נפשות פון זיינע פרומע, פון דער האַנט פון רשעים איז ער זיי מציל...

ווען דער חזן האָט גענומען האַרציק זינגען „בעמוד ענן ידבר אליהם — אין „וואָלקנזאַל פלעגט ער רעדן צו זיי..." איז צו מיר צוגעקומען אַ הויך געוויקסיקער איד מיט דיקע ברילן און באַמערקט: „צו אונז רוסישע אידן רעדט שוין ג-ט גאַנצע 50 יאָר דורך אַ געדיכטן שוואַרצן וואָלקן, אָבער קיין שפּור פון זון-ליכט האָט זיך נאָך דערוויל צו אונז נישט באַוויזן"...

נאָך קבלת שבת זענען מיר אַלע אַריין אין אַ גרעסערן צימער ביים זייט פון דער בימה וואו עס איז געשטאַנען אַ געגרייטער טיש מיט ווין, חלה און שבת'דיקע מאכלים. ס'איז שווער צו גלייבן, אַז 50 יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, אין אַ לאַנד מיט די רייכסטע נאַטור-קוואַלן אין דער וועלט, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן אַלס דער „ברויט-קאַשיק פון ערד-קוגל" זאָל אַן אויסלענדער זיך דאַרפן אָנשטרענגען צו עסן, כדי נישט צו פאַרשעמען זיין גאַסט-ווירטה. מיר האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מיר עסן די „געפילטע פיש" און די אַנדערע

פאַטראָנעס, וועלכע האָבן עדות געזאָגט אויף די זעהר באַשיידענע סטאַנדאַרטן פון זייער לעבן.

ווי טרויעריק ס׳האָבן געקלונגען די זמירות, וועלכע דער מאָסקווער רב האָט געזונגען מיט זיין שיינער שטימע! נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ביים טיש זיינען געזעסן אויך „נישט פאַרבעטענע געסט״, האָט הרב לעווין זיך שטאַרק צעוויינט אין מיטן בענשן און האָט אַראָפּגעלאָזן זיין שיינעם פּאַטריאַכאַלישן פנים אויף דעם אָרעם פון זיין האַנט. קיינער פון אונז קאָן נישט פאַרשטיין די ליידן און די יסורים, דעם באַזונדערן שטורם אין דעם האַרץ פון דעם אָנגעליטענעם און צעוויטיקטן רב! ער טוט אַלעס מעגליכעס אָנצוהאַלטן אַ פונק פון אידישקייט אין דער געגנוואַרט פון אַ שרעקליכן הוראַגאַן פון פיינטשאַפט און ציניזם געלעכטער פון אַ האַרצלאָזיקן פאַרפאָלגער. ווען מען קוקט זיך איין טיף און פאַרזיכטיק אין דעם מאַרטירער געזיכט פון מאָסקווער רב, זעט מען און מען פאַרשטייט דעם טרויעריקן שיקזאַל פון די דריי מיט אַ פערטל מיליאָן אידן פון סאָוועט רוסלאַנד.

שפּעט אין אָוונט, האַלב נאָך צוועלף, אויפ׳ן וועג פון שוהל צו דער ראָסיאַ גאַסטיניצאַ דערהערן מיר אַ שטימע פון אַ מענטשן, וועלכער רופט אונז. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און אַ מיטליאָריקער מאַן אַרום 5 מעטער וויט פון אונז האָט געמאַכט מיט׳ן האַנט און מיט אַ העכערער שטימע געבעטן: „פּאָזשאַליוסטאַ, פּאַדאָזשדיטע, יאַ כאַטשו גאַוואָריט ס׳וואַמי״ — ביטע, וואַרט, איך וויל מיט אייך ריידן. מיר האָבן זיך, נאַטירליך, אָפּגעשטעלט און אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם האָט ער געזאָגט: „איך בעט אייך, האָט רחמנות אויפ׳ן מאָסקווער רב און אויף זיך. מען היט אייך פון אַלע זייטן. זייט פאַרזיכטיק מיט יעדן וואָרט — דאָס מאָל וויל מען זיך אָפּרעכענען מיט אייך פאַר אַלץ, וואָס איר האָט געשריבן און געזאָגט אין אויסלאַנד וועגן אייערע צוויי פריערדיקע באַזוכן ביי אונז. מיין נאָמען וועל איך אייך נישט געבן. נאָך אַמאָל וועט איר מיך נישט זען — איך בעט אייך, טייערער פריינט און רבי, האָט רחמנות און היט זיך. אָבער גלייכצייטיק זאָלט איר יאָ וויסן, אַז מיר האָבן געהאַט מער מצה אויף פּסח היאָר, פיל מערער אידן זענען געקומען נאָך מצה היאָר. און אויך אַנדערע זאַכן זענען אַביסעלע לייכטער געוואָרן. ווי ס׳ווייזט אויס, גלייכט קיינער ניט, אַז מען קריטיקירט אים און ער זוכט אָפּצושאַפן באַרעכטיגונגען פאַר אַזעלכע קריטיק. יאַ אָטשען איזווינאַיוס — אַנטשולדיקט מיר זעהר פיל, פרעגט מיך גאָרנישט, איך מוז לויפן״!...

שאָקירט און צעטראָגן האָב איך געקוקט אויף דער געשטאַלט פון דעם אידן, ווי אַ מין דיבוק איז ער פאַרנעפּלט געוואָרן אין דער פינסטערניש פון דער מאָסקווער נאַכט.

אין דער ריזיקער לאָבי פון האָטעל „ראָסיאַ" האָבן מיר זיך צופעליק באַקאַנט מיט אַ אידישן דאָקטאָר, וועלכער איז געקומען צו דעם האָטעל צו טרעפן זיך מיט זיינעם אַ פריינט. אַ מאַן אין די פערציקער, הויך און עלעגאַנט אויפ׳ן אויסזען, האָט דער דאָקטאָר גענומען ריידן מיט אונז אין עברית. ער קומט פון אַ באַוואוסטער אידישער שטאָט, וועלכע איז איצט אַ טייל פון סאָוועט-רוסלאַנד. ער האָט דערציילט זיינע טראַגישע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס. אַ געטרייער רעוויזיאָניסט און אַ הייסער אַנהענגער פון זאב זשאַבאָטינסקי׳ן, האָט ער געשילדערט פאַר אונז דעם אידישן חורבן אין זיין שטאָט אונטער די בייזע הערשער. אַ שטאָט, וועלכע איז געווען באַרימט אין דער וועלט מיט אירע גרויסע רבנים און פוסקים, ליגט היינט גייסטיק צע־שמעטערט, אָן אַ רב אָדער אַ שול, פילע פון דער אידישער יוגנט וואָלטן וועלן פאָרן „אַהינצו", אָבער זיי שרעקן זיך אַנצוגעבן נאָך פּאַפּירן צוליב די ברוטאַלע פאַרפאָלגונגען פון דער רעגירונג, אויב מען רעדט נאָר אַרויס דאָס וואָרט „איזראַאיל". ער אַרבעט אין אַ קליניק, איז אַ ספּעציאַליסט אין אַ געוויסן געביט פון מעדיצין, אָבער ער פילט זיך טראַגיש אייבזאַם, אומגליקליך און פאַרלאָרן. „איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן ווי עס ברענט דער אַנטיסעמיטיזם ביי אונז אין שטאָט און וואָס פאַר אַ גיפטיקע פּראָפּאַגאַנדע עס ווערט אָנגעפירט קעגן מדינת ישראל. מיר לעבן מיט צוויי זאַכן — שרעק און האָפענונג"! מיט אַ טיפן קרעכץ האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד. שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר שפּאַצירט אויפ׳ן רויטן סקווער — „קראַסנאַיאַ פּלאָסטשאַד". מיר זיינען געשטאַנען ביי דעם לעניך מאַוזאָלעאום און געקוקט אויף די צוויי פאַרפראָרענע געשטאַלטן פון די צוויי רויט־אַרמייער מיט די ביקסן מיט די אָפענע שפּיגעס אין די הענט. אייניקע יוגנטליכע האָבן מיט נייגעריגקייט געקוקט אויף אונז און פאַרגעזעצט מיט זייער שפּאַציר. ביים אָפּשיידן זיך, האָט דער דאָקטאָר מיט אַ ביטערן שמייכל געזאָגט צו אונז: „פיליכט האָט איר אַ גרעסערן טשעמאָדאַן, לייגט מיך אַריין און נעמט מיך מיט זיך קיין אַמעריקע. איך בין צו יונג צו שטאַרבן. איך וואָלט נאָך וועלן וואָס געניסן פון לעבן. פריער די נאַציס און איצט — זיי. מיט וואָס וועט עס זיך ענדיקן"? עס האָט זיך פלוצלינג דערהערט די פעסטע טריט פון מושטירטע זעלנער. צוויי פרישע סאָלדאַטן זיינען געקומען אָפּבייטן די צוויי ביים אַריינגאַנג צום „וועליקי וואָזשדז" — דער גרויסער פירער. זיי האָבן זיך פלינק סאַלוטירט און די שמירה פון דעם גרויסן „אוצר", וועלכער האָט פאַרפלייצט אַ גרויסן טייל פון דער וועלט מיט האַס, רציחה און מענטשליכע ליידן איז פאַרגעזעצט געוואָרן. מיר האָבן זיך געזעגנט, אָבער נישט אויף לאַנג.

אַ מפטיר און אַ דרשה אין מאָסקווער שול

דער „רעוואָלט" קעגן אַ גבאי, אַ מסור, אין דער קיעווער שול. — דער עולם פירט דורך אַ „באָיקאָט" קעגן מסור.

דער באַגאַבטער און קאָלירפולער ר׳ אברהם כהן, אַ געוועזענער חסיד, מיטגליד פון דער ישראל אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע, האָט מיך שבת פרי אָפּגעוואַרט אין דער הויפּט לאָבי פון האָטעל „ראָסיאַ" און צוזאַמען געגאַנגען צום שול. די גאַסן זענען געווען פול מיט מענטשן, וועלכע זענען שנעל געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווען מיר זענען געקומען אויף דער אַרכיפּאָווא־גאַס, וואו די שול געפינט זיך, האָט אונז באַגעגענט אונזערע בײדנ׳ס אַ באַקאַנטער, אַן אויסלענדער, און האָט אונז איבערגעגעבן אַ באַריכט פון קיעוו, וואו ער האָט פאַרבראַכט די לעצטע פאָר וואָכן.

מיר זענען ממש געריהרט געוואָרן צו הערן, אַז דער טרויעריק־באַקאַנטער קיעווער מסור, יונה גאַנדעלמאַן, וועלכער, צוזאַמען מיט זײַנע „קאָלעגן" האָבן ברוטאַל טעראָריזירט אידן אין דער קיעווער שוהל, אַלס דער רעגירונגס אָנגעשטעלטער גבאי, און מיט וועלכן איך פּערזענליך האָב געהאַט אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס אין דער קיעווער שוהל מיט צוויי יאָר צוריק, האָט — ווי ס׳ווײַזט אויס — אַריבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט זײַן פינסטערע מיסיע אויס־געפירט נאָך מיט מער אימפּעט ווי די קאָמיסאַרן האָבן פון אים פאַרלאַנגט. די דערשלאָגענע קיעווער אידן, וועמען איך האָב געטראָפן, זענען מיד געוואָרן אים צו דולדן. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן די קרבנות פון דעם מסור זיך אָרגאַניזירט און באַשלאָסן נישט אַרײַנצוגיין אין שוהל, אַזוי לאַנג ווי יונה בלײַבט גבאי. אַלע ווי איין מענטש האָבן אָנגעטאָן טלית און תפילין, געדאַווענט אין שוהל הויף און נישט אַרײַן אין שוהל.

איבער צוויי וואָכן האָט אָנגעהאַלטן דער „באָיקאָט". ענדליך האָבן די רעגירונגס באַאַמטע נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון די קיעווער אידן און דער מסור איז באַזײַטיקט געוואָרן. ווען מען האָט אויפגענומען דעם נײַעם גבאי האָבן די אידן זיך צוריקגעקערט אין דער שוהל.

בײַ די קיעווער אידן איז עס ממש געווען אַ נס.

אונזער פרײַנט האָט פאַרענדיקט זײַן באַריכט מיט אָט די ווערטער:

„געניטע און פאַרלעסליכע אידישע באַאָבאַכטער פון דעם אידישן אומגליק אין סאָוועט רוסלאַנד באַטראַכטן די דאָזיקע זעלטענע דערפאָרונג אַלס אַ מוטיקן ווידערשטאַנד פון אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד קעגן רעגירונגס אַנגעשטעלטע גבאים. אונטער סטאַלינען און כרושטשאָוו׳ן וואָלט אַזאַ זאַך קיין מאָל נישט פּאַסירט״.

צווישן דעם ריזיקן עולם אין שוהל האָבן זיך געמערקט דעם יאָר, מער יוגנטליכע פּנים׳ער, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן. אין מיטן פון קריאת התורה איז צו אונז צוגעקומען אויפ׳ן בימה אַ איד אין די זעכציקער, מיט אַן אויסערגעוויינליכן הדרת פנים. די שיינע ווייסע באָרד, און די אידלקייט אויפ׳ן געזיכט איז געווען גוט מערקזאַם אפילו צווישן דעם גרויס׳ן עולם. דער איד האָט זיך אַרומגענומען מיט׳ן רב. זיך צעקושט מיט אים און גענומען וויינען.

זיצנדיק לעבן רב ביים ארון קודש בין איך נאַטירלעך נייגעריק געוואָרן צו וויסן ווער דער איד איז.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זיך דער איד יענע וואָך צוריקגעקערט פון טורמע, טיף אין רוסלאַנד, וואו מען האָט אים געפּייניקט אַרום אַכט יאָר, צוליב אַ בלבול.

דורך דעם לאַנגען שרעקליכן טערמין אין טורמע האָט דער איד מיט זעלטענער מסירת נפש, אָפּגעהיט שבת און כשרות! זיין פּנים האָט רעפלעקטירט אַ מיסטישע געמישאַכץ פון גבורה און ליידן.

צום דריטן מאָל אין דריי יאָר האָב איך באַקומען דעם כבוד צו קריגן מפטיר אין דער מאָסקווער שוהל. איך אַליין ווייס נישט פון וואַנען ס׳האָט זיך צו מיר גענומען, סיי די שטימע און סיי דער מוט — אָבער אַ מאָדנע שטילקייט האָט באַהערשט די גאַנצע שוהל ווען מיט וואַרעמע טרערן אין די אויגן האָב איך גענומען זאָגן די ברכות און דאַן דעם מפטיר.

ווי טיפזיניק און צייטיק ס׳האָבן געקלונגען די ווערטער — צדיק בכל הדורות — דער גערעכטיקער אַלמעכטיקער אין אַלע צייטן און באַדינגונגען...

טיפע קרעכצן האָבן זיך דערהערט אין שוהל ווען איך האָב אויפגעהויבן די שטימע ביי דער ברכה רחם על ציון כי היא בית חיינו — ג־ט האָב רחמנות אויף ציון די הויז פון אונזער לעבן... ולעלובת נפש תושיע ותשמח במהרה בימינו — און דער פאַרשעמטער אידישער נשמה זאָלסטו העלפן און אין גיכן דערפרייען איר אין אונזערע טעג — און כ׳האָב געקלערט, וואו נאָך אין דער גאַנצער וועלט געפינט זיך אַזאַ פאַרשעמטע און געפּייניקטע נשמה, וועלכע

קוקט אַרויס נאָך הילף און פרייד — ווי די אידישע נשמה אונטער דער האַס פון די קאַסיגינס, גראָמיקאָס און פעדאָרענקאָס, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט צו דער גאַנצער וועלט מיט זייערע ברוטאַלע, גיפטיקע פּאָגראָם רייד — ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען אויסן. ווען איך האָב פאַרגעזעצט הויך און מיט אַ רירנדער שטימע די ברכה „שמחנו, ה׳ אלקינו, באליהו הנביא עבדך ובמלכות בית דוד משיחיך במהרה יבא ויגל לבנו״ — דערפרייַ אונז ג־ט מיט אליהו הנביא דיין דינער און מיט דעם קעניגס־הויז פון דוד דיין געזאַלבטן — ער זאָל אין גיכן קומען און ברענגען פרייד צו אונזערע הערצער — האָב איך דערהערט ווי אַ כאָר פון קרעכצן און געוויין.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דאָס מאָל האָב איך מיינס אויסגעפּירט. מען האָט געמאַכט אַ „מי שברך״ די געזאַנדטע פון מדינת ישראל, וועלכע זענען געזעסן אין זייער אָפּגעזונדערטן און אָפּגעטיילטן פּלאַץ.

נאָכ׳ן מפטיר זענען אידן פון שול צו מיר צוגעקומען, און וואַרם געדרוקט מיין האַנט מיט די ווערטער: „מיר ווילן דעם מפטיר גאַנץ לאַנג געדענקען... מיר מוזן מצדיק זיין, באַרעכטיקן ג־ט׳ס דין אויפ׳ן רוסישן אידנטום — צדיק בכל הדורות... אייביק איז ער גערעכט.

מיט שרעק און גרויס ערנסטקייט איז דער עולם געשטאַנען ווען הרב לעווין האָט געזאָגט די תפילה פאַר דער סאָוועט רעגירונג, „דער צענטער פון שלום — פרידן אויף דער וועלט״ — ווען טאַנקען, עראָפּלאַנען, קאַנאָנען און „מיסילס״, — פאַר דעם קאָסטבאַרן פּרייז פון איבער צוויי ביליאָן דאָלאַר זענען צעשמעטערט געוואָרן און פאַרכאַפּט געוואָרן פון די ישראל העלדן אין עזה און דעם סיני האַלב־אינזל! — דער צענטער פון שלום אויף דער וועלט מיט אירע שטרייכערס און געבעלס׳עס פּאָגראָם אַגיטאַציעס אין „פּראַוודאַ״ און „איזוועסטיאַ״!

צום דריטן מאָל האָט הרב לעווין מיך אידל און פאַרזיכטיק געבעטן צו באַגרעניצן מיין דרשה פאַר מוסף צו אַן איינפאַכן פריינטליכן גרוס פון די אידן פון אַמעריקע צו די אידן פון רוסלאַנד, און גלייך איז ער צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער בימה און מיך פאַרגעשטעלט פאַר דער געפּאַקטער שוהל מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„איך וועל פאַר אייך איצט פאָרשטעלן אונזער׳ן אַן אייגענעם רוסישן אידן פון אַמעריקע, וועלכער וויל זיך נישט שיידן מיט זיינע ברידער אין רוסלאַנד. ער אינטערעסירט זיך מיט אונז און איז אַ טייל פון אונז. ער ברענגט

אונז אַ גרוס פון אונזערע ברידער אין אַמעריקאַ, הרב דר. ברוך אהרן פּופּקאַ, איז וויצע פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער מזרחי־הפועל המזרחי״.

איך און אַנדערע אין שוהל זענען פאַרוואונדערט געוואָרן, ווען דער מאָסקווער רב האָט דערמאָנט מזרחי — אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. גלייכצייטיק האָט הרב לעווין וואָרם דערמאָנט הסתדרות הרבנים פון אַמעריקע און אונזער דעלעגאַציע קיין רוסלאַנד מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס וויצע פּרעזידענט פון דער רבנ׳ישער אָרגאַניזאַציע.

איך האָב דעם מאָסקווער רב באַדאַנקט פאַר זיין גאַסטפריינדליכקייט און באַטאָנט, ווי ער איז באַוואוסט איבער דער גאַנצער אידישער וועלט פאַר זיין מסירת נפש און רבנ׳ישע שטאַטסמאַנשאַפט.

דאַן האָב איך פאָרגעזעצט: איך וויל נעמען די געלעגנהייט צו באַגריסן אייער רעגירונג, דעם ראַטן פאַרבאַנד צו דער געלעגנהייט פון איר 50־טן יובילעי. און אַזוי ווי איך באַגריס שוין אייער רעגירונג, וויל איך אויך באַגריסן נאָך אַ רעגירונג, מדינת ישראל, די וויכטיקסטע און היילקסטע דערשיינונג אין אידישן לעבן אין די לעצטע 2,000 יאָר, פייערט איצט איר 19־טן יאָר־טאָג.

ווי נאָר כ׳האָב אַרויסגערעדט די ווערטער מדינת ישראל — מלכות ישראל האָט זיך דערהערט אַ ספּאָנטאַנישער אויסגעשריי — סלאַווּאַ גאָסודאַרסטווע איזראַילאַ — לאַנג לעבן זאָל מדינת ישראל. אַנדערע פון עולם האָבן זיך אפילו אויפגעשטעלט און מיט הילכיקע אויסרופן.

פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ באַוועגונג און אַ מורמלעריי הינטער זיך אויף דער בימה. „וואַרפט אים אַרונטער, שטעלט אים אָפּ!״...

אָבער אַנדערע האָבן זיך פאַר מיר איינגעשטעלט און איך האָב פאָרגעזעצט מיין דרשה.

דעמאָנסטראַציע פאַר ישראל אין מאָסקווער שול

די צעטיילונג אין דער שול. — אידן וואָס גיסן פעך און שוועבל אויף דער אידישער מדינה.

די אָפּענע דעמאָנסטראַציע פאַר מדינת ישראל אין דער מאָסקווער שוהל האָט, דעם אמת געזאָגט, ביי מיר אַרויסגערופן זאָרג. דער עולם איז געווען צעטיילט. איך בין אָבער געווען אַנטשלאָסן צו זאָגן דאָס וואָס איך האָב געהאַט בדעה צו זאָגן.

איך האָב אָנגעפאַנגען מיט׳ן מאמר חז״ל „חותמי ברכות במקדש היו אומרים מן העולם ועד העולם להוציא מליבן של צדוקים שאמרו אין עולם אלא אחד״. די וועלכע האָבן געשלאָסן די תפילות און ברכות אין בית המקדש, פלעגן זאָגן „פון דער וועלט ביז דער אַנדערער וועלט״, כדי אָפּצולייקענען דעם גלויבן פון די אָפּנייגער, די צדוקים, וועלכע האָבן פאַרלייקנט עולם הבא, די צוקונפטיקע וועלט...

— טייערע רוסישע אידן — האָב איך געזאָגט — ווי שווער אַ לאַגע זאָל נישט זיין, טאָר אַ איד זיין האָפענונג ניט אויפגעבן. אַ איד לעבט נישט נאָר אין איין וועלט. פילע אַנדערע אידישע וועלטן האָט אונזער געשיכטע דורכגעמאַכט נאָך איידער אונזער דור איז אָנגעקומען, און נאָך פילע אַנדערע וועלטן וועלן אונז נאָכפאָלגן. מיר דאַרפן נישט זיין געפאַלן אָדער האָפנונגסלאָז. מיר טאָרן נישט דענקען, אַז ס׳פאַנגט זיך אָן מיט אונז און ס׳לאָזט זיך אויס מיט אונז...

די גרויסקייט און די מיסטישע דויערהאַפטיגקייט פון אונזער פאָלק באַשטייט, צווישן אַנדערן, אין אונזער נאַציאָנאַלער פעהיגקייט צו ליידן און האָבן געדולד דורכצומאַכן שווערע מאָמענטן.

ווען מען לעבט אין פילע וועלטן ווערט מען נישט פאַרניכטעט פון די שווערע באַדינגונגען און אומשטענדן פון איין וועלט.

דאָן האָב איך ציטירט אַ געדאַנק פון דעם ספר „אמרי יצחק״, פון הרב חיים יצחק פופקאָ, וועלכער איז באַזירט אויפן מדרש: „פעם אחת אמר לו עקילס לאדריינוס המלך רוצה אני להתגייר ולהעשות ישראל״ — עקילס האָט געזאָגט צום רוימישן קעניג אדריינוס: איך וויל זיך מגייר זיין און ווערן אַ איד.

„אמר לו, לאומה זו אתה מבקש, כמה בזיתי אותה, כמה הרגתי אותה, לירודה שבאומות אתה מבקש להתערב" — דער רוימישער קעניג האָט דאָן געזאָגט צו זיין פּלימעניק, דעם אָפּיצער אין דעם רוימישן לעגיאָן: דו האָסט אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרבינדן מיט דעם פאָלק און ווערן אַ איד? „כמה בזיתי אותה, כמה הרגתי אותה, לירודה שבאומות אתה מבקש להתערב" — וויפיל איך האָב דאָס אידישע פאָלק פאַרשעמט, וויפיל אידן איך האָב פאַרניכטעט, דערמאָרדעט, כדי עס צו רעדוצירן צו דעם נידעריקסטן פון די פעלקער — ווילסטו זיך איצט אין אים אַנשליסן? „מה ראית בהם שאתה רוצה להתגייר?" — וואָס האָסטו אין אידן געזען, אַז דו ווילסט זיך איצט מגייר זיין און ווערן אַ איד?

„אמר לו: הקטן שבהם יודע האיך ברא הקב"ה את העולם. מה נברא ביום ראשון ומה נברא ביום שני, וכמה יש משנברא העולם, ועל מה העולם עומד ותורתן אמת" — האָט עקילס געגעבן אַדריינוס'ן אַן אויפקלערונג פאַר זיין באַשלוס צו ווערן אַ איד ספּעציעל אין מאָמענט פון זייערע ליידן און דערנידעריגונג, ווייל, האָט ער געזאָגט, דער קלענסטער צווישן אידן ווייסט ווי אַזוי ג־ט האָט באַשאַפן די וועלט, וואָס עס איז באַשאַפן געוואָרן דעם ערשטן טאָג און וואָס דעם צווייטן; ווי לאַנג ס'איז זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און אויף וואָס די וועלט שטייט, און אַז די אידישע תורה איז אמת...

טייערע אידן פון מאָסקווע, האָב איך זיך צעוואַרעמט, אויב ג־ט האָט געקאָנט באַשאַפן אַ גאַנצע וועלט „יש מאין", עפּעס פון גאָרנישט, קאָן ער זיכער שאַפן און אויפבויען פון דאָס וואָס ס'איז נאָך ביי אייך פאַרבליבן, אַ גרויסע אידישע וועלט. נאָך פאַר'ן אָנקומען פון מענטש אויף דער וועלט זיינען באַשאַפן געוואָרן דער גיפטיקער שלאַנג, דער בלוטדורשטיקער לייב און דער מערדערליכער בער... דער מענטש, קומענדיק אויף דער וועלט נאָך די אַלע באַשעפענישן, האָט אויסגעקוקט קליין, שוואַך און הילפלאָז. דאָך האָט ג־ט אים געגעבן אַ ג־טליכע נשמה, מיט וועלכער ער האָט זיך געשטעלט קעגן די אַלע געפאַרן, וועלכע האָבן אויף אים געלויערט, און ער איז אַרויסגעקומען זיגבאַר. אויב אַ איד ווייסט ווי לאַנג די וועלט שטייט און ער פאַרשטייט די געזעצמעסיגקייט פון אונזער לאַנגער רעטזעלהאַפטיקער געשיכטע מיט אירע ווידערשפּרוכן און זיג־זאַגן, האָט ער גענוג מוט אויסצושטיין שוועריקייטן און האָפן אויף אַ בעסערן טאָג. אַ איד, וועלכער ווייסט אויף וואָס די וועלט שטייט — דין, אמת, שלום — גערעכטיקייט, וואַרהייט און פרידן, ווייס ער גאַנץ גוט דעם אונטערשיד צווישן ציטווייליקייט און צווישן אייביקייט.

און איך האָב פאַרענדיקט מיט אַ הילכיקן אויסגעשריי: „אתה אחד ושמך אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״ — ג־ט איז איינער, זיין נאָמען איז איינער און ווער איז נאָך ווי אונזער פאָלק, וואָס איז איינס — אַ גאַנץ פאָלק, אַ פאַראייניקט פאָלק, און קיין קראַפט אויף דער וועלט קאָן עס נישט אָפטיילן איינס פון אַנדערן.

מיט ריזיקע אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך דער גרויסער עולם אַ שטעל געטאָן אויף די פיס. אויף דער בימה איז געוואָרן אַ געפילדער און אַ טומל. איינער פון די „פירער״ האָט מיר אויסגערעדט מיט שטאַרקע ווערטער, און אפילו געסטראַשעט מיט אַרעסטירן מיך. אָבער די אידן פון שוהל זיינען צוגעלאָפן, געדריקט מיין האַנט און מיך געקושט, אויסרופנדיק: „רבי, איר האָט אונז ממש מחיה געווען... איר האָט אונז אויפגעלעבט... מיר וועלן קיינמאָל דעם שבת ניט פאַרגעסן... לאַנג זאָלט איר לעבן פאַר אינטערעסירן זיך מיט אונז... קומט וואָס אָפּטער און פאַרלענגערט אונזער עקזיסטענץ... פאַרלאָזט אונז נישט... נעמט מיך־מיט מיט אייך קיין אַמעריקע...

אידן האָבן געוויינט, אידן האָבן געקרעכצט. אַ באַוואוסטער איד פון אויסלאַנד האָט צו מיר געזאָגט: „דער שבת מיט אייער דרשה וועט פאַרצייכנט ווערן אין דער אידישער געשיכטע. צום ערשטן מאָל זיינען אין דער שול געהערט געוואָרן אַזעלכע רייד. איר אַליין קאָנט נישט באַגרייפן, וואָס איר האָט דאָ איצט אויפגעטאָן״.

הרב לעווין, מיט זיינע אידעלע, קלוגע אויגן און מיט זיין פאַטריאַרכאַלישן געזיכט האָט געקוקט אין זיין חומש, און ווען מיר האָבן זיךביידע אנידערגעזעצט איינער לעבן אַנדערן, האָט ער צו מיר געזאָגט: „הרב פופקאָ, איך האָב דערוואַרט אַז איר וועט עטוואָס זאָגן וועגן קריג אין וויעטנאַם און ווי אַזוי צו ברענגען שלום אויף דער וועלט. אונזער רעגירונג, דאַרפט איר וויסן, וועט אַלעס טאָן צו ברענגען אַ פולשטענדיקן שלום אויף דער וועלט״...

די גבאים קאַפּלאַן און מיכאַילאָוויטש זיינען שפּעטער געזעסן מיט אונז אַלעמען ביים טיש פון מאָסקווער רב און געגעסן די שבת׳דיקע סעודה. מיכאַי־לאָוויטש האָט געהאַלטן אין איין לויבן די סאָוועט־רעגירונג, דאָס רוסישע פאָלק און די גרויסע פאָרשריט פון קאָמוניזם. דאַן האָט ער גענומען קריטיקירן און ממש זידלען מדינת ישראל און איר באַציאונג צו די אַראַבער.

גוטמוטיק און פאַרזיכטיק האָב איך געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצוקלערן דעם אמת, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. ער האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן

שמוץ אויף דער מדינה און אירע פירער. מיין ענטפער האָט ער פון מיר געקראָגן מאָנטאָג ביי דער יום־העצמאות פייערונג אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע, וואו ער איז געווען צווישן די איינגעלאַדענע געסט.

ביים שלוש סעודות יענעם שבת אין בית המדרש זיינען מיר געזעסן ביים טיש, געטרונקען קוואַס און געגעסן קילקעס.

ר׳ ישראל נח דער שמש האָט געזונגען מיט גרויס געפיל „ברוך א־ל עליון אשר נתן מנוחה״ — געליבט איז דער איבערשטער וואָס האָט אונז געגעבן אַן אָפּרו... די שטראַלן פון דער זון האָבן געמאַכט פלאַץ פאַר דעם שאָטן פון דער נאַכט, ס׳האָבן זיך באַוויזן דורך דעם שמאָלן פענסטער פון בית המדרש די רויט־באַלויכטענע „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ״, דער רויטער שטערן, איבער דעם העכסטן טורעם פון קרעמלין. הרב לעווין האָט פאַרענדיקט זיין דבר תורה אויף דער ערשטער משנה אין צווייטן פרק פון פרקי אבות, וועלכע, צווישן אַנדערעס, לערנט דעם מענטשן ווי אַזוי זיך אויפצופירן אויף דער וועלט: „תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם״ — שיין פאַרן טוער, פאַר דעם מענטש וועלכער טוט די דאָזיקע מעשים און ס׳איז אים שיין פאַר מענטשן. און דאָ האָט הרב לעווין אונטערגעשטראָכן, ווי וויט אַ איד מוז זיך רעכנען מיט די געפילן און מיינונגען פון סתם־מענטשן, און ספּעציעל פון די יעניקע וועלכע טראָגן די זאָרג און פאַראַנטוואָרטליכקייט פון גאָסודאַרסטוואָ. ער האָט אויפגעפאָדערט די שוהל־אידן צו זיין געטריי און איבערגעגעבן צו דעם סאָוועטישן לאַנד און איר רעגירונג.

איך האָב באַטראַכט די אומעטיקע, אַנגעליטענע פּנים׳ער פון די אידן אַרום דעם גרויסן שלוש־סעודות טיש און די פילע אַנדערע, וועלכע האָבן אונז און דעם טיש אַרומגערינגלט. דער רב האָט מיך מכבד געווען מיט בענטשן. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט און זיך אויפגעהויבן פון טיש, איז צו מיר צוגעקומען אַ איד אַ תלמיד חכם, אַ געוועזענער תלמיד פון חפץ חיים׳ס ישיבה אין ראַדין, און האָט מיט אַ ציטערדיקער שטימע געזאָגט צו מיר: „גלויבט מיר, רבי, אַז מיר אַלע זיינען געטריי דער רעגירונג. מיר פאַרלעצן קיין זאַך נישט פון זייערע געזעצן. אונזערע קינדער זיינען זייערע בעסטע מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, אינזשענירן און דאָקטוירים, אָבער ס׳העלפט נישט, זיי האָבן אונז פיינט, זיי האַלטן אין איין פאַרדעכטיקן אונז און האַלטן אין איין אַריינזאָגן אונז וועגן מדינת ישראל. אַלס מענטשן לאָזן זיי אונז לעבן, כאָטש אונטער שווערערע באַדינגונגען ווי די אַנדערע. אָבער אַלס אידן ווילן זיי מאַכן אַ סוף צו אונז. איין מאָל, דאָ ביי אונז אין שוהל, האָט אַ איד ביי שלוש סעודות געבענטשט מיט

גרויס באַגייסטערונג, און ווען ס׳איז געקומען צו „ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו״ — בוי ירושלים די הייליקע שטאָט גיך אין אונזערע טעג, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט, האָט ער געמוזט וויינען פאַר דעם „פאַרברעכן״ איבער צוויי יאָר אין טורמע !״

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די רירנדע דערפאַרונג וואָס איך האָב געהאַט שבת פאַר מנחה, גייענדיק אַליין אין שוהל פון אונזער ראָסיאַ האָטעל. איך בין צוגעקומען צו אַ הויכן יונגערמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אויפ׳ן טראָטואַר און געוואַרט אויף עמיצן און געפרעגט אים וועגן אַ קורצן וועג צו דער שוהל אויף ארכיפאווא גאַס. כאָטש איך האָב גערעדט אין רוסיש, האָט ער מיר געענטפערט אין אידיש : „איך וויס ווער איר זייט, איך האָב אייך נעכטן אָונט געזען אין שוהל. מיין פרוי און מיין ניי־געבוירן קינד זיינען ב״ה אין דער מדינה. מיך ווילן זיי נישט אַרויסלאָזן, ווייל איך בין אַ „באַטשאַלניק״ פון דעם און דעם פאַך, און זיי זאָגן אַז זיי דאַרפן מיך דאָ אין לאַנד. איך בעט ביי זיי אַ דערלויבעניש צו זען מיין פרוי און קינד, אָבער ס׳העלפט קיין זאַך נישט. איך האָב שוין מער קיין געדולד ניט צו ליידן. איך בין איצט פאַרצווייפלט און איך אַליין וויים נישט וואָס דער מאָרגן וועט מיר ברענגען״. איך וועל לאַנג געדענקען דעם פיין און צאָרן אויף זיין פנים. ווען איך האָב אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל מיט מיר צוזאַמען גיין צו מנחה אין שוהל, האָט ער געזאָגט : „נישט שטענדיק איז ראַטזאַם פאַר אונזערע מענטשן אַריינצוגיין אין שוהל. ס׳איז בעסער וואָס ווייניקער מ׳וועט מיך דאָרט זען״.

ביי אַ פֿייערונג אין ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע

מיט אייגענע און פרעמדע ביי דער פייערונג פון יום העצמאות אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. — אַ באַגעגעניש מיטן פּראַוואָ־סלאַוונעם מעטראָפּאָליט.

איינע פון די וויכטיקסטע און אומפאַרגעסבאַרע דערפאַרונגען פון אונזער דריטן באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען אונזער אָנוועזנקייט ביי דער יום־העצמאות פייערונג אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע מאָנטאָג, ה׳ אייר, מאַי דעם 15טן, 2 אַזייגער בייטאָג. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך בייגעוואוינט אַזאַ קאָלירפולן, באַשיינפערליכן און פיינליכן קאָנטראַסט.

ווען אונזער אויטאָמאָביל איז אַריינגעפאָרן אויף באַלשאַיאַ אַרדינקאַ גאַס אויפ׳ן קוואַרטאַל וואו עס געפינט זיך די נייע אויסגעבויטע ישראל־



די זעלטענע בילד איז גענומען געוואָרן אין מאָסקווע, מאַי 15־טן, 1967, ה׳ אייר תשכ״ז, קעגנאיבער דער ישראל־אַמבאַסאַדע אויף באַלשאַיאַ גארינקא גאַס. די הונדערטער רוסישע אידן זיינען געקומען באַאַבאַכטן די פייערונג

אַמבאַסאַדע, איז די גאַס געווען איבערפילט אויף ביידע זייטן פון וועג מיט הונדערטער מענטשן און פיל פּאָליציי. אויפ'ן טראָטואַר קעגנאיבער דעם ברייטן טויער פון דער געזאַנדשאַפט זיינען געשטאַנען הונדערטער אידן, מענער, פרויען און יונגוואַרג. פּאָליציי האָט מיט אַ שטריק אָפּגעצאַמט די „ניט־פאַרבעטענע געסט". ריזיקע שוואַרצע אויטאָס, געטריבן פון שאָפערן, מיט זייערע קליינע נאַציאָנאַלע פאָנען, פלאַטערנדיק איבער זייערע פאָדער־דעכער, זענען דורך דער פּאָליציי אַריינגעלאָזט געוואָרן אין ברייטן טויער פון דעם אַמבאַסאַדע־הויף. אַן אָנגעשטעלטער פון דער געזאַנדטשאַפט האָט הויך אויסגערופן דעם נאָמען פון דעם לאַנד פון יעדן אַמבאַסאַדאָר, וועלכער האָט אַרויסגעשטיגן פון זיין אויטאָ און זיין שטימע האָט זיך ווייט געטראָגן דורכ'ן מיקראָפאָן, דורך וועלכן ער האָט גערופן: „פּאָסאָל וועליקאָי בריטאַני", „פּאָסאָל סאָיעדיניאָניך שטאַטאָוו אַמעריקי", „פּאָסאָל נאָרוועגי"... (דער אַמבאַסאַדאָר פון גרויס־בריטאַניע, דער אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דער אַמבאַסאַדאָר פון נאָרוועגיע). און ווען מיין פרוי און איך האָבן אַרויסגעשטיגן פון אונזער אויטאָמאָביל און די פּאָליציי האָט מיט פּראָטאָקאָל און העפליכקייט אונז סאַלוטירט, זענען מיר געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע, און געקוקט אויף

רעכטס צו לינקס: הרב ב. א. פּופּקאָ, דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד ל. טאָמפּסאָן, און הרבנית פּופּקאָ ביי דעם יום העצמאות־פייערונג אין מאָסקווע, 1967

אונזערע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער, וועלכע האָבן מיט בענקשאַפט, אומעט, שטאָלץ און פרייד אַרויסגעקוקט פון זייער פינסטערער וועלט אויף דער ליכטיקער וועלט פון מלכות־ישראל, וועלכע איז אין דעם מאָמענט געווען סיי נאָענט און סיי ווייט פון זיי. די געמישטע געפילן פון אַנגסט און שטאָלץ, פון פרייד און טרויער, האָבן זיך געראַנגלט אין מיין האַרץ און נשמה. אייניקע מענער און פרויען פון הינטער די שטריק האָבן אויסגערופן: „אַמעריקאַנער רב, נעמט אונז מיט מיט אייך, מיר ווילן טרינקען לחיים צוזאַמען מיט אונזערע ברידער און ווינטשן דער מדינה אריכת ימים און פיל מזל!" אַ צוויטער איד, שטייענדיק אונטער די ברייטע צווייגן פון אַ בוים, האָט אויסגערופן: „הרב פּופּקאַ, מיר האָבן געהערט אייער דרשה שבת אין שוהל, אָבער לא המדרש העיקר אלא המעשה! שבת האָבן מיר פון אייך געהערט וועגן דער פייערונג פון דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה און היינט, מאָנטאָג, ווילן מיר זיך מיט אייך אַלעמען צוזאַמען פרייען!..." סיי די טראַגיש־אויסדריקנדע אויגן און די מיסטישע בליקן פון די „אָפּגעצאַמטע" אידן און סיי די רייד פון אייניקע פון זיי האָבן מיך אַריינגעשליידערט אין אַ גייסטיקער פאַרלעגנהייט אָן איבערצוטרייבן. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פאַרפרוירענע סטאַטוע. איין שטימע האָט געשריען צו מיר: „גיי נישט, בלייב דאָ שטיין מיט דיינע עלענדע, אומגליקליכע ברידער; צייג אַרויס סאָלידאַריטעט מיט זייערע ליידן; בייג־איין דעם קאָפּ און אונטער די שטריק און ווער איינס מיט זיי, וועלכע קאָנען נאָר קוקן, האָפן און וועלן..." אַ צווייטע שטימע האָט געפאָדערט פון מיר צו דערמאָנען זיך ווי אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון מאָסקווע אין 1490, 1559, 1678, 1882, 1891, ווי שווער עס איז געווען פאַר אַ אידן איבערצונעכטיקן אַ נאַכט אין מאָסקווע אין די צאַרישע צייטן, ווי אין דער שטאָט מאָסקווע אין אונזער צייט האָט סטאַלין מיט זיין מערדערישער פּאָליצײ אויסגעמאָרדעט אידישע דאָקטוירים, דיכטער, קינסטלער, גענעראַלן און פיל אַנדערע אומשולדיקע אידן... די זעלבע שטימע האָט מיך דערמאָנט, ווי מיין זיידע, דער סאַראַטאָווער רב, הרב ר' יעקב משה ספּיר, און מיין פאָטער, דער וועליזשער רב, הרב ר' אליעזר פּופּקאַ, האָבן זיך אין דער שטאָט אויסבאַהאַלטן אין פינסטערע קעלערן, סיי אונטערן צאַר און סיי אונטער לעניבען און סטאַליבען... און איצט, אין דער זעלבער שטאָט, וועלכע האָט בייגעוואוינט אַזוי פיל אידישע ליידן, טרערן און דערנידערונגען, שטייט אַ נייע, פּראַכטפולע אידישע אַמבאַסאַדע, געבויט נישט לאַנג צוריק, אַ יאָר אָדער צוויי, אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַרימטן אַרכיטעקט פון תל־אביב! נישט אַריינגיין וואָלט געווען נוצלאָז, טאַקטלאָז און זעלבסט־פּייניגונג.

אַמבאַסאַדאָר כתריאל כץ און זיין פרוי האָבן אונז זייער וואַרעם באַגריסט, ווען מיר זענען אַרויף מיט די ברייטע, שיינע טרעפּ אויף דעם צווייטן שטאָק. דריקנדיק מיין האַנט האָט ער אַמבאַסאַדאָר געזאָגט צו מיר: „איר האָט געשאַפן געשיכטע שבת אין שוהל; אייערע עפנטליכע און מוטיקע רייד פון דערמוטיקונג און די וואַרעמע באַגריסונגצג צום יום־העצמאות וועלן לאַנג, לאַנג נישט פאַרגעסן ווערן".

די גרויסע צימערן זענען געווען איבערפילט מיט דיפּלאָמאַטן פון אַ סך לענדער. די אַזיאַטיש־אַפריקאַנער אַמבאַסאַדאָרן מיט זייערע פרויען און פליאַדעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע קאָלירפולע נאַציאָנאַלע קליידער. דער קרעמלין האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָפּוועזנהייט, און דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, טאָמפּסאָן, מיט זיין העפלעכקייט, גוטן רוסיש און שוויגן. יעדער איינער פון די אַמבאַסאַדאָרן, ספּעציעל פון די אומאַנטוויקלטע לענדער, האָבן גערעדט צו מיין פרוי און צו מיר מיט וואַרעמע ליב־געזאַנגען וועגן מדינת ישראל — איר פענאָמענאַלער פאָרשריט אויף אַלע געביטן, און ספּעציעל די הילף, וועלכע זי גיט, וויסנשאַפטליכע און טעכנאָלאָגישע, צו זייערע לענדער.

אַ דיפּלאָמאַט פון אַ באַוואוסט אַפריקאַנער לאַנד האָט מיר דערציילט וועגן זיין זון, וועלכער שטודירט איצט אין ירושלים׳ער אוניווערסיטעט און ווי צופרידן ער איז דאָרט מיט דער וואַרעמער באַהאַנדלונג, וועלכע ער קריגט דאָרט.

אַ צווייטער דיפּלאָמאַט פון אַפריקע האָט צו מיר שטילערהייט געזאָגט: „איך ווייס נישט ווען זיי האָבן דאָ אין מאָסקווע מער פיינט, איך אָדער אונז, מיט אונזער שוואַרצער קאָליר..."

איך אַליין האָב נישט איינמאָל געהערט פון בירגער אין „ראַסן־לאָזן מאַרקסיסטישן גן עדן" גאָר שאַרפע אויסדרוקן וועגן די אַפריקאַנער סטודענטן און באַזונדערס אין מאָסקווע, אויסדרוקן, וועלכע זענען ניט פּאַסיק געדרוקט צו ווערן אין אַ צייטונג...

ווען איך בין אַריין אין אַ צימער ביי דער זייט, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם מאָסקווער רב, הרב לעווין, מיכאַלאָוויטש׳ן, פאַלער׳ן, סטשערבערוצקי׳ן און אַנדערע טשלענעס, מיטגלידער פון דער „דוואַצאַדקע", וועלכע פירן־אָן מיט דער הויפּט־שוהל אין מאָסקווע און איניקע אָנפירער פון דער מאַרינאַ ראַסטשאַ און טשערקיזאָווער שוהל. מיר האָבן זיך וואַרם באַגריסט און צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער ישראל־געזאַנדטשאַפט געטרונקען לחיים און געוואונטשן מלכות ישראל און מדינת ישראל פרידן, זיכערקייט און עקאָנאָמישע אומהאָפּהענגיקייט.

אַ מאָסקווער איד פון אַ באַרימטער רוסיש־אידישער משפּחה איז צו מיר צוגעקומען און געזאָגט: „רבי, מיר גלייבט זיך נישט די גאַנצע מעשה. ס׳קוקט אויס ביי מיר, ווי אַ חלום... אַ מדינה — אַ מלוכה — אַן אַמבאַסאַדע — אַ פּייערונג — אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער: שווארצע, ברוינע, ווייסע, אַלע מחותנים אויף אַ אידישער שמחה... וואָס האָט דאָ מיט אַמאָל פּאַסירט... בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים — אַז ג־ט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון, זענען מיר געווען ווי אין חלום... דאָ שמאַכטן אידן אין סיביר און אין אַנדערע טורמעס און דאָ זאָגן מיר לחיים צו אַ אידישער מלוכה, און פאַרשטייער פון איבער 70 לענדער זענען געקומען צו טרינקען לחיים צוזאַמען מיט אונז — אַ רעוואָלוציאָנעלע גענעראַציע... פון דער זון... איך קאָן דאָס נישט באַגרייפן...״

צווישן די דיפּלאָמאַטן פון קאַמערון, קאָנגאָ, גאַבאָן, מאַדאַגאַסקאַר, נאַידזשיריע, טאָגאָ, מזרח און מערב איראָפּע האָבן געשוועבט ווי אין אַ

ביים יום העצמאות־פּייערונג אין מאָסקווע, 1967, אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע: הרב פּופּקאַ, הרב לעווין, ישראל־מיניסטער יגאל אלון, מיטגלידער פון דער „דוואַצאַדקע״ פון דער מאָסקווער הויפּט־שול און ר׳ ישראל נח דער שמש דער לעצטער צו לינקס

מיסטישן, ריטמישן טאַנץ די געשטאַלטן פון די רוסישע אידן. מיט געציילטע ווערטער און געשטיקטער פרייד און שטאָלץ האָבן זיי אויף אַ פּאָר שעה איבערגעריסן זייער אומעט, איינזאַמקייט און טיפן אַנגסט. אפילו דאָ אין דער אַמבאַסאַדע האָבן זיך געפונען די „אויערן און אויגן״ פון דער „נ. ק. וו. ד.״ אַ געוויסער דיפּלאָמאַט פון אייראָפּע האָט באַמערקט צו מיר: „אין דער אַלטער ישראל־אַמבאַסאַדע האָט מען נישט געקאָנט פריי רעדן; דאָ, אין דער נייער, קאָן מען אויך נישט דענקען!...״

נאָך דעם ווי איך האָב צוזאַמען מיט הרב לעווין אויסגעטוישט אַ לחיים־באַגריסונג מיט דעם מאָסקווער מעטראָפּאָליט ניקאָדים, וועלכער איז יונג, אַגרעסיוו און פיזיש אימפּאָזאַנט געבויט, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ראַווין פּופּקאָ, עטאָ מאָסקאָווסקאַיאַ עקומענאַ״ — דאָס איז די מאָסקווער עקומעניע און האָט אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענט צו מיר און צום מאָסקווער רב.

הרב ב. א. פּופּקאָ, הרב לעווין און מעטראָפּאָליט ניקאָדים ביי דער יום העצמאות־פייערונג

מיט אַ „פּראַטאָקאַל"־שמייכל האָב איך גלייך באַמערקט צו אים: „גאַספּאַדין מעטראַפּאָליט, איסטענאַיאַ עקומענאַ וו׳קלוטשאיעט סלאַווא אי אַקוטאַלנאַיע דעיאַטעלנאַסט" — הער מעטראַפּאָליט, אַן אויפריכטיקע עקומעניע מוז איינשליסן ווערטער מיט אַקטועלע מעשים". און כ׳האָב אים גלייך געפרעגט אין דער קעגנוואַרט פון דעם אַמעריקאַנער און ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, וויפיל סעמינאַרן און אַקאַדעמיעס אויסצולערנען זייערע גלחים עס געפינען זיך אין רוסלאַנד? ווען ער האָט אויסגערעכנט די באַדייטענדע צאָל פון די סעמינאַרן און אַקאַדעמיעס אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו און אַנדערע שטעט, די הויכע סטיפּענדיעס, וועלכע די סעמינאַריסטן קריגן, פיל העכער ווי די סטודענטן אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, און ער האָט דערביי באַמערקט וועגן די פּאַרצוויקטע אַקטיווי־טעטן פון דער קירכע׳ס דרוקעריי און אויך וועגן זייערע פאַרבינדונגען מיט זייערע גלויביקע אין אויסלאַנד — האָב איך אים גלייך געפרעגט, צי עס איז יושר׳דיק, אַז די אידישע מינדערהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָל זיין די איינציקע פון די אַלע אַנדערע 11 עטנישע גרופּן, און איבער הונדערט אַנדערע מינדער־הייטן נישט צו געניסן פון די רעליגיעזע רעכט, וועלכע די אַלע אַנדערע האָבן יאָ אין רוסלאַנד.

אויף אַ מאָמענט האָט ניקאָדים מפסיק געווען זיין טרינקען די וואָדקע פון דעם היפּשן גלאָז, וועלכעס האָט געהאַט מער ווי דעם הלכה שיעור פון אַ רביעית... און נאָך אַ מאָמענט פון קלערן, האָט ער געגעבן אַ גאַר „שאַרפזיניקן" ענטפער צו מיין פראַגע. „יעסלי מי זשעלאַיעם דאָסטאַט טשטאַ ניבוד ושיזן נאָם נוזשנאַ פּראָסיט אי פּראָסיט פּאָקאַ מי דאָסטאַנעם עטאַוואַ" — אויב מיר ווילן וואָס דערגרייכן אין לעבן דאַרפן מיר בעטן און בעטן ביז וואַנען מיר וועלן דאָס באַקומען.

מיין ענטפער צו ניקאָדים איז געווען: „מיר בעטן שוין פופציק יאָר און מיר קריגן גאָרנישט — אַמאָל אַ צוזאָג, וועלכער ווערט איבעראַל נישט דערפילט".

דער מעטראָפּאָליט האָט מיט זיין טייוולישן שמייכל, אַרונטערשלינגענדיק נאָך וואָדקאַ, געזאָגט צו מיר: „באָג אימעיט טערפּעניע" — ג־ט האָט געדולד און וואַרט אויף די זינדיקע, זיי זאָלן קומען ענדלעך צום אמת, מעגן מיר מענטשן אויך האָבן געדולד...

ווען דער מעטראפּאליט האָט אונז פאַרלאָזט, האָט אַ געוויסער דיפּלאָמאַט פון דער פריער וועלט געזאָגט צו מיר: ס׳איז שווער זיך צוזאַמענצורעדן מיט אַן איינפאַכן קאָמוניסט — אָבער ס׳איז נאָך שווערער זיך אויפצורעדן מיט אַ קלעריקאַלישן קאָמוניסט, מיט אַ באָרד, צלם און שוואַרצער פּאַלערינע..."

פנים אל פנים מיט אידישע מוסרים אין מאָסקווע

אומפאַרגעסלעכע סצענע ביי אַן אויפנאַמע אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. — יונגע אידן ריידן זיך אַראָפּ פון האַרצן.

פיל לעבעדיקייט און קאָליר צו דער יום העצמאות פייערונג אין דער ישראל אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע האָט צוגעגעבן דער ישראל מיניסטער יגאל אלון, וועלכער איז געקומען קיין סאָוועט רוסלאַנד מיט אַ גרויסער דעלעגאַציע צו דעם אַלוועלטליכן צוזאַמענפאָר פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ וואָך פריער אין לענינגראַד. נאָך אַ דעלעגאַציע פון ישראל איז געקומען צו דער אויסשטעלונג פון הויז־ווירטשאַפט אין מאָסקווע, וועלכע האָט זיך געעפנט אויף מאָרגן, דינסטאָג, דעם 16טן מאַי.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די וואולגאַרע און ברוטאַלע האַנדלונג פון קרעמלין ביי דער דערעפענונג פון דער עקספּאָזיציע. מיקאָיאַן, האַלטנדיק די דערעפענונגס רעדע אין נאָמען פון דער רעגירונג, האָט באַגריסט זעהר וואַרים די איבער 30 לענדער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסשטעלונג. מיט גרויס פאַראַד האָט ער דערמאָנט די אייניקע אַראַבישע לענדער, אָבער ער האָט אויסגעלאָזן מדינת ישראל און אפילו נישט דערמאָנט דעם נאָמען ישראל. די ישראל־פאַרשטייער זיינען געווען דערשיטערט פון דער אָפּענער בייזוויליקער פאַרלעצונג פון עלעמענטאַרער העפליכקייט צו אויסלענדישע געסט. מיר אַלע זיינען געווען שאָקירט פון מיקאָיאַנ׳ס גרויזאַמער האַנדלונג.

אַ לענגערער געשפּרעך מיט דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט מיך איבערצייגט אויף ווי וויט פילע פון אונז אונטערשאַצן די געפאַר פון דעם ברויזענדן וואולקאַן אויף וועלכן ס׳לעבן איבער 3 מיליאָן פון אונזערע ברידער. איינער פון די דיפּלאָמאַטן האָט צו מיר געזאָגט:

„די ישראל געזאַנדשאַפט מוז באַשטיין פון גרויסע העלדן, אויב זיי קאָנען פאַרטראָגן די פיינטשאַפט און דרוק, וואָס ווערט אויף זיי אויסגעאיבט טעגליך. זייער לאַגע דאָ אין מאָסקווע איז ממש פּאַטעטיש און אויך אומפאַרשטענדליך, אָבער דאָס איז דער פאַקט״.

און דאָס, דאַרף מען געדענקען, איז געווען פאַר די נייע געשעענישן אין און אַרום מדינת ישראל, וואָס האָט דערפירט צו דעם, אַז סאָוועט רוסלאַנד

זאָל אָפּברעכן אירע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט ישראל. די באַציאונגען צווישן מאָסקווע און ירושלים זיינען נאָך דעמאָלט געווען נאָרמאַל.

אהרן ווערגעליס האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַ אידישן אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי מיט דעם „לענין אָרדען״ פאַר אַרונטערשיסן צענדליקער נאַצי־עראָפּלאַנען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין אַלגעמיין איז ווערגעליס געווען אין אַ יום־טוב׳דיקער שטימונג: געלאַכט, געזאָגט לחיים און אויך גאַר פריינטליך זיך באַצויגן צום מאָסקווער רב און צו מיר. ער האָט פריוויליק איבערגע׳חזר׳ט אין קעגנוואַרט פון מאָסקווער רב און די פירער פון די מאָסקווער שולן זיין צוזאָג צו מיר וועגן דרוקן די 25,000 נייע סידורים.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן די ישראל־אַמבאַסאַדע אַרום פינף פאַרנאַכט, האָבן מיר געפונען נאָך אַ גרעסערן עולם פון אידן הינטער דעם שטריק, וועלכע האָט זיי אָפּגעצאַמט.

די פּאָליציי האָט שטרענג געהאַלטן אָרדענונג און האָט קיינעם אָן אַן איינלאַדונגס קאַרטע נישט אַריינגעלאָזן אין דער געזאַנדשאַפט.

פּלוצלינג, אומדערוואַרט, ווי נאָר מיר זיינען אַרויס פון אַמבאַסאַדע־הויף זיינען דריי יונגעלייט פון דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טראָטואַר הינטער דעם שטריק, צוגעלאָפן צו אונז און איינער פון זיי, אין אַ צעבראָכענעם אידיש, האָט געזאָגט צו מיר, אַז ער און זיינע פריינט זיינען שבת געווען אין שוהל און געהערט מיין דרשה. די יונגעלייט מיט אידעלע אידישע פּנימ׳ער, האָבן מיך און מיין פרוי ממש אַרומגערינגלט און מיט גרויס ערנסט און פאַרזיכטיקייט דערציילט ווי זיי לייגן תפילין, היטן אָפּ מצוות און האָפן צו קריגן אַ דערלויבעניש פון דער רעגירונג זיך צו פאַראייניקן מיט זייערע פאַמיליעס אין אויסלאַנד.

און דאָ מיט אַמאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט מיט׳ן פּנים הינטער מיר, האָב איך דערזען לעבן מיר דעם באַוואוסטן מסור פון דער מאָסקווער שוהל. דער טרויעריק־באַקאַנטער פאַרשוין האָט גלייך גענומען ריידן צו מיר:

„הרב פּופּקאַ, ס׳פּאַסט גאָרנישט פאַר אייך, אַז איר זאָלט זיך צוהערן צו די ליגנערס, וועלכע ווילן בכלל נישט זיין קיין רעליגיעזע אידן. ביי אונז אין סאָוועט רוסלאַנד איז פריי פאַר אַלעמען צו טאָן וואָס מען וויל און די יעניקע, וועלכע זאָגן, אַז מען שטערט און מען לאָזט נישט, זאָגן שקרים״...

אויפגערעקט האָבן די יונגעלייט באַטראַכט דעם מסור און איינער פון זיי מיט אַן אויפגעהויבענער שטימע, און קוקנדיק דעם מסור גלייך אין די אויגן, געזאָגט: „ווייסט איר דען ווער איך און מיינע פריינט זיינען? האָבן מיר

ווען מיט אייך זיך געטראָפן אָדער גערעדט? וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר צו זאָגן צום אַמעריקאַנער רב אַזעלכע רייד וועגן אונז. איר דאַרפט זיך שעמען מיט די ליגנס, וועלכע איר האָט דאָ איצט אַרויסגערעדט״.

דערווייל זיינען צוגעקומען נאָך צוויי „קאָלעגן״ פון דעם מסור, וועגן וועלכע ס׳ווערן דערציילט שווידערליכע מעשים, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן קעגן זייערע אייגענע פריינט.

ס׳איז שווער צו קוקן אויף די אָנגעליטענע און גייסטיק פאַרשמאַכטע פנים׳ער פון אונזערע ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער ס׳איז ממש שרעקליך זיך איינצוקוקן אויפ׳ן געזיכט פון אַ מסור. דאָס מאָל, סיי אונטער דעם איינדרוק פון די ערליכע, אויפריכטיקע און פיינליכע רייד פון די יונגעלייט און סיי צוליב דער אינפאָרמאַציע, וואָס איך האָב באַקומען וועגן די פינצטערע און טייוולשע אַקטיוויטעטן פון די מוסרים, האָב איך זיך נישט געקאָנט מער קאָנטראָלירן און אין קעגנוואַרט פון די יונגעלייט און נאָך אייניקע אידן, וועלכע זיינען צו אונז צוגעקומען, שטייענדיק נישט ווייט פון דער ישראל אַמבאַסאַדע אויפ׳ן טראָטואַר קעגנאיבער, האָב איך מיט אויפרעגונג געזאָגט צו די מוסרים:

„מיר, אידן, זיינען אַן אַלט פאָלק מיט אַ גוטן זכרון. מען לערנט אונז פון דער יוגנט צו געדענקען די נעמען פון די אבות, פון די נביאים און פון די אידישע מלכים, גיבורים, פון אונזערע תנאים, אמוראים, גאונים, גדולים א. א. וו. גלייכצייטיק לערנט מען אונז, אידן, נישט צו פאַרגעסן עמלק׳ן, המנ׳ען, פרעה׳ן, וועלכע האָבן געזוכט אומצוברענגען אונזער פאָלק. פון דעם לעצטן חורבן ווערן פאַרשריבן די פאַרשאָלטענע נעמען פון די נאַציס, וועלכע האָבן פאַרברענט 6 מיליאָן פון אונזערע אומשולדיקע און הילפסלאָזע ברידער. איך זאָג אייך אין קעגנוואַרט פון די טייערע אידן, אויב איר, מוסרים, וועט נישט אָפּשטעלן אייער שמוציקע און ברוטאַלע אַרבעט קעגן אונזערע ברידער, וועלן אייערע פינצטערע נעמען פאַראייביקט ווערן מיט שאַנדע, פאַראַכטונג אויף די בלעטער פון אונזער געשיכטע. איך שרעק זיך ניט פאַר אייך און איך וואָרן אייך און גלייכצייטיק אַפּעליר איך צו אייך אָפּצושטעלן אייער קאָלאַבאָראַציע מיט די, וועלכע זוכן אומצוברענגען און פאַרניכטן אידישקייט ביי אייך אין סאָוועט רוסלאַנד.

מיין פרוי איז געוואָרן בלאַס און געדריקט מיר מיט׳ן פוס אויפצוהערן ריידן מיט זיי. עס איז געוואָרן אַ טומל און די מוסרים זיינען אָפּגעטראָטן מיט גאַר גיכע טריט.

איינער פון די וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו מיר האָט באַמערקט:

„רבי, אויב דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס איר האָט געטאָן ביי אונז אין רוסלאַנד, איז דיינו, און געבענטשט זאָלט איר פאַר דעם זיין".

ס'איז איבעריק צו זאָגן וואָס פאַר אַ שלאָפלאָזע נאַכט עס האָט נאָכגעפאָלגט דעם אינצידענט. יעדער רויש ביים האָטעל צימער, יעדער קלאַפּ אין טיר און יעדער טעלעפאָן קלונג האָט פאַראורזאַכט אַ געפיל פון שרעק און געפאַר. אייניקע שטונדן שפּעטער אין מיטן נאַכט אַרום צוועלף אַזייגער האָט מיך באַזוכט מיינער אַ באַקאַנטער אין אונזער צימער. מיר האָבן אַריינגעלייקט אַ מתנה פאַר זיין פרוי אין זיין פאַרטפעל. ווען איך האָב אים באַגלייט צום עלעוויטאָר, איז אַזוי גיך ווי ער איז אַרונטער, גייט צו מיר צו דער נאַטשאַלניק פון אונזער שטאָק, וועלכער צוזאַמען מיט אַנדערע געפינען זיך 24 שעה אין מעת־לעת ביי זייער „אַרבעט", און פרעגט מיר:

„דיין גאַסט איז אַרויף צו דיר אָן גאַרנישט און ער איז אַרויס מיט אַן אָנגעפּילטן פאַרטפעל. זאָג מיר נאָר, וואָס איז דאָרט געלעגן?"

איך האָב גלייך געזאָגט דעם נאָמען און פאַרגעלייגט פעסטצושטעלן עס דורך בעטן מיין גאַסט עפענען דעם פאַרטפעל, ווייל מען האָט נאָך געקענט פאַרבינדן זיך מיט די אָנגעשטעלטע אין לאָבי פון האָטעל און בעטן זיי דעם



רעכטס צו לינקס: הרב ב. א. פּופּקאַ, הרבנית הינדא מאַטל פּופּקאַ און דער ישראל־מיניסטער יגאל אלון אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע ביים יום העצמאות־פייערונג, 1967

גאַסט אָפּצושטעלן. דער קאָמיסאַר האָט ציניש אַ שמייכל געטאָן צו מיר מיט דער גיפטיקער באַמערקונג: „געפינט זיך דען אימיצער אויף דער וועלט, וועלכער זאָל אייך קאָנען איינהיטן״?

ווען אברהם כהן, סעקרעטאַר פון דער ישראל אַמבאַסאַדע איז אונז געקומען באַזוכן, האָבן מיר אים באַגלייט צו זיין אויטאָמאָביל, וועלכער איז געשטאַנען ביי דעם הויפּט אַריינגאַנג פון „ראָסיאַ״ האָטעל. מיר האָבן מיט שטאָלץ באַטראַכט די דיפּלאָמאַטישע שילד פון דער מאַשין, וועלכער האָט געהאַט אַ בלוי־ווייסן מגן דוד. מיר האָבן מיט פרייד געקוקט אויפ׳ן מגן דוד און גלייכצייטיק געוואָרפן אַ בליק אויפ׳ן קרעמלין, וועלכער איז ממש קעגן דעם האָטעל „ראָסיאַ״. מיט ווייטאָג און באַדויער האָבן מיר גערעדט וועגן דער באַנייטער כוואַליע פון קעגנערשאַפט און פיינטשאַפט פון קרעמלין קעגן מדינת ישראל, זייער רייצן די אַראַבער און שיקן די ביליאָנען דאָלאַרן וואָפן צו זיי. איך האָב געקוקט אויפ׳ן ריזיקן מאַסיוון קרעמלין און אויף דעם קליינעם בלוי־ווייסן מגן דוד אויף דער שילד פון אויטאָמאָביל און כ׳האָב ביי זיך געקלערט וועגן דער געפאַר פון דעם נישט גלייכן פאַרמעסט און געראַנגל צווישן אַ מעכטיקן קרעמלין און אַ קליינינקן מגן דוד און זאָגנדיק צו זיך — דאָן איז גאָר קיינעם נאָך נישט איינגעפאַלן, אַז אין דריי וואָכן שפּעטער וועט אויך אברהם כהן דאַרפן פאַרלאָזן מאָסקווע צוזאַמען מיט דער גאַנצער ישראל אַמבאַסאַדע — און צו דעם טייערן געטרער חסיד און דיפּלאָמאַט אברהם כהן: „דער מגן דוד האָט אַ מיסטישן כוח מיט וועלכן ער האָט איבערגעלעבט מער מערדערליכע קעגנער ווי דעם קרעמלין, וועט ער האָפנטליך, אויך דעם קרעמלין אַריבערלעבן. אונזער גאַנצע געשיכטע איז אַ דערפאַרונג פון אַ נישט גלייכן פאַרמעסט פון ברוטאַלן כוח קעגן דעם קליינעם מגן דוד — און ענדליך זיגט דער מגן דוד. לאַנג נאָך דעם ווי דער קרעמלין וועט זיין אַ פאַרגעסענער מיראַזש וועט זיך באַוועגן אַ מגן דוד אויף די גאַסן פון מאָסקווע״.

אומצופרידנקייט פון דער סאָוועטישער יוגנט

וואָס עס זאָגן וועגן דעם די יוגנטלעכע אַליין. — וואָס מען קען לערנען וועגן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד פון דעם, וואָס מען זעט און מען הערט אויף מאָסקווער גאַסן.

אַ פיזיש געזונטער און גייסטיק נאָרמאַלער מענטש ציט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט צו זיך דורך זיינע באַוועגונגען, מאַניערן אָדער רייד. ער איז איינער פון דער קאָלעקטיווער געזעלשאַפט, און ער איז גאַנץ ענליך צו די אַרומיקע מענטשן, וועלכע רינגלען אים אַרום אין דעם טאָג־טעגליכן לעבן. קיינער שענקט נישט קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו זיינע מעשים.

אַנדערש, אָבער, איז אַן אַבנאָרמאַלער מענטש, וועלכער איז, דורך זיין גאַנצער אויפפירונג, אָפּגעזונדערט פון דער נאָרמאַלער וועלט. ער ווערט גרינטליך און פּאָרזיכטיק באַטראַכט, נישט בלויז פון דעם געניטן פּסיכיאַטער, נאָר אויך פון די יעניקע, וועלכע האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס אין אים.

דער טוריסט אין רוים איז צום מערסטן פאַראינטערעסירט אין דעם קאָליסעאום, אין דעם פאָרום ראָמאַנום, אין דער קונסט פון אַ בערניני, פון אַ מייקעל אַנדזשעלאָ. דער גאַסט אין פּאַריז שטעלט צופרידן זיין מענטשלעכע קוריאָזיטעט דורך באַטראַכטן די קונסט־ווערק אין דעם לואוור, דעם שימער און גלאַנץ פון די ווערסאַיער פּאַלאַצן און נאַפּאָלעאָנ׳ס דענקמאָל. דער גאַסט אין לאָנדאָן ווערט אַנטציקט מיט׳ן בריטישן מוזעאום, מיט דעם מאַרמאָרנעם טויער, אָדער אַפילו מיט דעם וויקטאָריאַ און אַלבערט מוזעאום.

גאַנץ אַנדערש איז סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע איז אַ וועלט פאַר זיך און אַנדערש אין אַ סך הינזיכטן פון אונזער וועלט. די אַנדערשקייט פון דעם ראַטן־פאַרבאַנד איז בולט דורך דער פרוי אין מאַנסבילישע אַרבעטס־קליידער, וועלכע שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ שווערן פּאַק מיט ציגל און זי קלעטערט מיט דער ריזיקער לאַסט אויף אַ לייטער ביז צום פערטן שטאָק פון אַ מויער, וואָס האַלט זיך אין בויען; אָדער דורך דער פרוי, וועלכע שטייט גאָר הויך אויף אַ רושטאָוואַניע און פאַרריכט מיט וואַפּנע די וואַנט פון אַן אַלטער געביידע; אָדער דורך דעם באַדינער אין אַ רעסטאָראַן, וועלכער וועגט אויף אַ וואָג די דריי שטיקלעך ברויט פאַר אייער פרישטיק, און ער רעכנט צוזאַמען וואָס

איר זענט אים שולדיק אויף אַן אַלטן פּרימיטיוון „שטשאַט", מיט ווייסע און שוואַרצע רעדלעך, אויף פאַרזשאַווערטע דראָטן; אָדער דורך דעם מיליציאָנער, מיט זיין אַלטן, אָפּגעריבענעם און אומגעלומפּערטן מונדיר, וועלכער בעט ביי אייך אַן אַמעריקאַנישן פּאַפּיראָס; אָדער דורך דער אַלטער גוי'ע אויף דעם נעווסקי פּראָספּעקט, וועלכע קערט די גאַס מיט אַ שוידערליכן בעזים, וועלכן איר קענט זען בלויז אין די טעאַטער־שפּילן פון אַ גאָגאָל אָדער פון אַ טשעכאָוו.

איר קענט, אָבער, אויך זען סאָוועט־רוסלאַנד דורך דעם ערנסטן און שלאַנקען קאָמיסאַר, וועלכער לויפט מיט אימפּעט פון זיין קאַנצעלאַריע צו זיין פאַמיליע, נאָך אַ טאָג פון מאַנאַטאָנישער און ביוראָקראַטישער שקלאַפעריי, און ער שטעלט זיך נעבן דעם לעצטן קונה אין אַ לאַנגן „אָטשערעד", כדי צו קויפן אַ האַלבע קילאָ האַלב־צעקוועטשטע פּאָמידאָרן; דורך דעם פּויער מיט דעם גרויסן זאַק אויף די פּלייצעס, וועלכער שטופּט זיך צווישן דעם געפּאַקטן עולם אין דעם „גום" דעפּאַרטמענט סטאָר, איינבייסנדיק פון צייט צו צייט אין דעם שטיק שוואַרצן ברויט אין זיין האַנט...

די זעלביקע אַנדערשקייט פון דעם קאָמוניסטישן „גן עדן" קען מען אויך דערקענען אין יעדן וואָרט, אין אין יעדער באַוועגונג, אין דעם אויסדרוק פון די פּנים'ער פון אונזערע פאַרשטומטע און צעשראָקענע אידישע ברידער און שוועסטער אויף די גאַסן פון מאָסקווע, פון לענינגראַד, פון קיעוו, אָדער פון כאַרקאָוו. איר דערקענט דאָס אין דעם טיפן אומעט און פּיין, אין דער רעזיגנאַציע ווי פון פאַראורטיילטע מענטשן, אין זייער בליק, אין זייער תנועה, און אין דעם אָפּט איבערגע'חזר'טן און כאַראַקטעריסטישן זאָג:

„נו, ווסיאָ בודיעט כאַראָשאָ אי וו'פּאַריאַדקע. אַ טעפּיער נוזשנאָ טערפּיט אי סטראַדאַט..." (אַלץ וועט אַמאָל זיין גוט און אין אָרדענונג, אָבער איצטער דאַרפן מיר האָבן געדולד און ליידן...)

דער קאָנטראַסט צווישן די הויכע, באַגילדעטע טורמעס פון דעם קרעמלין, די אימפּאָזאַנטע מויערן פון דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט און פון דעם נייעם האָטעל „ראָסיאַ", די לוקסוסדיק אויסגעפּוצטע סטאַנציעס פון דער מאָסקווער און לענינגראַדער מעטראָ און די אויסדרוקלאָזע, מאַרטירערישע פּנים'ער פון די רוסישע אידן איז אַזוי גרויס, ווי עס איז דער אונטערשייד צווישן ניקאָלאַי פעדאָרענקאָ'ס בעסטיאַלישער גרויזאַמקייט און אבא איבענ'ס אַריסטאָקראַטישער שטאַטסמענערישקייט.

און וויל סיי די פּאָליטישע און סיי די סאָציאַלע פּאַנאָראַמע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אייגנאַרטיק און אַנדערש ווי אין דער אָפענער און פרייער געזעלשאַפט

פון אונזער וועלט, איז דאָך גאַנץ לאָגיש און נאַטירליך פאַר דעם טוריסט צו קוקן מיט אָפענע און נייגעריקע און אַנאַליטישע אויגן אויף אַלץ און אַלעמען, אויף יעדן פּרט און אויף יעדן כלל, אויף יעדער באַוועגונג און אויף יעדער דערשיינונג.

פון דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן צוגעשטעלט אונזערע פּאַספּאָרטן און בילעטן צו דעם סאָוועטישן „עראָפלאָט" באַאַמטן, אין העלסינקי, פינלאַנד, ביז מיר זענען אַרונטערגעשטיגן, אויף אונזער וועג פון סאָוועט־רוסלאַנד, פון דעם סאָוועטישן עראָפּלאַן אין עסטרייכ׳ס הויפּט־שטאָט, אין ווין, האָבן מיר ממש איינגעזאַפּט אין זיך יעדע דערפאַרונג, רעקאָרדירט יעדעס געשפּרעך, פאַרצייכנט יעדן איינדרוק, און מיר האָבן געזוכט און געשאַפן געלעגנהייטן צו זען און צו הערן, ווייל מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז יעדער סימפּטאָם, גרויס אָדער קליין, קען העלפן אונז בעסער אָפּצושאַצן די לאַגע פון אונזער „פּאַציענט" הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג.

דער טעקסי דראַייווער, וועלכער האָט אונז צוגעפירט צו דער לענין־ביבליאָטעק אין מאָסקווע, האָט זעהר העפליך פאָרגעשלאָגן אונז, אַז ער וועט וואַרטן ביז מיר וועלן האָבן דערליידיקט דאָס, וואָס מיר דאַרפן דערליידיקן, און דערנאָך וועט ער אונז צוריקפירן צו דעם האָטעל „ראָסיאַ", וואו מיר זענען איינגעשטאַנען. און ער האָט געהאַלטן וואָרט. אין אַרום אַ שטונדע שפּעטער האָבן מיר אים געטראָפן ביי דעם הויפּט־אַריינגאַנג צו דער ביבליאָטעק. דער טאַקסימעטער האָט דערוויל געהאַט אָפּגעקלאַפּט איבער זיבן רובל. אָבער דער שאָפער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט, וואָס ער האָט זיך געהאַט ערלעך פאַרדינט. מיינע אַלע פאַרזוכן צו באַצאָלן אים וואָס עס איז געקומען, האָבן נישט געהאָלפן.

אָבער מיט דעם האָט עס זיך נישט געענדיקט. ווען מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער אונז פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט קומען נאָך אונז אין וואָסער שעה מיר וועלן אים דאַרפן, און אַז ער וועט אונז פירן וואו נאָר מיר וועלן דאַרפן פאָרן.

און ווידער, צו אונזער גרויס וואונדער, אין אַרום דריי שטונדן שפּעטער, האָט ער שוין געוואַרט אויף אונז ביי דעם האָטעל „ראָסיאַ", און ער האָט אונז געפירט וואו מיר האָבן געדאַרפט פאָרן.

פאָרנדיק, האָט דער טעקסי שאָפער גענומען זיך אָראָפּריידן פון האַרצן. ער האָט גערעדט וועגן דער אַלגעמיינער אומצופרידנקייט פון דעם יונגען דור,

פון וועלכן ער אַליין איז אַ טייל, מיט דער רעגירונג און מיט דער סאָוועטישער געזעלשאַפט. ער האָט גערעדט וועגן דער פוסטקייט, עלנטקייט און וועגן דער מאָנאָטאָנישקייט פון דעם גאַנצן קאָמוניסטישן לעבן.

„איך דאַרף אייך נאָך צוזאָלן פאַר פאָרן מיט מיר, וואָרים צו אייך, אויסלענדער, קען איך פריי ריידן. מיר, די יוגנטלעכע, זיינען מיד פון די שלאַג־ווערטער, פון די פּאַראַדן, פון דער פּראָפּאַגאַנדע און פון דער שטרענגער פּאָליצייאישער אויפזיכט. מיר ווילן עפּעס געניסן פון דעם לעבן, פונקט אַזוי ווי אייער יוגנט, אין אַמעריקע...״ — האָט צו אונז גערעדט דער טעקסי־שאָפער און געקוקט אויף אונז מיט טיף־פילנדיקע און אומעטיקע אויגן, און זיינע רייד האָבן געהאַט עפּעס אַ מיסטישן קלאַנג, ווען ער האָט פאַרגעזעצט פאַר אונז זיין „ווידוי״.

פון צייט צו צייט האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרלוירענעם גייסט, וועלכער שוועבט אויסער זיין וועלט און זוכט אַ היים פאַר זיין בלאָנדזשענדיקער נשמה.

מיין פרוי און איך זענען זעהר גערירט געוועזן, קוקנדיק אויף זיינע מיט טרערן פייכטע אויגן, אויף דעם פּיינליכן טרויער אויף זיין פּנים.

ער האָט אונז געזאָגט, אַז ער איז אַ טעקסי טרייבער בייטאָג און אין אָונט שטודירט ער אין דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. דער דאָזיקער סאָוועטישער יונגערמאַן האָט גערעדט און גערעדט וועגן דעם אומגליק פון זיין דור, וואָס וואַקסט אויף אין דעם שאָטן פון דעם קרעמלין.

ביים געזעגנען זיך מיט אים האָב איך אַרויסגענומען מיין „באָל פּאָינט״ בליישטיפט און אים געבעטן צו נעמען פון מיר די „רוטשקאַ״, ווי זיי רופן דאָס, ווי אַ באַשיידענע מתּנה. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די קליינע מתּנה, צוגעבנדיק:

„איך קום אייך אַ סך מער, ווי איר קומט מיר״.

און ער מיט זיין טעקסי זענען ווי אַנטרונען געוואָרן פון אונז אין דעם נעפּל פון דער מאָסקווער נאַכט...

ביי אַ בלאַט גמרא אין מאָסקווער שול

לומדישע אידן אין מאָסקער שול פֿאַרטאָן אין לערנען. — אַ רוסישער איד, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ חיבור וועגן „נתוח מתים" (פּאַלמעסן טויטע קערפּערס) אין מדינת ישראל.

צו זיין אין מאָסקווע און ניט באַזוכן די דאָרטיקע גרויסע ביבליאָטעק, וואָלט געמיינט אויסמידן אַ מעגליכקייט פֿאַר אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפֿטן. אין יעדנפֿאַל האָט מיך שטאַרק געצויגן אין דער ביבליאָטעק מיט איר אימפּאָזאַנטער געביידע און קאָלירפֿולן עולם, וואָס קומט דאָרט לייענען.

דער גרויסער לייען־זאַל איז געווען פֿול מיט לייענער וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן פֿאַרטאָן אין זייער לייען־מאַטעריאַל. די סטאַטועס פֿון לענינ׳ען, לאָמאָנאָסאָוו׳ן און דזשערזשינסקי׳ן האָבן פֿאַטערליך געקוקט אויף די מאָסקווער תושבים, וואָס זיינען געווען פֿאַרטאָן אין לייענען.

אין דער „דרעוונע־יעווריסקאַיאַ סעקציאַ" פֿון דער ביבליאָטעק, האָבן מיר געטראָפֿן אַ אידן, אַ חסיד; הויך געבילדעט און אַ שפּראַכן קענער.

הויך און מאַיעסטעטיש אין זיין אויסערליכן אויסזען האָט זיך אין זיינע רייד אָנטפּלעקט סיי חכמה און סיי וויסנשאַפֿט.

ער האָט מיר געוויזן די טויזנטער קאַטאַלאָג־קאַרטן פֿון די אידישע ספרים, די באַראָן גינזבורג ביבליאָטעק, וואַרפֿנדיק פֿון צייט־צו־צייט אַ בליק אויף דער ביבליאָטעקאַרשע ביים אַריינגאַנג פֿון לאַנגן צימער.

ער האָט אונז דערציילט וועגן זיינע באַזוכן אין דער ביבליאָטעק און וועגן די גרויסע אידישע אוצרות, וואָס געפֿינען זיך דאָרט.

„איר פֿרעגט ביי מיר וועגן דער אידישער לאַגע — האָט ער געענטפֿערט אויף מיינער אַ פֿראַגע — וואָס קען איך אייך זאָגן, וואָס איר ווייסט שוין אַליין נישט? איך האָב אַ הויך געבילדעטן בן יחיד, אַ גרויסער קענער אויפ׳ן טעכנאָלאָגישן געביט. ער פֿאַרנעמט אַ פֿאַראַנטוואָרטליכע שטעלע.

— „האָט איר נעכטן געלעזן אין ציַיטונג — האָט ער פֿאַרגעזעצט — די אידישע נעמען צווישן די געווינער פֿון דעם לענין־פּרייז? אַזוי פֿיל פֿיזיקער, כעמיקער, אינזשענירן און מאַטעמאַטיקער.

„אָבער איר האָט באַמערקט גאָר ווייניק פּאָליטיקער, סאָציאָלאָגן און אַז. וו. ווייסט איר די אורזאַך פֿון דעם? זיי געטרויען אונז נאָר אַלס טעכניקער, אָבער נישט אַלס גייסטיקע און פּאָליטישע פֿירער.

„זיי האָבן איבערגעקערט יעקב אבינו׳ס כאַראַקטער אַנאַליזע פון אונזער פאָלק. ביז איצט האָט די וועלט געוואוסט, אַז „הקול קול יעקב והידים ידי עשו" — יעקב איז געווען דער וואָרטזאָגער, דער נביא, דער פילאָזאָף, דער אידעאָלאָג און טעאָרעטיקער און עשו — דער פאַך־מייסטער מיט די הענט — סיי אין לאַנד־ווירטשאַפט, סיי אין טעכניק.

„דער קרעמלין האָט געשאַפן אַ נייעם פסוק: „הידים ידי יעקב והקול קול עשו" — מיט אַמאָל איז גאָר עשו געוואָרן דער דענקער און דער דיפּלאָמאַט. איוואַן איז געוואָרן דער אַמבאַסאַדאָר און דער קולטור־מיניסטער, און יעקב פּלאַנירט אַ נייעם שאָסיי און בויט אַ נייע אייזן באַן־ליניע.

„האָט איר ווען באַטראַכט די אומגליקליכע דערשיינונג אין דעם פינסטערן שיקזאַל פון רוסישן אידנטום ?"

און אַט דעם וואונדער־טייערן אידן האָבן מיר אַ טאָג שפּעטער באַמערקט צווישן די הונדערטער אידן, וועלכע זיינען געקומען בייוואוינען די יום־העצמאות־פייערונג לעבן דער ישראל־אַמבאַסאַדע אויף באָלשאָיאַ אָרדינקאַ גאַס.

צוזאַמען מיט די אַנדערע הונדערטער אידן איז ער געשטאַנען הינטער דעם גראָבן שטריק, וועלכן די פּאָליציי האָט פאַרצויגן בישט דורכצולאָזן זיי אין הויף פון דער אַמבאַסאַדע.

ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט צו באַגריסן אים מיט אַ וואַרימען שלום עליכם, האָט ער מיט פרייד אַריינגעשושקעט צו מיר אין אויער: „רבי, דאָ איז נאָך פאַרבליבן דער קול פון יעקב׳ן — גאַרנישט געענדערט — די פּאָליציי, דאָס איז די ידי עשו".

מאָנטאָג פרי, אַרום צען אַזייגער, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער מאָסקווער שוהל, האָב איך ביים לאַנגן טיש, נאָענט צו דער טיר געטראָפן אַרום 16 אידן ביי אַ בלאַט גמרא. אַ תלמיד חכם אַ געוועזענער תלמיד אין ראַדינער און טעלזער ישיבות האָט מייסטערהאַפט געזאָגט דעם בלאַט אין בבא מציעא, פּרק „איזהו נשך".

די אַלע מיטלערנער זיינען געווען עלטערע אידן, אין די זיבעציקער און אַכציקער. אויף זייערע פּנים׳ער איז געווען אַ געמישעכץ פון אַדעלקייט און זאָרג. זיי האָבן מיך געבעטן זאָגן אַ דבר תורה און איך האָב פאַר זיי איבער־געזאָגט תורה ווערטער פון ווילנער גאון, פון דעם בעל התניא און פון חפץ חיים.

הרב לעווין איז באַלד אויך צוגעקומען צום טיש און ריידנדיק אין לערנען, איז פון זיין געזיכט פאַרשוואונדן געוואָרן, צייטווייליק, די שטענדיקע זאָרג און אומעט וועלכע ליגט אויף זיין פּנים.

פלוצלינג זיינען אָנגעקומען צוויי אויסלענדישע טוריסטן מיט זייערע

קאַמערע־געצייג און האָבן געוואָלט נעמען אַ בילד פון דער חברה ש״ס מיט די אָפענע גמרא׳ס. גלייך, נישט וואַרטנדיק קיין מינוט, האָט איינער פון די אידן געגעבן אַ פּאַטש אין טיש און געזאָגט: „אידן פאַרמאַכט די גמרא׳ס, לאָזט זיך ניט פאָטאָגראַפירן פון די ניט־פילנדיקע אויסלענדער. ווען מען גייען זיי דאָ אָפּנאַרן מיט די בילדער? אַ פּאָר אַלטע אידן, וועלכע שטייען שוין מיט איין פוס אין קבר, לערנען — אָבער וואו זיינען די איבעריקע, וואו זיינען אונזערע קינדער? ווען מען גייט איר פאַרבלענדן די אויגן? ווען מען גייט איר נאַרן? מיר גייען אונטער און מיר ווערן אָפּגעווישט און איר ווילט דערציילן דער וועלט באָבע־מעשיות, ווי אידן זיצן נאָך און לערנען. טראָגט זיך אָפּ מיט אייערע פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטן און נאַרט נישט די וועלט״.

צעשראָקענע און פאַרשעמטע האָבן די „פאָטאָגראַפּטשיקעס״ אָפּגעטראָגן זיך פון חברה ש״ס־טיש און מיר האָבן פאַרגעזעצט אונזער ריידן — אין לערנען — פאַר איבער צוויי שטונדן. ווען איך בין שוין געווען אויפ׳ן גאַס האָב איך דערהערט גיכע טריט הינטער זיך. ווען איך האָב זיך אומגעקערט, האָב איך דערזען אַן עלטערן אידן, וועלכער האָט שווער געאָטעמט אין זיין פאַרזוך מיך צו דעריאָגן. מיר זיינען צוגעגאַנגען צום טויער פון אַ אַלטן פאַרלאָזענעם הויף און דאָן האָט דער איד אַרויסגעצויגן פון אַ צעקנייטשטן קאָנווערט אַ טעטראַדקע — אַ נאָטיץ־בוך פון איבער 100 זייטן, אויף וועלכער ער האָט אָנגעשריבן אַ תשובה וועגן ניתוח מתים — אַ פראַגע, וועלכע איז אַן ערנסטער פּראָבלעם אין מדינת ישראל.

ער האָט מיר געבעטן דורכצוגיין דעם מאַנוסקריפּט און אומקערן דאָס צו אים אויף מאָרגן. שפּעט אין דער נאַכט, זיצנדיק ביים פענסטער פון מיין האָטעל־צימער, וועמעס פענסטער קוקט ממש אַרויס אויף דעם קרעמלין, האָב איך דורכגעקוקט דעם אידנ׳ס תשובה, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן סיי גרויס וויסן און סיי אַ לאָגישן אַנאַליטישן צוגאַנג. ער האָט ציטירט פילע קוואַלן פון תלמוד, ראשונים און אחרונים און האָט מייסטערהאַפט זיך אָריענטירט אין די קאָמפּליצירטע און פאַרצווייקטע לאַבירינטן פון דער הלכה. אויף מאָרגן, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווען ס׳וואָלט ניט געווען קעגן די געזעצן פון אונזער גאָסודאַרסטווע, וואָלט איך אייך געבעטן איבערגעבן דעם מאַנוסקריפּט צו דרוקן — אָבער מיר היטן שטרענג אָפּ די געזעצן פון אונזער רעגירונג...״ ווען איך האָב באַמערקט צו אים, אַז אין גלות האָבן מיר אַ פּראָבלעם, ווי אַזוי צו לעבן און אין דער מדינה, ווי אַזוי צו שטאַרבן, האָט ער געענטפערט: „ביי אונז אין רוסלאַנד איז נישט מען לאָזט לעבן און נישט מען לאָזט שטאַרבן״...

באַגעגענישן מיט אידן אין כאַרקאָוו

שמועסן מיט אידן אין גאַס און אין זייערע היימען. — לעצטע שול געשלאָסן אין כאַרקאָוו. — אידן דאַוונען אין אַ פּריוואַטער שטוב.

כאַרקאָוו, די פערטע גרעסטע שטאָט אין סאָוועט־רוסלאַנד, און די געוועזענע הויפּטשטאָט פון אוקראַינע ביז 1934, האָט געהאַט אַ אידישע באַפעלקערונג פון איבער 150,000 פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה. דער נאַצי־גענעראַל העלדאָרף, וועלכער האָט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען קעגן אידן אין בערלין, האַמבורג און אַנדערע שטעט, איז געוואָרן דער נאַצי־קאָמיסאַר פון כאַרקאָוו דורך דער דייטשער אָקופּאַציע. איבער 60 פּראָצענט פון כאַרקאָוו איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס. אַ הקדמה אָדער אַ פאָרוואָרט צו אונזער באַזוך אין כאַרקאָוו האָבן מיר באַקומען אין דעם עראָפּלאַן, וועלכער האָט אונז געפירט פון מאָסקווע קיין כאַרקאָוו.

עס איז געווען זייער אַ הייסער און שטיקנדיקער טאָג און די באַקוועמלעכ־קייט אין דעם סאָוועטישן עראָפּלאַן איז געווען זעהר שטאַרק היגטערשטעליק צו די אַמעריקאַנער סטאַנדאַרטן. אונזערע ציווילע און מיליטערישע מיט־רייזנדע האָבן מיט נייגעריקייט באַטראַכט מיין יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ און בכלל אונזערע אַמעריקאַנער מלבושים.

קעגנאיבער אונז איז געזעסן אַ מאַן אין די זעכציקער, גאַנץ באַשיידן געקליידט. ווען איך האָב פאַרענדיקט דורכצוקוקן די ציישונג „איזוועסטיאַ", האָב איך זי אים אָנגעבאָטן מיט אַ שמייכל, און גאַנץ שטילערהייד האָט ער צו מיר געזאָגט אין רוסיש: „וו'איזוועסטיאַי ניעט פּראַוודי, אַ וו'פּראַוודי ניעט איזוועסטיאַי" — אין „איזוועסטיאַ" איז נישטאָ קיין אמת (פּראַוודאַ) און אין דער „פּראַוודאַ" איז נישטאָ קיין נייעס (איזוויעסטיאַ).

אמת, איך האָב דעם פּאָפּולערן וויץ שוין אייניקע מאָל פריער געהערט אין רוים, לאָנדאָן און פּאַריז, אָבער פליענדיק דאַמאָלט איבער'ן סאָוועטישן „גן עדן" האָט דער וויץ געהאַט גאָר אַן אַנדערן און מערווירקליכן באַדייט. ספּעציעל איצט, ווען ס'ליגן פאַר מיר אויף מיין שרייב־טיש די „איזוויעסטיאַ" מיט דער „פּראַוודאַ" מיט זייערע בייזוויליקע שקרים, בלבולים און גיפטיקע פּ אָ ג ר אָ ם אַגיטאַציע קעגן מדינת ישראל — אַן אַגיטאַציע וועלכע האָט נישט קיין פּאַ־ראַלעל אין דער 50־יאָריקער געשיכטע פון סאָוועט רוסלאַנד, — ערשט איצט פאַרשטיי איך גרינטליכער דעם טרויעריקן אמת פון דעם וויץ.

מיין ערֶאפּלאַן מיט־פּאַסאַזשיר האָט פּלוצלינג זיך אַרומגעקוקט און פאַרזיכטיק באַטראַכט די לאַגע אַרום זיך און געזאָגט צו מיר: „לאָמיר בעסער רעדן אין אידיש, אָבער, איך בעט אייך, וואָס שטילער. איר פאַרט אומזיסט צו אונז קיין קראָקאָוו. איר וועט דאָרט גאָרנישט געפינען. זיי האָבן פאַרמאַכט די לעצטע אין די איינציקע שוהל. בלויז איינציקע אידן וויסן ווער דער רב איז, ווייל ער באַהאַלט זיך אויס פון דער עפנטליכקייט. אַ דאַנק דעם פאַקט וואָס ער איז אַ רב באַהאַלטנערהייט האָבן מיר אַ מנין אין אַ פּריוואַטן הויז אין אַ געוויסן טייל פון שטאָט. אַ גאַר שוואַכער פונק פון אידישקייט איז נאָך ביי אונז פאַרבליבן. דער גאַנצער באָדן פון אוקראַינע איינשליסנדיק אונזער קראָקאָוו, איז דורכגעוויקט מיט אידיש בלוט. אידישע שרעק און פּייניקשאַפט צו אונז. מיר האָבן געהאַט מער מצה דעם יאָר, אָבער אַנדערע פון אונז האָבן גאָר טייער באַצאָלט ווען מען האָט זיי געכאַפּט באַקנדיק מצה אין הויז. אונזער גרעסטע טרייסט איז אונזער האָפנונג, אַז איר, אידן פון אַנדערע לענדער, וועלן פאַרזעצן דאָס וואָס ביי אונז גייט אונטער.

„ס'איז זעהר טרויעריק ווען אַ מענטש איז פאַראורטיילט צו ליידן, שווייגן און שרעקן זיך, אָן אַ האָפנונג אויף אַ בעסערן פרימאָרגן“.

איך האָב געהערט ענליכע רייד פון אידן אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו און טיפליס, אָבער זעלטן ווען אַזוינע רייד האָבן אַזוי פּיינליך געשניטן מיין האַרץ ווי די רייד פון דעם אידן אין ערֶאפּלאַן.

זיינע קלוגע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל ליידן און ווייטאָג, אַזוי פיל פאַרצווייפלונג און האָפנונגסלאָזיקייט! צום באַדויערן האָט זיין הקדמה געשטימט מיט אונזער דערפאַרונג אין קראָקאָוו גופא.

אויפ'ן וועג פון לופט־פעלד צום האָטעל האָט די פאַרשטייערין פון אינטוריסט געהאַלטן אין איין לויבן און באַזינגען דעם גרויסן פאַרשריט וועלכן קראָקאָוו האָט געמאַכט זינט דער צווייטער וועלט מלחמה.

מיט שטאָלץ האָט זי גערעדט וועגן דעם גאָרקי אוניווערסיטעט און די אַנדערע 19 אַקאַדעמישע און טעכנישע אינסטיטוטן פון דער שטאָט, וועגן די נייע פּאַוולאָוו אַפּאַרטמענט הייזער, דעם פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער, די 800 וויסנשאַפטליכע און קינדערשע ביבליאָטעקן און אַזוי ווייטער.

ווען איך האָב איר געבעטן זי זאָל אונז צופירן ווייזן די „יעווריעיסקאַיאַ סינאַגאָגאַ“ האָט זי גענומען אויף אַן אומגעלומפּערטן וועג בייטן די טעמע. אָבער איך האָב ווידער און ווידער געפאָדערט זי זאָל אונז אַהין פירן. זי האָט זיך ווידער גענומען אַרויסדרייען, מיט'ן פאָרשלאָג אַז מיר זאָלן זיך אָפּרוען אין האָטעל פון אונזער רייזע.

ווען איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז מיר זיינען גאָרנישט מיד פון דער שטונדע מיט אַ האַלב פליען פון מאָסקווע קיין כאַרקאָוו, האָט זי געזאָגט, אַז זי ווייסט ניט וואו די סינאַגאָגע געפינט זיך און זי וועט מוזן זיך אָנפרעגן וועגן דעם אין דער אינטוריסט קאַנצעלאַריע.

נאָך דעם „געניטן" און איבערפלעכליכן באַזוך אויף דער ריזיקער „פלאָשטשאַד דזשערזשינסקאָוואַ", וועלכער איז גרעסער אפילו פון דעם מאָסקווער רויטן פלאָשטשאַד, און אייניקע אַנדערע פלעצער, ווי כאַרקאָווער אוניווערסיטעט, פּראָספּעקט לענינאַ און גאָרקי פּאַרק, זיינען מיר געפאָרן איבערגעבן אַ גרוס צו אַ פאַמיליע פון זייער פעטער אין שיקאַגאָ.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום הויז פון דער פאַמיליע, אַן אַלטער צוויי־שטאָקיקער בנין, האָבן מיר זיך נאָכגעפרעגט ביי די פרויען, וועלכע זיינען געזעסן ביים טיר פון דעם מויער, וועגן דער פאַמיליע. יעדע איינע פון זיי האָט געגלויבט די מענטשן אויף וועלכע מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט און געזאָגט אַז קיינער געפינט זיך דאָרט איצט ניט אין הויז.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס די אינטוריסט אַגענטקע האָט מיך זעהר שטרענג באַאָבאַכטעט און געהיט — אַן ערשטע דערפאַרונג פון דעם סאָרט אין מיינע דריי באַזוכן אין סאָוועט רוסלאַנד — האָב איך פאַרפירט אַ געשפרעך מיט אַן עלטערן אידן, וועלכער איז אָנגעקומען צום דעם פלאַץ וואו מיר זיינען געשטאַנען. לאַנג נישט געקלערט, שלאָגט זיך אָן דער איד צו פירן מיך אין אַ הויף נישט ווייט פון דעם הויז לעבן וועלכן מיר זיינען געשטאַנען, און „דאָרט וועט איר ,אים' טרעפן. ער וועט אייך אַלעס אויפקלערן וועגן די זאַכן וועלכע איר ווילט וויסן". זייענדיק זעהר נייגעריק צו זען „אים", האָב איך אָנגעוויזן אויף דער שוסטער־מאַסטיערסקאַיאַ וועלכע איז געווען גלייך ביים טויער פון הויף און פאַרזיכערט דער אינטוריסט פאַרשטייערין אַז איך גיי אויף אייניקע מינוט אין יענער ריכטונג און איך וועל זיך באַלד אומקערן, און דערווייל זאָל זי מיט מיין פרוי וואַרטן אויף מיר ביים אויטאָמאָביל. אַזוי גיך ווי איך בין אַריין אין טויער פון הויף צו טרעפן זיך מיט „אים" האָב איך דערהערט הינטער זיך די שטימע פון אונזער „געטרייער" באַגלייטערין: „קערט זיך אום, איר האָט פאַרבלאָנדזשעט, דער שוסטער וועמען איר ווילט זען איז דאָ אין זיין מאַסטיער־סקאַיאַ". דער עלטערער איד, וועלכער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען, איז בלייך און דערציטערט געוואָרן, און ווען איך האָב זיך גענומען אומקערן צוריק, טיילוויז פאַרצאָרנט און טיילוויז צעשראָקן, האָט דער איד באַמערקט: „איצט זעט איר מיט אייערע אייגענע אויגן דעם פינסטערן גיהנום אין וועלכן מיר געפינען זיך דאָ. אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז ס'וועט זיי גאָרנישט העלפן.

וואָס מער זיי וועלן אונזער לעבן פאַרביטערן אַלץ מער וועלן מיר בלייבן געטריי צו אונזער פאָלק און תורה און זייט וויסן אַז מיר דאַרפן זיך גאָרנישט שעמען אַפילו מיט אונזער יוגנט. יעדן מאָל וואָס דאָס וואָרט יעוורעי (איד) ווערט געשריבן אויפ׳ן פּאַספּאָרט און אַרויסגערעדט מיט שפּאָט פון זייערע ליפּן, ווערט דאָס וואָרט איד אַלץ שטאַרקער איינגעקריצט אין זייערע הערצער... דאַסווידאַניע, אַ גוטן טאָג. און אויב איר פאָרט אַהינצו, אין דער „מדינה״, לאָזט זיי גריסן פון אונז און זאָגט זיי אַז די אַלע שקרים און בלבולים וועלכע מען מאַכט אויף זיי זיינען גוט באַוואוסט צו אונז אַלעמען. זאָגט זיי אַז אַפילו פילע נישט־אידן ביי אונז אין לאַנד באַוואונדערן זייער מוט און זייערע אויפּטואונגען... יאַ אַטשיען איזווויניאוס — איך אַנטשולדיק זיך זעהר פאַר אייך, אָבער איך מוז גיין״.

אין פאַרלויף פון מיין נישט געלונגענעם פאַרזוך צו טרעפן זיך מיט „אים״, האָבן דאָס פאַרפאָלק, דער מאַן און די פרוי, זיך אומגעקערט צו זייער דירה, און איך האָב געזאָגט צו דער באַגלייטערין, אַז איך וועל זיך באַלד אומקערן צום אויטאָ אַזוי גיך ווי איך וועל איבערגעבן צום פאַר־פאָלק דעם גרוס פון זייער אָנקל אין שיקאַגאָ. האָט זי געזאָגט צו מיר מיט אַ טייוולשן שמייכל: „איך וועל אַרויפגיין צוזאַמען מיט אייך״... מיין פרוי און איך זיינען ממש שאָקירט געוואָרן פון אַזאַ וואולגאַרער פאַרלעצונג פון די מינימאַלע קאָנווענציאָנעלע סטאַנדאַרטן פון מענטשליכער ווירדע און אָנשטענדיקייט.

מיט וואַרעמקייט און גרויס פרייד האָט דאָס פאַר פאָלק אונז אויפגענומען אין זייער באַשיידענעם אַפּאַרטמענט פון איינס און אַ האַלב צימערן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב קיין צייט נישט פאַרלאָרן „פאַרצושטעלן״ פאַר זיי דעם אומ־דערוואַרטעטן און נישט־פאַרבעטענעם גאַסט. צוליב דעם „גאַסט״ און צוליב פאַרשטענדליכע אורזאַכן האָבן מיר אַלע גערעדט נאָר אין רוסיש. דער איד האָט געהאַלטן אין איין „זינגען״ אַ לויב געזאַנג צו דעם „וואונדערבאַרן״ לעבן דאָ אין כאַרקאָוו, וואו אַלעס איז גוט און וואו אַלע זיינען גוט און וואו ס׳איז דאָ מער ווי גענוג אויף דורכצוקומען. מיט „פרייד״ האָט ער געשילדערט ווי שיין מען פאַרווילט די צייט און מיט „זאָרג״ און רחמנות געפרעגט אויפ׳ן שווערן שיקזאַל פון זיינע קרובים אין שיקאַגאָ און ווי אַזוי ער קאָן זיי העלפן... די טראַגי־קאָמעדיע איז צוגעגאַנגען איבער אַ שטונדע. די אַנוועזנדע האָבן אויסער־געוויינליך גוט און אַפילו נאַטירליך „געשפּילט״ זייערע ראָלן פאַר דער באַגלייטערין. אַ גאַסט, אַ שכן, וועלכער איז אַנוועזנד געווען און אַנטייל גענומען אין דעם פיינליכן ספּעקטאַקל, האָט אַריינגעכאַפּט אַ געלעגנהייט שטילערהייט פאַרלייגנדיק מיר אַ גלאָז וואַסער צו באַמערקן: „ווי געפעלט אייך אונזער אַקטיאָרסטוואָ? ביי אונז קאָן מען זיך אַלעס אויסלערנען...״

שפּעט פאַרנאַכט האָט זיך דערהערט אַ שטילער קלאַפּ אין דער טיר פון אונזער האָטעל צימער. „ער" מיט צוויי פריינד זיינען געשטאַנען ביי דער טיר און כ'האָב זיי געבעטן זיך מאַכן באַקוועם. זיין געזיכט האָט פאַרראַטן זיין טיפע עלטער. צוויי שאַרפע אויסדריקליכע אויגן און אַ פּאַסאַד פון גייסטיקער אויפרעגונג און פּייניקלעכער שרעק. „נו, מען האָט אייך דאָך שוין איבערגעגעבן די בשורה טובה וועגן אונזער לעצטער שוהל — דאָס איז שוין אויך נישטאָ. זיי האָבן געצוואונגען אונזערע מענטשן אונטערצושרייבן אַ פּעטיציע צו דער גאָסודאַרסטוואָ אַז מען זאָל די שוהל קאָנפיסקירן און ליקווידירן. ביי אונז ברענט אַ פייער. ווי איז עס ביי אייך אין אַמעריקע? מען זאָגט, אַז איר זייט פרייע מענטשן, איר קענט טאָן וואָס איר ווילט. וואָס טוט זיך מיט אייער יונגן דור?"

איך האָב פאַר „אים" און פאַר זיינע פריינט געשילדערט מיט שטאָלץ און אַנגסט אידישקייט אין אַמעריקע. ער מיט זיינע מיט־באַזוכער האָבן מיך אויסגעפרעגט מיט נייגעריקייט און געדולד. ווען איך האָב פאַרענדיקט מיין באַריכט, האָט ער צו מיר געזאָגט: „נישט גענוג. איר אידן פון אַמעריקע דאַרפט לערנען דאַווענען און אָפּהיטן מצוות אויך פאַר אונז רוסישע אידן, פּיליכט, נעמענדיק אין אַכט די אויסערגעוויינליכע אומשטענדן, וועט דאָ זיין אַ יוצא מן הכלל, אַן אויסנאַם צופאַל אין דין צו אָנווענדן אויך דאָ דעם שלוחו של אדם כמותו — דער שליח אָדער פאַרשטייער פון אַ מענטשן איז פונקט ווי ער אַליין וואָלט עס געטאָן... ווי ס'ווייזט אויס האָבן מיר רוסישע אידן פאַרזינדיקט קעגן דעם אויבערשטן"...

נאָך אייניקע מאָמענטן פון שווייגן האָט ער מיט אַ טיפן זיפץ פון האַרצן פאַרגעזעצט:

„ווי גוט ס'וואָלט געווען ווען אימעצער וואָלט געקאָנט אויפקלערן און פאַרזיכערן אונזער רעגירונג אַז ס'איז מעגלעך צו זיין אַ געטרייער איד און גלייכצייטיק זיין אַ געטרייער בירגער פון סאָוועט רוסלאַנד".

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט האָט „ער" וואַרים געדריקט מיין האַנט און געזאָגט: „שוין פופציק יאָר ווי זיי דריקן און דריקן אונז, דאָך האָבן זיי נישט אַלץ אויסגעדריקט פון אונז. עפּעס וואָס איז נאָך פאַרבליבן און פיליכט פיל מער ווי זיי און אפילו איר דענקט. כל זמן צוויי אידן זאָגן טעגליך די זעלבע שמונה עשרה, ווי דיק די וואַנט וועלכע שיידט זיי אָפּ זאָל ניט זיין, דאָך בלייבן זיי צוזאַמען און פאַראייניקט..."

ווען מיין פרוי האָט געוואָלט פאָטאָגראַפירן אַ פויער מיט זיין פאַמיליע אויף ממש אַ פרימיטיוון וואָגן געשלעפּט פון אַ דאַר פערד, אָדער אַ טיפּישע

פויערשע אָרימע כאַטקע אין אַ פאָרשטאָט פון כאַרקאָוו, האָט די באַגלייטערין, אַן אויפגערעקטע, נישט דערלאָזט. דער אויסרייד אירער איז געווען אַז דאָס איז נישט די ריכטיקע, אויטענטישע רוסלאַנד, נאָר אַן „איבערבלייבעניש" פון דעם צאַרישן רעזשים. ווען איך האָב מיט אַ געלעכטער געפרעגט איר צי לעבן פערד אין רוסלאַנד איבער פופציק יאָר, האָט זי געזאָגט: „אין אונזער לאַנד, וואו ס׳געפינען זיך מענטשן אין עלטער פון 140 יאָר קאָן אויך טרעפן זיך אַ פערד אין עלטער פון 50 יאָר".

אויפ׳ן וועג צום לופט־פעלד האָט די זעלבע „געטרייע" און אונטער־נעמערישע באַגלייטערין באַמערקט צו אונז: „איך מוז אייך וואָס זאָגן פאַר אייער אָפּפאָרן פון אונזער שטאָט. מיר איז שוין אויסגעקומען אין מיין פאַך צו באַגלייטן פאַרשידענע טוריסטן פון פאַרשידענע פעלקער, נאַציאָנען און לענדער, אָבער קיינע פון זיי וויזן נישט אַרויס אַזוי פיל אינטערעס און זאָרג וועגן זייערע מיט־גלויבנדע ווי די אידישע טוריסטן. ווי נאָר זיי קומען קיין כאַרקאָוו ווילן זיי גלייך וויסן וויפיל אידן ס׳געפינען זיך ביי אונז, וואָס זיי טוען, וואו איז זייער סינאַגאָגע, ווי מען באַהאַנדלט זיי א. אַ. וו. איר זייט אַנדערש פון אַנדערע פעלקער, און פיליכט צוליב דעם מיספאַרשטייט מען אייך..." איך האָב גלייך צו איר געזאָגט: „איך שטים פולקאָם איין מיט דיין באַמערקונג, אַז מיר זיינען אַנדערש און מיר שטאָלצירן מיט דער „אַנדערשקייט".

אידן אין רוסלאַנד וואָס בענקען נאָך אידישקייט

באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט אידן אין מאָסקווע.

„מיר רוסישע אידן, האָבן זיך צוגעוואוינט צו אונזער „פּאָלאָזשעניע" (לאַגע) און שלום געמאַכט מיט אונזער גורל". מיט אָט די ווערטער האָט אַן עלטערער איד, אַ תלמיד חכם געענטפערט אויף מיין פראַגע, צי די אידישע לאַגע האָט זיך דאָ געענדערט זינט מיין לעצטן באַזוך אין יולי, 1965.

מיר זענען געזעסן אין דער אַלטער און גאָר באַשיידענער טשערקיזאווער שול זונטיק פאַרנאַכט צווישן מנחה און מעריב. די איבער צוויי מנינים אידן, וועלכע זיינען אַנוועזנד געווען, זיינען געווען אידן פּענסיאָנערן אין די עלטערע יאָרן. זיי זיינען געווען זעהר באַשיידן געקליידט, אָבער האָבן אַרויסגעוויזן ווינציקער שרעק און מער זעלבסט קאָנטראָל, ווי די אידן אין דער צענטראַלער שול פון מאָסקווע.

ווי נאָר איך בין אַריין אין דער שוהל, וועלכע געפינט זיך אין אַ מאָסקווער פאָרשטאָט, האָבן די אידן מיר אַרומגערינגלט און מיט פריינטליכע שמייכלענדיקע פּנים'ער באַגריסט מיך מיט דער כאַראַקטעריסטישער גוטמוטיקייט פון רוסישע אידן. פון זייערע פראַגן איז קענטיק געווען, אַז מערסטע פון זיי זיינען איידעלע אידן, וועלכע וויסן פון באַרימטע רבנים און ראשי הישיבה אין אַמעריקע און אין מדינת ישראל.

זיי האָבן גערעדט מיט גרויס ליבע און אינטערעס וועגן דעם חפץ חיים און האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף זיינע קינדער און אייניקלעך. אַ געוועזענער סנאָווסקער איד האָט מיט בענקשאַפט דערמאָנט דעם חפץ חיים'ס איינוואָנדערונג אין סנאָווסק מיט זיין משפחה אַלס „בעזשענצעס" (פליטים) אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און מיט גרויס ליבע און אינטערעס זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם באַרימטן אייניקל פון חפץ חיים, הרב ר' יהושע לעווינסאָן, געוועזענער מנהל רוחני פון דער ראַדינער ישיבה. מיט אַ טיפן זיפץ פון זיין אָנגעווייטאָקט האַרץ האָט דער איד געזאָגט: „ווער נאָך, ווי דער חפץ חיים, האָט פאַרשטאַנען די געפאַר, וועלכע ס'האָט געלויערט אויפ'ן רוסישן אידנטום זינט 1917, און ווער נאָך, ווי דער חפץ חיים האָט פאַרפאַסט אַזאַ רירנדע תפילה פאַר אונז? ווען מיר וואָלטן פאַרשטאַנען די געפאַר אַזוי גרינטליך, ווי ר' ישראל מאיר פון ראַדין האָט עס פאַרשטאַנען, און ממש ווי אַ נביא פאָראויסגעזען, וואָלט

די גאַנצע אידישע לאַגע דאָ און אין אַנדערע לענדער אַנדערש געווען. ער האָט דאָך אונז געוואָרנט און ער האָט זיך ביי אונז געבעטן צו אַנטלויפן פון דאַנען אפילו אום שבת, אָבער מיר האָבן אים נישט פאַרשטאַנען".

אַ צווייטער איד, אַ געוועזענער תלמיד פון וואָלאָזשין, האָט אַן אויפגע־רעקטער אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט, ווען דער נאָמען פון אַ געוויסן אידישן קאָמוניסט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דערמאָנט געוואָרן און האָט שטאַרק אונ־טערגעשטראָכן זיינע געפילן מיט איבערזאָגן פאַר אונז אַלעמען אַ וואָלאָזשינער תורה.

ס׳ווערט אין שלחן ערוך גע׳פסק׳נט „הרואה ספר תורה שנשרף... קורע שתי קריעות" — ווען איינער זעט ווי אַ ספר תורה ווערט פאַרברענט, מוז ער רייסן זיינע קליידער צוויי מאָל, אַלס אויסדרוק פון גרויס טרויער און פאַרלוסט, אחת על הכתב ואחת על הגוויל. עס הייסט, איין מאָל קריעה אויף דעם כתב, די געשריבענע ווערטער פון דער תורה, וועלכע ווערן פאַרניכטעט, און אַ צווייטע קריעה אויף דעם פאַרברענטן פאַרמעט". פרעגט זיך, דאָס איז דאָך אַן אָפענע סתירה, ווידערשפרוך צו דער גמרא, וועלכע דערציילט וועגן דער מאַרטירערשאַפט פון ר׳ חנינא בן תרדיון, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך טורנוס רופוס און אַדרינוס, אַז ביז זיין לעצטן מאָמענט האָט ער געטרייסט זיינע תלמידים, וועלכע האָבן צוגעקוקט, ווי ער גייט אויס אין די פלאַמען פייער מיט די ווערטער: „גווילים נשרפים ואותיות פורחות באוויר" — דער פאַרמעט ווערט פאַרברענט, אָבער די אותיות, די ווערטער פון דער תורה, זיינען פאַרניכטלאָז און אייביק, זיי פאָכן און שוועבן אין דער לופט. זעען מיר דאָך, אַז מען דאַרף טרויערן, רייסן קריעה נאָר איין מאָל, ווען אַ ספר תורה ברענט — נאָר אויף דעם פאַרמעט, אָבער נישט אויף דעם אינהאַלט פון דער תורה, וועלכע קענען פון דעם שונא קיינמאָל נישט פאַרניכטעט ווערן".

אויף דעם האָט דער איד מיט גרויס געפיל געזאָגט צו אונז — האָט מען אין וואָלאָזשין געענטפערט, אַז ס׳ווענדט זיך ווער דער פאַרברענער, דער פאַרניכטער פון דער ספר תורה איז. אויב אַ גוי שטערט אידישקייט, וואַנדאַליזירט שולן און שענדעט אונזער הייליקייט, ווי טראַגיש עס זאָל ניט זיין, קען ער דאָס אָבער נישט אינגאַנצן פאַרניכטן. אַנדערש איז אָבער, ווען אַ איד, אַ יעווסעק, ווען ער ברענט אונזער תורה, ליידן סיי די פאַרמעט און סיי די אותיות, די ווערטער".

די טרויעריק־טיפזיניקע באַמערקונג פון דעם תלמיד־חכם אין מאָסקווע איז טיפער אַריינגעדרונגען אין מיין באַוואוסטזיין אַ טאָג שפּעטער, ווען איך

בין געגאַנגען איינקויפן געוויסע רוסישע ביכער אין דעם גרויסן בוך־מאַגאַזין אויף לעגינסקי פּראָספּעקט! מיט אַ איראָנישן שמייכל האָט די באַאַמטע הינטער דעם טיש אויפגעהויבן צוויי ביכער און געפרעגט מיך, צי איך אינטערסיר זיך צו קויפן זיי. איין בוך איז געווען „רעאַקציאָנאַיאַ אַבסושדעניע איאוראַדיזמאַ״ — „אַ רעאַקציאָנערע אָפּהאַנדלונג וועגן יהדות״ פון מיכאַאיל איאָסאָפּיטש שאַכ־נאָוויץ, און דער צווייטער בוך אַרום 500 זייטן: „קריטיקאַ איאודעיסקאַי רעליגיאַי״ — אַ קריטיק פון דער אידישער רעליגיע פון מאָיסעי בעלענקי — דער טרויעריק באַקאַנטער מחבר פון דעם וויטריאָלישן זעלבסט־האַסיקן בוך — „טשטאָ טאַקאָיע טאַלמוד״ — „וואָס איז דער תלמוד״. די גרונטלאָזע, בייז־וויליקע און פאַלשע באַהויפּטונגען און באַשולדיקונגען קעגן חומש, משנה, תלמוד און שלחן ערוך, וועלכע זיינען געדרוקט אין די צוויי ביכער פון שאַכנאָ־וויצ׳ן און בעלענקי, שטייגן אַריבער די גיפטיק־העצערישע בלבולים פון יאָהאַן אייזנמענגער — „ענטדעקטעס יודענטום״, 1694, אַווגוסט ראָטלינגס „תלמוד־יודע״, 1874, און פאַראַניטעס׳עס „דער קריסט אין אידישן תלמוד״. ניט אומזיסט האָט די אָנגעשטעלטע פון ביכער מאַגאַזין דערלאַנגט מיר די צוויי ביכער מיט אַ ברייטן, זעלבסט־צופרידענעם שמייכל און געזאָגט צו מיר: „וואָס נוזשנאָ פּאָזנאַקאָמיטסיאַ ס׳עטימי קניגאַמי״ — „איר דאַרפט זיך באַקענען מיט די ביכער״. ווירקליך, ווען אַ איד פאַרברענט אַ ספר תורה, ברענען סיי דער פּאַרמעט און סיי די אותיות.

ס׳איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער אָדער אפילו מיט געשליפענע פּראָזע, מיט וואָס פאַר אַ פריידע די אידן זיינען געשטאַנען אַרום מיר און מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט זיי האָבן אויסגעהערט סיי די תורה־ווערטער, סיי די אַלגעמיינע באַמערקונגען, וועלכע איך האָב זיי געזאָגט. זייער בענקשאַפט נאָך אַ וואָרט, אַ באַזוך, אַ דערמוטיקונג פון דער „צווייטער״ אידישער וועלט, האָט ממש קיין גרעניץ נישט.

„רבי, מיר זענען הונגעריק און דורשטיק ניט נאָך ברויט און וואַסער, נאָר נאָך אַ פריינטלעך וואָרט — אַ תורה וואָרט און אַ טרייסט וואָרט — יעדער ברודער, וואָס קומט אונז דאָ באַזוכן פון אויסלאַנד, דערפרישט און קרעפטיקט אונז. איר קענט זיך אַליין נישט פאָרשטעלן, ווי עלענד און איינזאַם דער רוסישער איד איז״... מיט די ווערטער האָט אַ איד מיך באַגריסט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער מאַרינאַ־ראָסטשאַ שוהל, זונטאָג פרי צום דאַווענען. גראָד האָט מען דאָן רעמאָנטירט און געפאַרבט די שול, וועלכע געפינט זיך אין אַ הויף. בעאָבאַכטנדיק דעם פאַרבער, ווי ער איז געשטאַנען אויף אַ גרויסן פּלאַט־פאָרם איבער דעם ארון הקודש און געפאַרבט די אַלטע אָפּגעלאָזענע וואַנט פון

מזרח, האָט אַ איד באַמערקט צו מיר — „איר ווייסט, דאָס איז דער איינציקער צופאַל אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווען מען טרעט איבער׳ן ארון הקודש נישט צו פאַרשמירן די תורה, נאָר מער ניט, ווי צו פאַרשמירן די ווענט״.

אַן אידעלער איד פון אַ שטאָט אין אוקראַינע, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר אין שוהל, האָט געשילדערט די טרויעריקע לאַגע אין זיין שטאָט, וועלכע האָט אַ היפּשע אידישע באַפעלקערונג און דאָך האָט זי נישט קיין רב, שוחט אָדער מוהל. מיט אויפרעגונג האָט ער פאַרגעשטעלט די גייסטיקע שריפה אין דער שטאָט. ביים ענדע פון שמועס, מיט אַ געפיל פון וואונדער און פאַריבל, זאָגט ער צו מיר: „איך זאָך קען איך נישט פאַרשטיין. אין אַזאַ פינסטערער צייט, ווען אידישקייט שטייט אין געפאַר פון אונטערגאַנג, דאַרפן אידן פון אויסלאַנד פאַרנעמען זיך מיט איבערפירן אַלטע קברים פון רוסלאַנד קיין ארץ ישראל, אָדער אַנדערע לענדער? איז איצט, אין אַזאַ פיינלעכן מאָמענט, נישט פיל מער וויכטיקער צו ראַטעווען די לעבעדיקע און אָנשטרענגען אַלע מיטלען, וועלכע ס׳זיינען נאָר מעגלעך צו ראַטעווען די, אין וועמען ס׳געפינט זיך נאָך אַ פונק פון לעבן און האָפענונג?! די קברים קענען וואַרטן אויך אויף שפּעטער, אָבער די לעבעדיקע קענען שוין מער נישט וואַרטן, זייער צייט איז באַגרענעצט. און אויב, חלילה, מען זאָל איצט פאַרשפּעטיקן, וועט דאָך קיין זאַך שפּעטער נישט העלפן... איך האָב דעם אידן פאַרזיכערט, אַז איך און פילע אַנדערע שטימען צו צו זיינע רייד, אָבער גלייכצייטיק מוז מען האָבן איינזעעניש אויך מיט די יעניקע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם, ווייל אינערליכע מענטשליכע סענטימענטן שטייגן גאַנץ אָפט אַריבער די פּראַקטישע זייט און דעם פּראַגמאַטישן צוגאַנג צום לעבן.

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז ערנסטע און פאַראַנטוואָרטליכע פּערזאָנען האָבן מיט גאָר זיכערע און דייטליכע ווערטער אונטערשטראָכן צו מיר, אַז אפילו די קליינע און באַגרעניצטע פאַרבעסערונגען אין דער אידישער לאַגע אין רוסלאַנד, זיינען דערגרייכט געוואָרן נאָר און דורכאויס דורך דער אינטערווע־נירונג און עפנטליכן אינטערעס, וועלכער ווערט אין פאַרשיידענע פאָזן אויסגע־דריקט אין אויסלאַנד. היינט גיבן שוין מערסטע צו און שטימען איין, אַז אינערליכע ענדערונגען וועגדן זיך אין אויסערליכע באַמיאונגען אויף אַן אָפענעם פאָרנעם. ווי עס ווייזט אויס, איז סאָוועט רוסלאַנד קיינמאָל אין איר פּופּציק יאָריקער געשיכטע נישט געווען אַזוי סענסיטיוו און אַזוי פאַרזאָרגט וועגן איר נאַציאָנאַלן און אידעאָלאָגישן געשטאַלט אין אויסלאַנד, ווי איצט. דערפאַר, ווען באַרימטע פּערזענליכקייטן און אָנגעזעענע דיסטאַנצן ווייזן אַרויס זאָרג און אומצופרידנהייט מיט דער סאָוועטישער דיסקרימינאַטאָרישער טאַקטיק, מאַכט

דאָס אַ רושם און ווירקט אויף דער סאָוועטישער מאַכט צו ענדערן זייער שטעלונג.

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז מיין יעדער פאַרזוך אָנצובינדן אַ געשפרעך מיט רוסישע זעלנער, מאַטראָזן אָדער אָפיצערן, און מען זעט זיי, וואו נאָר מען רירט זיך אויף די גאַסן און שפּאַציר־גערטנער, איז גאָר קאַלט און צייטנווייז גאָר טאַקטלאָז צוריקגעוויזן געוואָרן, ווען אונזער אינטוריסט באַגלייטער אויף אונזער באַזוך אין צאַרסקאָיע סעלאָ, אָדער ווי דער נאָמען איז איצט גאָראָד פושקינאָ, האָט געבעטן אַ גרופּע ים־פלאָטע קאַדעטן זיך פאָטאָגראַפירן מיט אונז, אויפקלערנדיק צו זיי, אַז מיר זיינען אויסלענדישע טוריסטן, האָט זייער אָנפירער, אַן אָפיצער, מיט אַ בייזן בליק געענטפערט — „אַ מי ניע זשעלאַיעם פאָטאָגראַפיראָוואַטסיאַ ס'נימי — אָבער מיר ווילן נישט פאָטאָגראַפירן זיך מיט זיי". איין אויסנאַם צו דער „קאַלטער אָפּגעזונדערטקייט" איז געווען אַ גרופּע נאָוואָבראַנצעס, פריש־מושטירטע זעלנער ביים הויפּט אַריינגאַנג צום מאָסקווער אוניווערזיטעט. אַ גוטמוטיקער שמועס צווישן זיי און מיר האָט זיך אַנטוויקלט, ווען איך האָב געפרעגט איינעם פון זיי פון וואָסער שטאָט ער קומט. אַזוי גיך ווי איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין פון אַמעריקע האָבן זיי מיט גרויס נייגעריקייט גענומען פרעגן מיך פראַגעס וועגן דער לאַגע פון די נעגערס אין אַמעריקע, וועגן אַרבעטסלאָזיקייט און אַז. וו. איינער פון זיי מיט אַ מער אויסדריקליכן און אַגרעסיוון געזיכט האָט מיך געפרעגט: „אַ טשטאָ זשע ווי דעלאַיעטע וואָ וועטנאַמע — וואָס טוט איר אין וויעטנאַם?" מיין ענטפער צו זיי איז געווען: „מיר זיינען דאָרט געקומען אויסלעשן אַ פייער, וועלכן בייזוויליקע אונטערצינדער האָבן דאָרט אָנגעמאַכט. אַזוי גיך ווי מיר וועלן דעם פייער פאַרלעשן, פאַרזיכער איך דיר, אַז סיי אונזערע פייערלעשער און סיי זייער געצייק וועט זיך צוריקציען קיין אַמעריקע". צום ענדע האָבן מיר זיך אפילו מער באַפריינדעט און צוזאַמען זיך פאָטאָגראַפירט. ביים געזעגנען זיך מיט זיי האָב איך געזאָגט: „איך האָף דאָס קומענדן מאָל, ווען מיר וועלן זיך טרעפן אין מאָסקווע, וועט איר זיין ציוויל־געקליידעט", „און מיר האָפן", האָבן זיי מיר גלייך געענטפערט, „אַז קומענדן מאָל, ווען מיר וועלן זיך מיט איך טרעפן, וועלן אַלע אייערע זעלנער האָבן פאַרלאָזט וויעטנאַם און אַלע מיליטערישע באַזעס, וועלכע איר האָט פאַרזייט איבער דעם גאַנצן ערד קוגל". מיט אַ הילכיקן געלעכטער האָבן מיר זיך געזעגנט.

מיט רירנדע געפילן און לעטאַרגישע ערינערונגען בין איך געשטאַנען אין לענינגראַדער „לעטני סאַד" — דער גאָרטן פון קולטור און אָפּרו, לעבן דם דענקמאָל־סטאַטוע פון איוואַן אַנדרעיעוויטש קרילאָוו, וועמעס

טיפּזיניקע באַסניעס, פּאַבלען וועגן די פאַרשידענע פייגל און חיות, אין וועמעס רייד און אַקטן איז רעפלעקטירט געוואָרן מענשליכע גבורה און שוואַכקייט, גוטסקייט און גרויזאַמקייט, נאַרישקייט און חכמה. בראָנזענע פיגורן פון אַלע באַשעפענישן, וועלכע ר׳האָט אַזוי מוסטערהאַפט באַשריבן, רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן אויף דער סטאַטוע. כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווי מיין מוטער, די מלומדת, פלעגט מיך אַלס קינד פירן שפּאַצירן אין דעם פּאַרק מיט יאָרן צוריק און ווי איך פלעג שטענדיק באַוואונדערן די קרילאָוו סטאַטוע.

ווידער אַמאָל באַטראַכטענדיק דעם וואָלף מיט׳ן שעפּסל, איינע לעבן אַנדערן, פונקט ווי אין דער באַסניע האָב איך נישט געקענט זיך אַרויסדרייען פון ציען אַ פּאַראַלעל מיט היינטיקע אומשטענדן — די אומפאַרשטענדלעכע גרוי־זאַמע און ברוטאַלע באַציאונג פון קרעמלין צו מדינת ישראל. אין פּאַבל דערמאָנט אונז קרילאָוו, אַז ביי דעם שטאַרקן איז דער שוואַכער שטענדיק שולדיק. „או סילבאָוואָ וסעגדאַ בעסילני ווינאָוואַט״. אין הייסן טאָג שטייט דער שעפּסל ביים טייכל און שטילט זיין דורשט. דער גרויסער מעכטיקער וואָלף קומט אָן און ברומט מיט פאַלשע בלבולים אויפ׳ן שעפּסל. דאָס שעפּסל וואַרפט אָפּ די אַלע באַשולדיקונגען קעגן אים, אַז ער מאַכט שמוציק די וואַסער, אַז לעצטן יאָר, ווי דער וואָלף באַהויפּטעט, האָט ער עס אויך נישט געטאָן, ווייל ער איז גאָר דאַן אויף דער וועלט נאָך נישט געווען. „אויב נישט דו, האָט עס דיין ברודער געטאָן״, שרייט דער וואָלף. „איך האָב קיין ברידער נישט״, בעט זיך דאָס שעפּסל. „אויב נישט דו, איז אימיצער פון דיין מין אָדער דיינע פּאַסטובער האָבן פאַרפּעסטעט דעם רוטשעי מיט די ריינע וואַסער״, שרייט דער בייזער וואָלף. „אָבער וואָס בין איך שולדיק?״ בעט זיך ווידער דער צעשראָקענער שעפּס. „דו ביסט שולדיק, ווייל איך בין הונגעריק און איך וויל עסן״, ענטפערט דער וואָלף.

דער קרעמלין ווייס גאַנץ קלאָר און דייטלעך, ווי אומשולדיק מדינת ישראל איז קעגן די אַראַבער, זיי ווייסן, ווער ס׳האָט 19 יאָר אָן אַ אויפהער סאַבאָטאַזשירט, געברענט, אינפילטרירט, געמאָרדעט, געשטיקט מיט באָיקאָטן און געוואָרגן מיט בלאָקאַדעס, אָבער דער קרעמלין וויל פרעסן — שלינגען די נאַפט, געווינען די אַראַבער און איינשלינגען דעם מיטלען מזרח. און ווען דער וואָלף איז „הונגעריק איז דער שעפּס שולדיק און פראַוודאַ און איזוועסטיאַ פּאָדערן — פּאַסטאַנאָוויטס איזראַיליאַ פּערעד סודאָם נאַראָדאָוו — אָוועקשטעלן ישראל פאַר׳ן געריכט פון די פעלקער״. אָבער גליקליכערוויז האָט דער געריכט פון מענטשליכער ווירדע און אָנשטענדיקייט איבער דער גאַנצער וועלט אַרויס־געגעבן דעם אורטייל נישט קעגן דעם שעפּס, נאָר קעגן דעם בלוט־דורשטיקן וואָלף.

ניט לייכט פאַר אידן צו פאַרלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד

רוסן וואָס זיינען סימפּאַטיש צו מדינת ישראל. — דער „שוואַרצער מאַרק" אין רוסלאַנד.

טראָץ אונזער נאַטירלעכן, פאַרשטענדליכן, און צום גרויסן באַדויערן באַרעכטיקטן אַנגסט און זאָרג וועגן דער טרויעריקער לאַגע אין דער אומזיכערער צוקונפט פון די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, טאָרן מיר נישט פאַרלירן נישט אונזער האָפנונג און נישט אונזער גלייכגעוויכט אין אורטייל. פונקט ווי אין דאָסטאָיעווסקי׳ס „ברידער קאַראַמאַזאָוו" באַגעגענען מיר זיך נישט נאָר מיט דעם גרויזאַמען, גוואַלטאַטיקן, וואָיללוסטיקן און עגאָאיסטישן פעאָדאָר און מיט דעם עפּילעפּטישן פאַרברעכער סמערדיאַקאָוו, נאָר אויך מיט דעם מאָראַלישן און אויפריכטיקן אַליאָשאַ און אפילו אויך מיט דעם פאַרפירטן מערדער — בעל תשובה — ראַסקאָלניקאָוו אין „פאַרברעכן און שטראָף"; אַזוי קען מען אויך באַגעגענען אין מאָסקווע, לענינגראַד און כאַרקאָוו נישט נאָר די איוואַן גראָזני געשטאַלט פון אַ פעדערענקאָ, נאָר אויך די מאָראַליש־טרוימערדיקע פערזענליכקייט פון אַ טאָלסטאָי, וואָס איז דורכגעדורנגען מיט אויפריכטיקייט און נאָבלקייט. נישט נאָר אין די פיינליכע מאָמענטן, ווען די געזאַנדשאַפט פון מדינת ישראל האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן מאָסקווע אונטער דעם שווערן לאַסט פון בייזוויליקן צאָרן פון קרעמלין, האָבן פילע אַנאָנימע רוסן טעלעפאָנירט צו די ישראל־דיפּלאָמאַטן אויסצודריקן מיטגעפיל און פאַרזיכערן זיי מיט זייער פריינטשאַפט, נאָר אויך פריער פאַר דעם וואולקאַנישן אויפברויז פון די האָס־כוואַליעס קעגן די העלדישע פאַרטיידיקער פון דער מדינה קעגן דער טאָטאַלער פאַרניכטונג, האָבן זיך געפונען אַנשטענדיקע רוסן מיט מענטשלעכע געפיל, וואָס האָבן אויסגעדריקט, מיט וואָרט און טאַט, זייער איינזעעניש מיט דער געקריוודעטער אידישער מינדערהייט אין זייער לאַנד.

אַ געבילדעטער רוס אין אַ פאַראַנטוואָרטליכן אַמט האָט צו מיר געזאָגט: „פילע פון אונז שעצן און רעספּעקטירן די אויסער־פּראָפּאָרציאָנאַלן אינטעלעקטועלן בייטראָג פון אידן צו אַלע פאַכן פון אונזער וויסנשאַפט, קולטור און קונסט. די לאַנדאוס, ליבערמאַנס און ערענבורגס האָבן שווערע טויזנטער פון זייער אייגענעם אָפּשטאַם, וואָס שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע און איבן אויס גרויס איינפלוס אויף דעם גאַנצן לעבן פון אונזער לאַנד. אין מיין אייגענעם פּראָפעסיאָנעלן קרייז זענען אידן מיט אידישע נעמען און אידישער אידענטיטעט

די הויפּט־אָנפירער און די וויכטיקסטע פיגורן. איר אידן אין אויסלאַנד מוזט פאַרשטיין, אַז מענטשליכע שוואַכקייטן פון איפּערזוכט און פאַראורטייל זענען אוניווערסאַל. האָט געדולד און גלויבן אין דער צוקונפט און די לאַגע וועט זיך זיכער פאַרבעסערן. פאַרגעסט נישט, אַז די לופט פון רוסלאַנד אונטער די צאַרס איז הונדערטער יאָרן געווען פאַרפּעסטעט מיט האַס און פאַראַכטונג צו אייער פאָלק; און די נאַציס מיט זייער ווילדער גיפטיקער העצע קעגן אידן האָבן פיל בייגעשטייערט נישט צו פאַרבעסערן די באַציאונגען..."

זיכער בין איך געווען גערירט פון זיינע האַרציקע רייד און איך האָב צו אים געזאָגט: „איך באַדויער, וואָס דו זיצסט ניט אין קרעמלין". אויף דעם האָט דער רוס געזאָגט צו מיר:

„זיי וויסן, אַז די ווענט פון קרעמלין ווערן וואָס אַמאָל דינער און ענדליך וועלן זיי ווערן דין גענוג דורכצולאָזן פרישע שטראַלן פון מענטשליכן יושר און געוויסן".

אַ צווייטער רוס האָט גאַנץ אָפן גערעדט צו מיר, ווען מיר זענען געשטאַנען אויפ׳ן לופט־פעלד און געוואַרט אויף אונזער עראָפּלאַן. ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ס׳מערקט זיך אַ געוויסע פאַרבעסערונג אין דער עקאָנאָמיש־מאַטעריעלער לאַגע פון די סאָוועטישע בירגער, האָט ער צו מיר געזאָגט:

„דאָ ביי אונז וואָלט נאָך געווען אַ סך בעסער; מיר וואָלטן געהאַט אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד, ווען מען וואָלט נישט אַרויסגעוואָרפן אַזויפיל ביליאָנען אין עסנוואַרג און מאַטעריאַל פאַר׳ן טייוול אין קובאַ, אינדיע און די אַראַבישע לענדער. מיר זענען דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט אין נאַטור־קוואַלן און דאַך דאַרפן מיר צאָלן פאַרשווינדערישע פּרייזן פאַר אַ קילאָגראַם פלייש, ווען און אויב מען קריגט דאָס. פאַרוואָס קאָנען נישט די אַראַבער אויפטאָן פאַר זיך דאָס, וואָס אייערע אידן האָבן אויפגעטאָן אין ישראל".

איניקע מאָל, סיי אין מאָסקווע און סיי אין די אַנדערע שטעט, וועלכע מיר האָבן באַזוכט, זענען מיר אָפּגעשטעלט געוואָרן פון יוגנטליכע און דערוואַקסענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעבאָטן צו קויפן דאָלאַרן פון אונז. זיי האָבן געבאָטן צוויי און דריי מאָל מערער ווי דער לעגאַלער וואַלוטע אויסטויש. ווי נאָר מיר פלעגן זיך אָפּזאָגן, פלעגן זיי צושטיין און בעטן זיך ביי אונז צו העלפן זיי, מיט דער אויפקלערונג, אַז מיט דאָלאַרן קענען זיי קריגן גענוג און פאַר מעסיקע פּרייזן קליידער, וועש, אָדער עסנוואַרג אין די דאָלאַר־געשעפטן.

ווען מיין פרוי האָט געפרעגט אַ טעקסי־טרייבער, צי גלויבט ער אין

ג״ט, האָט ער אַרויסגענומען פּלינק פון זיין קעשענע אַ דאָלאַר און האָט געזאָגט צו איר:

— דאָס איז מיין גאָט — און ער האָט אונז דערציילט, וואָס פאַר אַ פאַרצווייקטע ספּעקולאַציע ס׳גייט אָן אויפ׳ן שוואַרצן מאַרק.

„דענקט איר דען, אַז איך קאָן אויסקומען מיט די 110 רובל, וועלכע איך פאַרדין? איך האָב אַ פרוי מיט צוויי קינדער און פאַר אַן איינפּאַכן אַנצוק דאַרף איך צאָלן 80 רובל; און פאַר אַ פּאָר נייע שיך 30, אָדער 50 רובל״, האָט זיך דער טעקסי־טרייבער צו אונז אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

די שטימונג אין מאָסקווע ערב דאָס צוריקציען פון די יו־ען זעלנער און נאָסערס בלאָקאַדע קעגן ישראל איז געווען אָנגעשטרענגט. ווי די פאַרלעסלעכע היסטאָרישע פאַקטן ווייזן היינט אויף, האָט דער קרעמלין נישט נאָר געוואוסט פאָראויס פון נאָסער׳ס פּאָליטישע פּלענער און מיליטערישער סטראַטעגיק, נאָר איז אַליין געווען דער הויפּט אַרכיטעקט פון דעם טייוולאַנישן פּלאַן און מערדערי־שער פאַרשווערונג אומצוברענגען מדינת ישראל.

ווען איך האָב געבעטן דעם באַאַמטן ביים־בילעטן פענסטערל אויף דער טשערעמעטיעוואָ לופט־פעלד אין מאָסקווע צו רעגיסטרירן אונזער באַגאַזש דירעקט אויף תל־אביב, האָט דער באַאַמטער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געזאָגט צו מיר: „ווען איר וועט אָנקומען אין תל־אביב זאָגט זיי דאָרט, אַז זיי זאָלן זיך אויפהערן שפּילן מיט די ביקסן און זיי זאָלן פאַרנעמען זיך מענטשליכער און פריינטליכער מיט זייערע אַראַבישע שכנים״. יעדנפאַל, ס׳איז געווען אָנגענעם צו הערן די טייערע ווערטער תל־אביב, הויך און קלאָר קלינגענדיק אויפ׳ן מאָסקווער לופט וואָקזאַל.

נאָר איינער, וואָס האָט פּערזענליך דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט די דערפאַרונג פון פאַרלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד אויף דעם וועג צו פרייהייט, קאָן ריכטיק שעצן און גרינטלעך פאַרשטיין די געפילן, די עמאָציעס, די אומזיכערקייט און די האָפענונגען פון די יעניקע, ווי נישט באַגרעניצט זייער צאָל זאָל זיין, וועלכע שטייען מיט׳ן „זאַגראַניטשני״ פּאַספּאָרט (אויסלאַנד־פּאַספּאָרט) אין זייער האַנט און שטרעקן אים אויס צו דעם אוניפאָרמירטן קאָמיסאַר הינטער דעם שמאָלן פענסטערל.

דער קאָמיסאַר, מיט אַ גאָר ערנסטער מינע אויף זיין געזיכט, קוקט מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט אויף דעם אָפּרייזנדיקן בירגער. ער איבערצייגט זיך, אַז די פאָטאָגראַפיע אין פּאַספּאָרט שטימט מיט דעם פּנים, וועלכן ער באַטראַכט

מיט אַן אינערלעכן געפיל פון חשד און פאַראַכטונג. נאָך אַלעמען, ווי אַזוי וואָגט מען גאָר צו פאַרלאָזן דעם קאָמוניסטישן „גן עדן" און אויסטוישן די רעגירונג פון די אַרבעטער און פויערים אויף דער קאָרופּטירטער, אַרכאַישער און באַנקראָטירטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט?

איך שליס באַקאַנטשאַפט מיט איינער פון די דריי פאַמיליעס, וועלכע געזעגנען זיך מיט'ן באָדן פון רוסלאַנד אויף זייער וועג קיין מדינת־ישראל. זייער איינציקע טאָכטער, אַ מעדיצין־סטודענטקע קען נישט קיין איין וואָרט אידיש. דער פאָטער אַ פּראָפעסיאָנאַל מיט אַ הויכער אַקאַדעמישער בילדונג. אַזוי גיך ווי זיי האָבן אַנגעגעבן אַ פּראָשעניע (אַפּליקאַציע) אויף אַרויספאָרן פון לאַנד, האָט זיי נאָכגעפאָלגט אַ רייע אומאַנגענעמליכקייטן און פאַרפאָלגונגען. אַ געוויסן פרימאָרגן ווערט די טאָכטער גערופן אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם הויפּט פון מעדיצינישן פאַקולטעט פון דעם אוניווערסיטעט. דורך איניקע קורצע פראַגן ווערט באַשטעטיקט, אַז די פאַמיליע גרייט זיך צו פאָרן קיין מדינת ישראל. דאַן ווערט אַנגעזאָגט די בשורה טובה צו דער שילערין, אַז זי איז גליך און אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פון אוניווערזיטעט. ווען זי וואונדערט זיך און פרעגט וועגן דער סיבה פאַר אַזאַ שווערער און פלוצימדיקער שטראָף, ווענדט זיך דער הויפּט פון מעדיצינישן פאַקולטעט צו איר מיט אַ גאָר איינפאַכער און קלאָרער דערקלערונג: „מיר אין ראַטן־פאַרבאַנד גרייטן נישט צו קיין קאַדרעס פון טעכניקער און פּראָפעסיאָנאַלן אַרויסצוהעלפן מדינת ישראל — מי קאַדרי דליאַ גאָסודאַרסטוואַ איזראַילאַ נע פּריגאָטאַוולאַיעם". אַ צווייטער איד אין די זעכציקער, האָט דערציילט וועגן די פילע פאַרפאָלגונגען און יסורים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך גענומען מיען וועגן אַרויספאָרן.

אַרונטערשטייגנדיק פון סאָוועטישן עראָפּלאַן, אויפ'ן ווינער לופט־פעלד, האָט אַ פרוי, איינע פון דער גרופּע אויפן וועג קיין מדינת ישראל, זיך היסטעריש צעוויינט און מאָמענטאַל גע'חלש'ט. ווען מען האָט זי אָפּגעמינטערט האָט זי קאָנוואולסיוו זיך געטרייסלט און געפרעגט: „זענען מיר שוין פריי?"

אין עראָפּלאַן, אויפ'ן וועג פון מאָסקווע קיין ווין, האָב איך צופעליקערוויז געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך מיט אַ הויך־געבילדעטער קאָמוניסטקע, וועלכע איז אַ מאַטעמאַטיק־פּראָפעסאָר. זי איז געפאָרן זיך טרעפן מיט איר מאַן, אַ פיזיקער, וועלכער איז באַשעפטיקט אין ווין אין אַ וויסנשאַפטליכן פאָרשונגס־פּראָיעקט מיט אויסלענדישע פּראָפעסאָרן. אונזער מיט־רייזנדע, אַ געוועזענע מיט־שילערין אין מיטל־שולע און אין אוניווערזיטעט מיט סוועטלאַנאַ סטאַלין, האָט גערעדט מיט אויפרעגונג און פאַראַכטונג וועגן דער פּראָמינענטסטער אָפּנייגערין פון קאָמוניזם. „אַנאַ וואַסעגדאַ בילאַ פּאָסרעדסטווענאַיאַ אוטשעניצאַ" — זי איז תמיד

געווען אַן איינפאַכע קאָלירלאָזע סטודענטקע. איר שוואַכזיניקייט און אומגעלומ־פערטער פאַמיליע־לעבן האָט קיינמאָל נישט האַרמאָנירט מיט אונזערע געהויבענע און ערנסטע פאַמיליען סטאַנדאַרטן. און וואָס דענקט איר וועגן אַ מוטער, וועלכע פאַרלאָזט אירע קינדער און אַנטלויפט קיין אויסלאַנד צו כאַפּן דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר? מיר האָבן קיין נוץ נישט פאַר רעליגיע, און וואָס גיכער די וועלט וועט איינזען אונזער צוגאַנג צו רעליגיע אַלץ גיכער וועט ביי אונז ווערן אַ בעסערע וועלט; אָבער מיר רעספּעקטירן די פאַמיליע אינסטיטוציע, געטריישאַפט צווישן עלטערן און קינדער און רעספּעקט פון קינדער פאַר זייערע עלטערן. אַ פרוי, וועלכע ברעכט די עלעמענטאַרע סטאַנדאַרטן פון פאַמיליע־גאַנצקייט איז אַ גייסטיק קראַנקער מענטש און נויטיקט זיך אין פּסיכיאַטאַרישער הילף. מיר האָבן גאָרנישט פאַרלאָרן און איר האָט זיכער גאָרנישט געוואונען מיט סוועט־לאַנאַ'ס אָנוועזנהייט ביי אייך".

זי האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט פאַר מיר אויף „אייערע מיליטערישע באַזעס, וואָס איר האָט פאַרזייט איבער דער גאַנצער וועלט — איך פרעג אייך, זאָגט מיר אויפריכטיק, קעגן וועמען און קעגן וואָס זענען די באַזעס געצילט?"

ווען זי האָט דערמאָנט וויעטנאַם, האָט זי ממש אויפגעהויבן איר שטימע און מיט אַן עמאָציאָנעלן אויפברויז, איבערלעך און אויסערליך, באַשולדיקט אַמעריקע אין באַרבאַריזם און בלוט־פאַרגיסונג; ווען איך האָב איר געפרעגט די אומאויסמיידליכע פראַגע וועגן אידן און אידישקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט זי מיט מאָנאָבילישער שטייפקייט און שטאַרקייט צו מיר געזאָגט: „רעליגיע איז אַזאַ סם פאַר דער מענטשהייט, וואָס איר שעדליכקייט מוז באַקעמפט ווערן שטענדיק און אומעטום, אפילו ווען די צעשטערונג פון רעליגיע ווערט אַמאָל באַגלייט מיט אומגערעכטיקייט און אָפּוועזנהייט פון באַלאַנס מוז עס פאַרגעזעצט ווערן פאַר'ן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט..."

גראָד הויך אין דער לופט, אויסער די געאָגראַפישע גרעניצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָב איך געהאַט די ערשטע און איינציקע דערפאַרונג צו הערן אַזעלכע עקסטרעמע פאַנאַטישע רייד נישט נאָר פון אַ פּאַרטיי־מיטגליד, נאָר פון אַן אַזוי־גערופענער קולטורעלער, פאַרגעשריטענער און וויסנשאַפט־אַרבעטערטער פרוי. אויפגעבראַכט און שאָקירט פון אירע רייד האָב איך באַמערקט צו איר, אַז ווי ס'ווייזט אויס, איז אַמאָל פיל לייכטער צו ענדערן קאָמוניזם אײדער דעם קאָמוניסט גופא.

אַ פּאַסאַזשיר, וועלכער איז געזעסן קעגן איבער אונז, און ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער זיך צוגעהערט צו אונזער לענגערן געשפּרעך, איז צוגעקומען צו

מיר, ווען איך בין אַליין געבליבן זיצן און ער האָט צו מיר געזאָגט: „איך פֿיר אָן מיט דער גרופּע טוריסטן, וועלכע פֿאָרן דאָ מיט אונדז צוזאַמען. מיר זענען אַלע סאָוועטישע בירגער, און מיר פֿאָרן אויף אַ באַזוך קיין טערקיי און אַנדערע לענדער. איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז דאָס וואָס איר האָט דאָ איצט געהערט, איז נישט די שטימע פֿון אונדזער לאַנד, פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. איך בין אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטאָר און אַ סך פֿון מיינע קאָלעגן און פֿריינט זיינען אידישע. אַ סך פֿון אונדז וויסן וועגן די הויכע אידישע טאַלאַנטן און מיר וויסן גאַנץ גוט וועגן זייערע מאַסיווע ביישטייערונגען. פּונקט ווי ס׳בייטן זיך אַ סך זאַכן אין אַנדערע לענדער בייטן זיי זיך אויך אין אונדזער לאַנד. איך בין אַ נישט־גלויביקער, אָבער איך האַלט, אַז מיר מוזן פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון אַלע גלויביקע אין אונדזער לאַנד. רעליגיע איז אַ פּערזענליכע זאַך און יעדער מענטש דאַרף זיין פֿולקאָם פֿריי צו דעצידירן פֿאַר זיך אַליין, צי ער וויל עס, אָדער נישט״.

זיין וויכקייט און איידלקייט האָט מיך דערמאָנט דעם פֿויער בעזשוקאָוו טיפּ, דער העלד פֿון טאָלסטאָי׳ס גרעסטע און וויכטיקסטע קונסט־ווערק „קריג און פֿרידן״.

מיט פֿאַרטרוימטע און פֿילנדיקע אויגן און מיט אַ געוויסן, וואָס פֿילט די לאַסט פֿון „וועלט שמערץ״ האָט דער דאָקטאָר גערעדט צו מיר מיט איינזעעניש און מיטליד וועגן באַבי יאַר, די סטאַלין עפּאָכע פֿון טעראָר; און מיט רמזים פֿון פֿאַרערונג פֿון מדינת ישראל. מיין געשפּרעך מיט אים און מיין דערפֿאַרונג מיט אַנדערע האָט מיך איבערצייגט, אַז מען קאָן נישט איגנאָרירן, אָדער אונטערשעצן דעם אונטער־שטראָם פֿון אומרואיקייט און אומצופֿרידנקייט צווישן דער אינטעליגענציע פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. ס׳איז לייכט און איינפֿאַך, ס׳איז אַפֿילו באַקוועם צו זינקען אין זומפּ פֿון פּאַטאַליסטישער רעזיגנאַציע אויפֿ׳ן חשבון פֿון רוסישן אידנטום. היסטאָרישע פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿאָדערט אָבער פֿון אונדז שטאַנדהאַפֿטיקע אמונה און דויערהאַפֿטיקע האָפֿענונג אין דער ענדליכער אויסלייזונג פֿון דער צווייטער גרעסטער אידישער געמיינדע אין דער וועלט.

דאָס „פּינטעלע איד” ביי אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס אידישע באַוואוסטזיין ביי די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. — רעליגיע ביי אידן און נישט־אידן אין רוסלאַנד.

אויסער די אומפאַרגלייכבאַרע גבורה, וועלכע די מוטיקע און העלדישע ישראל קעמפער האָבן אַרויסגעוויזן אויפ׳ן שלאַכטפעלד אין זייער גרויסן נצחון איבער דעם שונא, אַ נצחון וועלכער האָט צוריקגעקערט אונזער פאָלק צו זיין גלאָררייכער תנכ׳ישער תקופה, צייכנט זיך אויס דאָס רוסישע אידנטום אַלס דער גרעסטער וואונדער פון אונזער צייט. פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע און מיר האָבן אַ חברה ש״ס צען מינוט גאַנג פון קרעמלין; פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע און מיר באַגעגענען אַן אוניווערזיטעט סטודענט מיט תפילין! פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע און מיר באַגעגענען אַ פּראָפעסאָר מיט אַ פעקל מצה אין האַנט אויפ׳ן וועג צו פּראַוון אַ סדר! פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע און ס׳קומט אַ געבילדעטער קריסט זיך מגייר זיין! פופציק יאָר נאָך ברוטאַלער פאַרפאָלגונג און שוידערליכער אַגיטאַציע קעגן ציוניזם, בעט זיך אַ יונגער אינזשעניר, אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין ישראל! פופציק יאָר נאָך אַ פאַרצווייקטע און אומדערמידליכער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, קומט יעדן טאָג, גאַנץ פרי אַ יונגער אידישער קאָמיסאָר אין אַ געוויסן פּלאַץ אויסצואווייגען זיין האַרץ מיט אַ קאַפּיטל תהלים! פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, קלייבן זיך צוזאַמען צענדליקער, טויזנטער אידישע יונג־וואַרג צו טאַנצן און זינגען אידישע ניגונים שמחת תורה, אין גאַס לעבן שוהל!

פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, ברענגט אַ אידישער רויט־אַרמייער זיין ניי־געבוירענעם זון, אין מיטן דער נאַכט, אין אַ פאַרוואָרפענעם קעלער, און בעט דעם מוהל דורכפירן דעם ברית פון אברהם אבינו! פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע שטייט אַ אידישע פרוי אין געריכט, און ווען דער פּראָקוראָר פרעגט איר „וואָרום האָסטו געבאַקן מצה אין דיין הויז?” — ענטפערט זי — „ווייל איך ברויך מצה, ווי דאָס לעבן”! פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע פאָרט אַ אידישע סטודענטין איבער 400 קילאָמעטער צו געפינען אַ מקוה!

פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע לעבן דריי און אַ פערטל מיליאָן אידן אין סאָוועט רוסלאַנד אָן אַ ישיבה, אָן אַ חדר און אָן אַ פאָלקס־שולע, אָן אַ אידישער אָרגאַניזאַציע, אָן אַ אידישער פרעסע, אָן אַ סידור, אָן חומש, אָן

טלית און תפילין! פּערציק שוהלן און דרייסיק אַלטע רבנים פאַר דריי און אַ פערטל מיליאָן אידן! אפילו אָן אַ אידישן בית עולם.

אין קעגנוואַרט פון נאַציאָנאַלן חורבן, וועלכן דער קרעמלין האָט אַרויפגעצוואונגען אויף דעם רוסישן אידנטום, ווערט געגעבן רעכט און פּריווי־לעגיעס צו אַלע אַנדערע רעליגיעזע מינדערהייטן און עטנישע גרופּן צו פירן זייער אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לעבן. קיין איין אידישע שולע אין גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד צו לערנען אַ אידיש קינד אַ וואָרט אידיש, אָבער צענדליקער שולעס צו לערנען דייטש פאַר די 500,000 וואָלגאַ־דייטשן! די גייסטליכע פון די אַלע רעליגיעזע מינדערהייטן זיינען פראַנק־און־פריי אַרומצופאָרן אין אויסלאַנד אָנצוהאַלטן פאַרבינדונגען מיט זייערע מיט־גלויבנדע, אָבער נישט רבנים! יעדעס מאָל, ווען איך אָדער אַנדערע האָבן געלאַדן הרב לעווין צו באַזוכן אַמעריקע און אַדרעסירן די הסתדרות הרבנים, וועלכע האָט נאָך מיט פופצן יאָר צוריק דורכגעבראַכן דעם אייזערנעם פאָרהאַנג און געשיקט וויכטיקע דעלעגאַציעס צום רוסישן אידנטום, האָט דער מאָסקווער רב זיך אָפּגעזאָגט „צוליב מיין שוואַכן געזונט".

ווער אימיצער מיך פרעגן, וואָס איז אייגנטליך דער גרויסער סוד, די מיסטעריעזע אורזאַך פון דעם גרויסן נס — די שטאַנדהאַפטיקייט און דויער־האַפטיקייט פון סאָוועטישע אידן, אמת, אַ טייל פון זיי, פופציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע? דער ענטפער איז צווייפאַכיק. איגערליכע און אויסערליכע פאַק־טאָרן. אינערליכע — תורה, אמונה און מצוות. אפילו די אַפּנייגער און די סקעפּטיקער גיבן היינט צו, אַז נאָר אַ דאַנק דער שוהל, אמת, די איינציקע, אָבער ער וויס פון איר, ער זעט זי, ער טרעט אפילו אַריבער איר שוועל אַמאָל אין אַ נאָווינע. אַ דאַנק דעם סדר — אָן אַ הגדה און קידוש — מער נישט ווי אַ ברעקל מצה און אַביסל וויין, מיט פאַמיליע און פריינט אַרום טיש. אַ דאַנק דעם אָנדענק פון יום כיפור — אייניקע מינוט ביים שוהל צווישן צענדליקער טויזנטער, וועלכע מוזן בלייבן אין גאַס. אַ דאַנק דער מוטער'ס מצבה אויפ'ן בית עולם, וואו ער קומט צוליב נאַטירליכע סענטימענטאַלע אורזאַכן אויף פעריאָדישע באַזוכן... און אַ דאַנק דעם „פּינטעלע איד", וואָס פליסט נאָך אין זיינע בלוטן — אַ דאַנק דעם אַלעם האָלט ער זיך נאָך אָן צו דעם קערפּער פון היסטאָרישן, אויטענטישן אידנטום. אַ שוואַכערער גליד ווי אַנדערע, אָבער דאָך אַ גליד און אַ טייל פון קערפּער. די אויסערליכע פאַקטאָרן זיינען נישט אַזוי איינפאַך. דער ערשט פאַרשטאַרבענער איליאַ ערנבורג האָט געזאָגט — „אַזוי לאַנג ווי ס'וועט פאַרבלייבן אפילו איין אַנטיסעמיט אויף דער גאַנצער וועלט, וועל איך הויך אויסשרייען, אַז איך בין אַ איד!" ווען סטאַלין און זיינע מיט־

מערדער האָבן אומגעבראַכט די אידישע דאָקטוירים, קינסטלער, אינזשענירן און אינטעלעקטואַלן, פילע רבנים צווישן זיי, האָבן אידישע פּאַטערס און מוטערס פון געמישטע פּאָרלעך אָנגעגעבן נאָר די אידישע נאַציאָנאַליטעט פון זייערע קינדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ נישט־אידישן פאָטער אָדער מוטער. דאָס איז געווען זייער רעאַקציע פון זעלבסט־ווירדע צו סטאַלינ׳ס טעראָר קעגן זייער פאָלק.

דאָס וואָרט „יעווריי" אויף דעם פּאַספּאָרט פון אַ סאָוועטישן אידן איז גלייכצייטיק אַ קוואַל פון ענדלאָזע דיסקרימינאַציעס און אויך אַ קוואַל פון נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיניקייט.

נאָר דער געניטער און פאַרלעסליכער היסטאָריקער וועט קאָנען פאַרציי־כענען, און אויף דורות רעקאָרדירן, וואָס די אַנטשטייאונג און עקזיסטענץ פון מדינת ישראל האָט געמיינט פאַר דער אויפוואַכונג פון אַלע שיכטן פון רוסישן אידנטום. דאָס איז אַ גלאָררייכער קאַפּיטל, וועלכער האָט קיין פּאַראַלעל אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. די ישראל־אַמבאַסאַדע אויף באָלשאַיאַ אָרדינקאַ, האָפענטליך וועט זי לאַנג נישט בלייבן געשלאָסן, אפילו די אָפּגעצאַמטע לאָזשע אין דער מאָסקווער שוהל מיט די ישראל דיפּלאָמאַטן, די פאַרשיידענע ישראל דעלעגאַציעס צו אַלוועלטליכע קאָנפערענצן אין רוסלאַנד און אַנדערע לענדער, וואו מען טרעפט זיך איינער מיטן אַנדערן און אַפילו די שוידערליכע קאַריקאַ־טורן אין דער טאָג־טעגליכער פּרעסע קעגן מדינת ישראל צוזאַמען מיט די פּאָרנאָגראַפישע אַרטיקלען קעגן די ישראל העלדן — די אַלע צוזאַמען מיט אַנדערע פאַקטאָרן פאַרבונדן מיט דער מדינה, זיינען ממש אַן איינשפּריצונג פון לעבן און האָפענונג, פון געדולד און מוט אין דעם בלאַסן, אַנעמישן און זעהר מידן און פאַרשמאַכטן קערפּער פון רוסישן אידנטום.

ס׳ליגט פאַר מיר די לעצטע אויסגאַבע פון דער וועכנטליכער זונטאָג שריפט „נעדעליאַ" — די וואָך. דער לייט־אַרטיקל אונטער דעם קעפּל „באַן פאַסאַבניק טעלאַוויוואַ", באַן איז דער אַרויסהעלפער פון תל אביב. דער אַרטיקל שטייגט אַריבער אַלע פריערדיקע אַטאַקעס אויף מדינת ישראל. אויף אַ שווידערליך־גרויזאַמען וועג שילדערט דער לאַנגער אַרטיקל מיט „פאַקטן" — ד. ה., קרעמלין־פאַקטן — די צוזאַמענאַרבעט פון דער ישראל־רעגירונג מיט די געוועזענע נאַציס פון דייטשלאַנד אין אַ מיליטערישער פאַרשווערונג קעגן די אַראַבער און „אַלע פרידנס־ליבנדע" פעלקער פון דער וועלט. צוליב פאַר־שטענדליכע אורזאַכן וועל איך נישט דערמאָנען די שאָקירנדע בלבולים קעגן ישראל, וועלכע דער טרויעריקער שרייבער, ב. אַרלאָוו, מאַכט אין דעם אַרטיקל.

זיכער וועלן אַ טייל לעזער אין רוסלאַנד גלויבן דעם שרייבער. אָבער אַן אינטעליגענטער און אַנשטענדיקער לעזער וועט פרעגן די נישט אויסגעמיטענע פראַגע: ווי קומט עס, וואָס אַ גרויסע מאַכט, ווי סאָוועט־רוסלאַנד, האָט מיט אַמאָל גענומען שיסן אַזעלכע ריזיקע קאַנאָנען קעגן אַ קליינער מדינה? די ווילדע, אומבאַגרעניצטע און אומראַציאָנאַלע פּאָגראָם־אַגיטאַציע קעגן ישראל שאַפט אַן עקל און אַ ווידער־רעאַקציע צווישן דער אינטעליגענציע. אַ איד מיט פאַרשטאַנד אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד מוז קומען צום באַשלוס, אַז מדינת ישראל איז נישט נאָך אַ דוכשניטליכע, אונטער־אַנטוויקלטע ניי־געשאַפענע מדינה אין די אַפראָ־אַזיאַטישע קאָנטינענטן. נאָך אַלעמען, אויב סאָוועט־רוסלאַנד שענקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט צו תל אביב און ירושלים, מוז עס זיין אַן עקזיס־טירנדע אָדער אַמווינציקסטנס אַ פּאָטענציאָנעלע מאַכט. דער אַזוי אַנגעליטענער, פאַרשעמטער און צעדריקטער איד פון רוסלאַנד, טיף אין זיין האַרץ, ווייס, פרייט זיך און שטאָלצירט מיט דעם פאַקט, וואָס וויט אין אַ ווינקעלע אויף דער וועלט געפינט זיך אַ איד, וועלכער „פאַרדינט״ די אויפמערקזאַמקייט פון קרעמלין נישט ווינציקער, אפילו מער, ווי די רויטע כינע און די פאַראייניקטע שטאַטן. אמת, ס׳איז שווער צו גלויבן און פילייכט נאָך שווערער צו פאַרשטיין, אָבער די גרויזאַמע קאַריקאַטור און דער שטרייכער אַרטיקל אין איזוועסטיאַ, קעגן מדינת ישראל, פונקט ווי דאָס וואָרט „יעוורעי״, איד, אויף זיין פּאַספּאָרט שטופּט דעם רוסישן איד אַלץ בענטער צו אידענטיפיצירן זיך מיט דעם שיקזאַל פון זיינע ברידער אין מדינת ישראל און אין דער גאַנצער וועלט.

אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ וויכטיגער פאַקטאָר, וועלכער שטופּט דעם סאָוועט־טישן אידן צו זיין פאָלק און צו זיין פאַרגאַנגענהייט. צוזאַמען מיט די אַנדרעי וואָזנעסענסקיס און פילע אַנדערע פון זייער מין, פילט דער רוסישער איד די פוסטקייט, זינלאָזיקייט און דעם אומזין פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. ער איז זעהר מיד פון דער שטענדיקער רעגימענטאַציע, פּאָליציי־אויפזיכט, אַרכאַאישע שלאָג־ווערטער און דער מאָנאָטאָנישער עקזיסטענץ. עס איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער סענסיטיווער נאַטור פון דעם אידן צו זיין צווישן די ערשטע, וועלכע פילן דעם וועלט־שמערץ, די ליידן און יסורים פון דער מענטשהייט. אידן זיינען געווען צווישן די ערשטע און וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערן קעגן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם און זיי זיינען היינט נישט צווישן די לעצטע צו אַנערקענען דעם טראַגישן באַנקראָט פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. דער קרעמלין, פון סטאַלינ׳ען ביז קאָסיגינ׳ען און גראָמיקאָ און זייערע נאָכפאָלגער באַטראַכטן דעם רוסישן אידן אַלס אַ „זיכערקייט־ריזיקע״, ווייל זיי אַנערקענען, אַז דער איד מיט זיינע ספּעציעלע פעאיקייטן און זיינע העכערע סאָציאַלע

אויסזיכטן איז נישט צווישן די פאַרלעסליכסטע בלינדע נאָכפאָלגער פון דיקטאַטור און טיראַניי.

זאָל קיינער נישט אַרונטערציען דעם פאָרהאַנג אָדער וואַגן זאָגן קדיש נאָך דעם געקריוודעטן און פאַרוואונדעטן אידנטום. די מסירת נפש, וועלכע פאַרוואַלגערט זיך אין אַ ווינקעלע פון קיעוו אָדער מינסק קען מען ניט געפינען אין דער פרייער און רייכער ניו יאָרק, לאָנדאָן אָדער פאַריז. אַ פאָלק, וועלכעס האָט די פעאיקייט זיך אומצוקערן צום כותל המערבי אַלס אייגנטימער נאָך ניינצן הונדערט יאָר פון קרייץ־צוגן, אינקוויזיציעס, פאַגראָמען און טרעבלינקעס, קען האָפן, ענדליך, אַריבערצושפּאַנען די גרויסע מאַסיווע ווענט פון קרעמלין און טריאומפיש זינגען מיט כלל ישראל — „ושבו בנים לגבולם" — די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער גרעניץ!

אידישער צער אין מאָסקווע, פרייד אין ירושלים

נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און שטערונגען קלאַמערן זיך
דאָך די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד צו אידישקייט און אידיש לעבן.

אין יענער אַנטשיידענדיקער און אומפאַרגעסליכער פרילינג נאַכט, אַ דריי מיט אַ האַלב צענדיק יאָר צוריק, אין וועליזש, ווען מיין מוטער האָט פאַרזיכטיק און שטילערהייט אויפגעוועקט מיינע שוועסטער און ברידער און מיך בתוכם און האָט אונז געהייסן וואָס שנעלער זיך אָנטאָן און זיין גרייט אויף אַ רייזע, איז מיר אפילו אין מיין ווילדסטער פאַנטאַזיע נישט געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז יאָרן שפּעטער וועל איך זיך פרייוויליק אומקערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

כאָטש אונזער אַרויספאָרן דעמאָלט פון רוסלאַנד קיין לאַטוויע, דורך דער גרענעץ אין סעבעזש, איז געווען לעגאַל, מיט אויסלענדישע פּאַספּאָרטן, דאָך איז די הונדערט קילאָמעטער רייזע אין אַ קליין שיפל איבער דעם טייך דווינאַ קיין וויטעבסק, אין דער פינסטערניש פון דער פאַרוואָלקענטער נאַכט געווען באַגלייט מיט גרויס שרעק. די יעווסעקציע און די גע. פּע. או. פון אונזער שטאָט האָבן געהאַט אַ האַרץ אויף מיין פאָטער הרב ר׳ אליעזר זצ״ל פּופּקאַ, וועליזשער רב זינט 1913, און זקן הרבנים פון פילאַדעלפיע זינט 1942.

דריי מאָל איז מיין פאָטער געשטעלט געוואָרן צום געריכט פאַר זיין מוטיקן ווידערשטאַנד צו דער קאָמוניסטישער רעגירונג. מען האָט מיין פאָטער גע׳משפּט פאַר בעטן הילף פון אויסלאַנד פאַר די רוסישע אידן, פאַר אסר׳ן צווי קצבים פון שטאָט, די וואָלפסאָן־ברידער, פאַר פאַרקויפן חזיר־פלייש צוזאַמען מיט כשר׳ע פלייש, און פאַר לערנען תורה מיט דערוואַקסענע בחורים פון שטאָט.

יעדע מינוט פון דער רייזע פון וועליזש ביז אַריבער דעם גרענעץ איז געווען פול מיט שרעק. יעדעס מאָל וואָס אַ קאָמיסאַר איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך געדוכט, אַז מען ווערט צוריקגעקערט הינטער די אייזערנע גראַטעס. גרויסאַרטיק און גליקלעך איז געווען יענער מאָמענט ווען די אייזנבאַן האָט זיך אָפּגעשטעלטביים גרענעץ צווישן רוסלאַנד און לעטלאַנד. די סאָוועטישע קאָמיסאַרן האָבן אַרונטערגעשטייגט פון באַן און די פאַרפּוצטע זעלנער פון לאַטוויע, מיט פּאַלערינעס אויף די אַקסלען און ווייסע פעדערן אין די הוטן האָבן אַרויפגעשטיגט און מיט אַ העפליכן שמייכל זיך פאַרנייגט פאַר מיין פאָטער מיט דער באַגריסונג.



דער וועליזשער רב הרב ר׳ אליעזר פּופּקא זצ״ל

ווען דער באַן האָט זיך גענומען רירן און דאַמף וואָלקנס האָבן אַרומ־געריגלט דעם לאָקאָמאָטיוו וועלכער האָט שווער געאָטעמט, געהוסט און גע־קרעכצט, האָב איך געוואָרפן מיין לעצטן בליק אויפן רוסישן באַדן, אויף דער גרענעץ־וואַך און אויף דעם ריזיקן טויער מיט זיין פּייערלעכן לאָזונג „פּראָלעטאַרי וסיעך סטראַן סאָיעדיניאַיטעס״ — פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך!״. ביי יענעם מאָמענט איז מיר, דעם דרייצן־יאָריקן אינגל, גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז יאָרן שפּעטער וועל איך זיך אומקערן אויף אַ באַזוך צום לאַנד וואָס האָט אַזוי גרויזאַם באַרויבט מיינע קינדער יאָרן און אַזוי פאַראומערט דאָס לעבן פון מיינע עלטערן.

דער אומשטערבליכער ענגלישער פּאָעט, פון דער ליטעראַרישער וויק־טאָריע עפּאָכע, ראָבערט בראַונינג, האָט אין איינער פון זיינע פּאָעמעס, געשריבן אויף זיין רייזע פון איטאַליע צוריק קיין ענגלאַנד, געשילדערט די מיסטישע און נאָסטאַלגישע בענקשאַפט נאָכ׳ן לאַנד פון אונזער געבורט. ס׳איז גאַנץ נאַטירליך צו בענקען נאָך דער שפּראַך, דער ליטעראַטור און די העלדן, וועלכע ווערן אַ אומשיידבאַרער טייל פון אונזער באַוואוסטזיניקן לעבן.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט סאָוועט רוסלאַנד לעצטן מאַי, נאָך אונזער דריטן באַזוך אין דריי יאָר, האָבן מיר איבערגעלעבט דאָס וואָס ס׳לעבט דורך אַ באַזוכער ווען ער פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל צימער פון זיין ערנסט־קראַנקן ברודער. ער טרייסט זיך מיט דער געלעגנהייט וואָס ער האָט געהאַט צו פאַרברענגען אַ ביסל צייט מיט דעם חולה, זיין ברודער, און גלייכצייטיק איז זיין האַרץ פול מיט זאָרג און אַנגסט וועגן דער צוקונפדיקער לאַגע פון דעם פּאַציענט.

אמת, מען קאָן גיך נישט פאַרגעסן דעם שימער און גלאַנץ פון דעם צאַרישן ווינטער פּאַלאַץ, דעם הערמיטאַזש, די צויבערליכע ווייסע נעכט פון לענינגראַד, די טרעטיאַקאָווסקי קונסט־גאַלעריע אין מאָסקווע, די עקזאָטישע רואיקייט פון צאַרסקאָיע סעלאָ (גאָראָד פושקינאָ), די מאַיעסטעטישע שיינקייט פון פּיטערהאָף, קיעוו׳ס דניעפּער ברעגן, אָדער די „הימל־קראַצענדיקע״ בערג פון טיבליסי (טיפליס) — אָבער ס׳איז קאַטעגאָריש אוממעגלעך, אפילו מאָמענטאַל, פון געדאַנק אַרויסצולאָזן די געשטאַלטן, די פּנים׳ער, די אויגן, די באַוועגונגען און אויסדרוקן פון אונזערע געקריוודעטע, פאַרשטומטע איזאָלירטע און פּיליכט טיילווייז פאַרגעסענע דריי מיליאָן ברידער און שוועסטער אין דעם קאָמוניסטישן „גן עדן״, וועלכער פאַרצייכנט איצט זיין 50־יאָריקן יובילעי. דער יעניקער, וועלכער האָט אַליין געהערט זייערע קרעכצן און געזען זייערע צעשראָקענע, פּיינליכע אויגן קאָן זיך אויף אייביק פון זיי נישט שיידן! זיי קריכן זיך אין טיף אין האַרצן און דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה.

ביי היינטיקן טאָג איז די טראַגעדיע פון רוסישן אידנטום פיל בולט'ער ווי ווען עס איז אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס לעבן און די באַוועגונגען פון אַ מענטשן מיט שוואַכע און נישט גלייכע גלידער איז דורכאויס באַגלייט מיט אָנשטרענגונג און ווייטיק. אָבער ער ווערט געוואוינט צו זיין לאַגע און מאַכט שלום מיטן שיקזאַל. אָבער ווען ער קומט צו אַ חתונה און אַלע הויבן זיך אויף און גייען טאַנצן און ער מוז בלייבן זיצן אויף זיין פּלאַץ, דאַן עפענען זיך אויף פון דאָס ביי זיינע וואונדן און זיין שמערץ ווערט אַ פרישע דערפאַרונג.

זינט די פאַנטאַסטישע זיגן פון די העלדישע ישראל־קעמפער איבער דעם טייוולאַנישן פאַרמעסט פון דעם שונא, איז ביי די אידן פון דער וועלט גרויס פרייד. מיר זענען צוריק אין אונזער גלאָררייכער תנ"כ'שער תקופה. די נבואה פון דעם נביא איז נישט נאָר אַ פּסוק אין אַ ספר, נאָר די ווירקליכקייט פון לעבן.

דאָס ישראל־אידנטום שטאָלצירט. דאָס אַמעריקאַנער און אייראָפּעאישע אידנטום פרייט זיך, אָבער דאָס רוסישע אידנטום ליגט אין אַ פינסטערן קעלער, פאַרבאָרגן און צעשראָקן.

אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וועלכן איך האָב די וואָך דערהאַלטן פון אַ פריינט אין רוסלאַנד שפּיגלט אָפּ טיילוויז די איצטיקע אָנגעשטרענגטע שטימונג אין ראַטנפאַרבאַנד:

„מיין שטיף־מוטער איז בייז און אויפגעבראַכט. זי האַלט אין איין שילטן און זידלען. זי האַלט מיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ און אַלעמען. מיינע שטיף־ברידער פאָדערן פון מיר איך זאָל זידלען מיין אייגענעם ברודער. זיי בעטן פון מיר געלט צו דינגען מענטשן אים צו שלאָגן. פיל מאָל שרעק איך זיך ארויסצוגיין אין גאַס אַליין צוליב מיינע שטיף־ברידער, וועלכע קוקן מיט אַ בייז אויג אויף מיר. כאָטש איך האָב נישט געקאָנט פאַרן צוליב מיין שוואַכן געזונט צו מיין ברודער'ס שמחה, דאָך פריי איך זיך און דאַנק ג־ט פאַר אים. איך האָף, אַז ענדלעך וועט זיך מיין „פּאַלאָזשעניע" (לאַגע) פאַרבעסערן און אויך, אַז דער גרימצאָרן פון מיין שטיף־מוטער וועט זיך אָפּקילן און דאַן וועל איך מיט ג־ט'ס הילף פאָרן באַזוכן מיין ברודער..."

מיין ערשטן אַרטיקל פון אָט דער סעריע האָב איך געשריבן אין עראָפּלאַן פליענדיק איבער'ן אַטלאַנטיק. די דערפאַרונגען זענען דאַן געווען פריש און לעבעדיק. היינט, דריי מאָנאַטן שפּעטער, זע איך די אַלע געשטאַלטן אין אַ פּאַנאָראַמישער דעפילאַדע. אָט קומט אַריין, מיט פעסטע טריט אַן אידעלער איד, גאַנץ פרי, אין דער לענינגראַדער באַראָן גינזבורג־שוהל. ער ציט ארויס טלית און תפילין פון אַן אַלטער, אָפּגעריבענער טעקע, אַ פּאָרטפעל, און זאָגט

מיט ערלעכער כוונה „ברכי נפשי את ד׳ — בענטש, ג־ט, מיין נשמה!״ די תמימות׳דיקע גר׳טע אין מאָסקווע קוקט אַרויס פון איר קרבן מנחה סידור און זאָגט „בעסער דאָ ליידן צוזאַמען מיט די אידן, איידער פרייען זיך מיט די פאַרפירטע גאָטלאָזע...״ דער ליובאַוויטשער חסיד, אַ איד מיט אַ הדרת פנים און אומוואַקלדיקער אמונה, מיטן אַרעמען רענצל אין האַנט אויפן כאַרקאָווער לופט־פעלד, טרייסט מיך: „מדה טובה מרובה ממדת פורענות — דער שטריך פון גוטסקייט איז פיל מער ווי דער שטריך פון שטראָף. אויב מיר, רוסישע אידן, קריגן אַזויפיל פורענות, שטראָף, שטעלט זיך נאָר פאָר וויפל מער גוטעס מיר וועלן נאָך קריגן פון ג־ט״... און וועל איך ווען פאַרגעסן דעם צאַרטן, בלאַסן פנימ׳ל פון דעם ניין יאָריקן אינגעלע וועמען איך האָב געפרעגט צי ער קען רעדן אידיש און ער האָט געענטפערט: „יאַ ניע זנאַיו — איך ווייס נישט״ און ווען זיין פאָטער האָט אים געזאָגט „מעגסט רעדן״ האָט ער אויפגעעפנט אַ חומש און גאָר ריכטיק פאַרטייטשט — און אין אידיש — ויחי יעקב בארץ מצרים, און יעקב האָט געלעבט אין מצרים״.. אַן אַלטער מאַראַנאָ אין אַ נייער שפּאַניע!

ניין! נישט רעפּין, נישט רעמבראַנדט קאָן מאָלן אַזאַ אייגנאַרטיק געשיכטלעך קונסט־ווערק. מיר האָבן עס נישט געפונען נישט אין הערמיטאַזש און נישט אין דער טרעטיאַקאָווסקער גאַלעריע. נישטאָ די פאַרב, נישטאָ די באַרשט כדי צו שאַפן אַזאַ קונסט־ווערק. „איוואַן גראָזני״ מעג ברומען און מערדערן אָבער די קונסט־ווערק וועלן זייַנע בלוט־דורשטיקע נעגל נישט דערגרייכן!

מיט די — און נאָך געשטאַלטן און דעראינערונגען זענען מיר אָפּגעפלויגן פון מאָסקווע קיין ירושלים.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט, און וואָס פאַר אַן איבערלעבונג!

אין לענינגראַד האָבן אידן דערציילט, אַז די נאַטשאַלסטוואָ האָט זיי אָפּגעזאָגט אַ שטיקל באָדן פאַר אַ בית עולם, און אין ירושלים — צוויי וואָכן פאַר דעם קריג, ווען די לאַגע איז געווען גאָר ערנסט און העכסט געשפּאַנט, מיט צענדליקער טויזנטער אַראַבישע זעלנער ביי דער גרענעץ און סאָוועטיש געווער אין ווערט פון איבער צוויי ביליאָן דאָלאַר, — אין ירושלים האָבן מיר געטראָפן אויף דער רוישיקער רחוב בן יהודה אַ אידן מיט אַ טלית איבער׳ן קאָפּ און מיט אַ גרויסן שילד אין די הענט אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן מיט רויט־שוואַרצע בוכשטאַבן די ווערטער:

„ב״ה — אזהרה חמורה לכל אדם בעולם שיעיז להפריע לשחרור ירושלים כולה עם חברון כולה!״ — אַ שטרענגע וואָרנונג צו יעדן מענטשן

אין דער וועלט וועלכער וועט וואַגן צו שטערן די באַפרייאונג פון גאַנץ ירושלים און גאַנץ חברון!

דער אומגליק און גלייכצייטיק דער גליק פון אונזער דור! אין לענינגראַד אפילו קיין בית עולם נישט און אין ישראל — גאַנץ חברון און גאַנץ ירושלים!

זיכער זענען אידן פון אַמעריקע, איראָפּע און ישראל שטאַרק פּאַראינ־טערעסירט מיט דער אידישער לאַגע אין ראַטנפאַרבאַנד. מען פרעגט, מען וויל וויסן וואָס ס׳טוט זיך דאָרט. אָבער ס׳איז אַ באַדייטענדער אונטערשיד: דער אַמעריקאַנער איד סימפּאַטיזירט, ער האָט מיטגעפיל מיט׳ן רוסישן אידנטום, ווי אַ פריינט, וועלכער זאָרגט אויפ׳ן שיקזאַל פון זיין נאָענטן פריינט אין אַ וויטער מדינה. אין ישראל איז סיי דער געפיל און סיי די זאָרג גאָר אַנדערש. דער איד פון ירושלים און תל אביב פרעגט און רעדט וועגן דעם רוסישן אידן מיט אַן ערנסטער זאָרג און אַ טיף־פּערזענלעכער איינוויקלונג, פונקט ווי אין ברודער פרעגט זיך נאָך און וויל העלפן זיין בויט־ליידענדן ברודער.

די זעלטענע בילד איז גענומען געוואָרן אין ירושלים, 10 טעג פאַר דער 6־טאָגיקער מלחמה

טראַגעדיע פון אידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד

דער טראַגישער סך־הכל נאָך פופציק יאָר קאָמוניזם. — ווי דאָס אידישע לעבן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד פאַרגלייכט זיך מיט דעם לעבן פון די רוסישע אידן אונטערן צאַריזם.

אין איניקע וואָכן אַרום וועט סאָוועט־רוסלאַנד פייערן דעם 50־יאָריקן יובילייִ פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917. די פייערונג אין דעם יאָר וועט זיין גאָר אַנדערש פון די פייערונגען אין די פריערדיקע יאָרן. אַ האַלבער יאָרהונדערט פּאַסירט נאָר איין מאָל אין פופציק יאָר.

די „פּראַוודאַ" און די „איזוועסטיאַ" וועלן גאָר פּראָמינענט שילדערן שוואַרץ אויף ווייס, מיט ציפערן, סטאַטיסטיק, סכעמעס און דיאַגראַמען, דעם „אויסערגעוויינליכן" פאָרשריט, וועלכן דער קאָמוניזם האָט געמאַכט אויף אַלע געביטן פון מענטשליכן לעבן ווי אַגראַר אַנטוויקלונג, אינדוסטריעלער וואוקס, וויסנשאַפטליכע דערגרייכונג, קינסטלערישע שאַפונג א. אַז. וו. מיט שטאָלץ וועט דער קרעמלין דערמאָנען די וועלט וועגן דער „באַפרייאונג" פון לאַטוויע, עסטאָניע, ליטע, פוילן, אונגאַרן, בולגאַריע און יוגאָסלאַוויע.

די קרעמלין פירערשאַפט, וואָס איז אָנערקענט און גוט באַוואוסט אַלס גרויסע און פעאיקע ספּעציאַליסטן און פּאַכלייט אין איינאָרדענען אימפּאָזאַנטע און קאָלירפולע פּאַראַדן, וועלן דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט מאַסיווע טאַנקען, בליץ־שנעלע עראָפּלאַנען און מיסילס. די מוזיק וועט הויך אויפשפּילען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און די זעלבסט־פּראָקלאַמירטע מאָראַל פירעדיקער און פאַר־טיידיקער פון די געקריוודעטע וועלן זיך אויסשטעלן ביים לענין מאַוזאָלעאום און וועלן מיט קלינגענדע פראַזן וואָרענען די אימפּעריאַליסטן, קאַפּיטאַליסטן און אַלע אַנדערע „רעאַקציאָנערע קרייזן" אויפצוגעבן זייער קריג קעגן די געליטענע און אונטערדריקטע פון דער וועלט.

מיר אידן פון דער גאַנצער וועלט, איינשליסנדיק אויך אידן פון סאָוועט רוסלאַנד, וועלן צו דער פייערליכער געלעגנהייט „איינאָרדענען" אונזער איגענעם „פּאַראַד".

אין אונזער „פּאַראַד" וועלן מאַרשירן די איבער 5,000 וואַנדאַליזירטע, צעשטערטע און געשלאָסענע שוהלן און בתי מדרשים פון די פינף און אַ האַלבן מיליאָן אידן פון צאַרישן רוסלאַנד. אין אונזער „פּאַראַד" וועלן מאַרשירן די

איבער 5000 ישיבות און די נאָענט צו 10,000 תלמוד תורה׳ס, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן דורך דעם קרעמלין מיט דער הילף פון דער יעווסעקציע.

אין אונזער „פּאַראַד״ וועלן מאַרשירן טויזנטער רבנים, ראשי ישיבות, תלמידי חכמים און גבירים, פון די באַרימטסטע אידישע משפּחות אין רוסלאַנד, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן צום טויט אין די טייוולשע טורמעס פון סיביר. הינטער זיי וועלן מאַרשירן די טויזנטער פּאַרפּירטע, געטרייע אידישע דינער פון קאָמוניזם, וואָס סטאַלין האָט ליקווידירט צווישן 1948 און 1956.

אין אונזער „פּאַראַד״ וועלן זיין אָנגעשלאָסן די איבער 300 טויזנט געטרייע מיטגלידער אין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון צאַרישן רוסלאַנד, אויף וועמען עס איז צום שווערסטן געפאַלן די ברוטאַלע האַנט פון קאָמוניזם און האָט אומדערבאַרמדיק אויסגעגאָסן איר פיינטשאַפט און צאָרן. „די ציוניסטישע פּאַרטיי שפּילט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ראָלע. זי איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר׳ן קרעפטיקן צווישן די צוריקגעשטאַנענע אידישע מאַסן דעם פינסטערן איינפלוס פון קלעריקאַליזם און נאַציאָנאַליזם״, האָבן די יעווסעקעס דערקלערט.

אונטער דעם רעזשים פון צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן זיינען אין רוסלאַנד געווען 1,200 ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיט 300,000 באַוואוסטזיניקע, צאָלנדע מיטגלידער!

אין אונזער „פּאַראַד״ וועלן מאַרשירן די הונדערטער אידישע רעליגיעזע, קולטורעלע און וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשטיצט און אַנטוויקלט דעם דינאַמישן, מוטיקן און שעפערישן גייסט פון דעם אידישן ריז אין רוסלאַנד, וואָס די איינוואויבער פון קרעמלין האָבן געשמידט אין קייטן און פאַראורטיילט צו טאָטאַלן אונטערגאַנג.

אין אונזער „פּאַראַד״ וועלן מאַרשירן די הונדערטער טויזנטער אידישע נאַצי־קרבנות פון באַבי־יאַר, וועליש, וויטעבסק, סמאָלענסק, מינסק און אַנדערע פלעצער, פאַר וועמען דער קרעמלין דערלאָזט נישט אפילו אַ באַשיידענעם דענקמאָל, אפילו נישט אַ צייטווייליקן און איינפאַכן דענקמאָל, ווי מען האָט אויפגעשטעלט פאַר באַנטשע שוויג!

אין אונזער „פּאַראַד״ וועלן מאַרשירן די טויזנטער אידן, וואָס שמאַכטן ביים היינטיקן טאָג אין די טורמעס פון רוסלאַנד, לאַטוויע, ליטע א. אַז. וו. פאַר דעם פאַרברעכן פון באַקן מצות, מאַכן אַ ברית פאַר אַ ניי־געבוירן קינד, אָנגעבן אַ „פּראָשעניע״ אויף אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין ישראל, אָדער לערנען אַ פּסוק חומש מיט אַ קינד.

אין אונזער „פּאַראַד" וועלן מאַרשירן די הונדערטער טויזנטער נאָך־רעוואָלוציע געבוירענע אידישע זין און טעכטער, וואָס זיינען אויף אַ גרויזאַמען אופן אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער תורה, שפּראַך, פאָלק און לאַנד — און וואָס דורך אַ נס פון ג־ט האָבן זיי אַ געפיל פון בענקשאַפט און צוגעבונדענקייט צו זייער פאַרגאַנגענהייט און שטאָלצירן מיט'ן וואָרט „יעוורעי", און טיף אין האַרצן פרייען זיי זיך מיט דעם היסטאָרישן טריאומף פון מדינת ישראל!

אין אונזער „פּאַראַד" וועט אויך מאַרשירן די גרויסע מערהייט פון די דריי מיט אַ פערטל מיליאָן אידן, וואָס צוזאַמען מיט פילע מיליאָנען ניט־אידישע איינוואוינער פון רוסלאַנד וואָלטן זיי גליקליך געווען צו פאַרלאָזן דעם קאָמוניסטישן „גן עדן" און געניסן עפּעס פון דער פרייער וועלט.

אפילו דער מאָסקווער רויטער סקווער צי דער ריזיקער „דזשערדזשינסקי פּלאַטשאַד" אין כאַרקאָוו וועלן נישט זיין גרויס גענוג פאַר אונזער „פּאַראַד", ווייל מיט אונז מאַרשירן די, וועלכע זיינען דאָ נישטאָ, און אויך די, וועלכע האָבן געקענט זיין אין דער צוקונפט. מיט אונז מאַרשירט אייביקייט!

אָבער די ווערגעליסעס, ראַבינאָוויטשעס און בעלענקיס וועלן זיך נישט אַנשליסן אין אונזער „פּאַראַד".

איך האָב באַצאָלט 10 קאָפּיקעס פאַר שלמה ראַבינאָוויטש'עס „אידן אין סאָוועטן פאַרבאַנד". די קליינע, דאַרע, 50־זייטיקע בראָשור, וואָס איך האָב באַמערקט אין דעם צייטונג־קיאָסק פון דער „ראָסיאַ גאָסטיניצאַ" איז אַ מוסטער־האַפטער טריאומף אין דער שקרים־ליטעראַטור פון דער וועלט. דאָס דערמאָנט אונז די טיפזיניקע באַמערקונג פון דעם מעזריטשער מגיד, ר' דוב בער, וועלכער האָט מיט גרויס וואונדער באַטראַכט דעם בלאָסן, געטליך־אידעלען געזיכט פון זיין תלמיד, דעם בעל „התניא", וועלכער איז אַ מידער איינגעשלאָפן אין בית המדרש אין מיטן דער נאַכט לעבן זיין גמרא. „ג־ט, באַשעפער פון דער וועלט, דו האָסט אַריינגעטאָן אַזאַ גרויסע נשמה אין אַזאַ קליינעם גוף!" — האָט דער מגיד פייערליך אויסגערופן. ווען מען לייענט ראַבינאָוויטש'עס „מייסטער ווערק" ווילט זיך אויך אויסשרייען: אַזוי פיל שקרים אין אַזאַ קליין ביכעלע!

צווישן פילע אַנדערע גאַנצע און האַלבע ציניש ליגנס שרייבט ראַבינאָוויטש: „אין סאָוועטן פאַרבאַנד איז יעדן מענטשן געגעבן די פולע מעגליכקייט אַליין צו לייזן די פראַגע וועגן זיין באַציאונג צו רעליגיע. אין קיין שום אָפיציעלן דאָקומענט — נישט אין פּאַספּאָרט, נישט אין פאַרשידענע אַנקעטעס, נישט אין די בויגנס פון פאָלקס־ציילונג — איז נישטאָ קיין פּונקט וועגן דעם, ביי וועלכער רעליגיע דער געגעבענער בירגער האַלט זיך".

אָבער יעדעס קינד ווייס, אַז אויף אַ אידישן פּאַספּאָרט ווערט פאַרצייכנט

דאָס וואָרט „יעווריי" — איד. און מאָריס הינדוס, איינער פון די פאַרלעסליכסטע און גענויאַלסטע ספּעציאַליסטן אויפ׳ן געביט פון סאָוועט רוסלאַנד, וואָס האָט געדרוקט 20 ביכער אויף דער טעמע, באַריכטעט אין זיין לעצטן בוך, געדרוקט היי־יאָר, „דהי קרעמלינ׳ס יומען דילעמאַ", אַז עס איז נישט אַזוי לייכט פאַר אַ אידן אין רוסלאַנד אַריינצוטרעטן אין אַן אוניווערזיטעט, און אַז עס איז אינגאַנצן אוממעגלעך פאַר אַ אידן צו שטודירן אין העכערע מיליטערישע אַקאַדעמיעס, אָדער אין דעם דיפּלאָמאַטישן קאָלעדזש פון מאָסקווע. הינדוס באַריכטעט, אַז „היינט, פּונקט ווי אין סטאַלינ׳ס נאָך־מלחמה יאָרן, איז קיין איין איד נישטאָ אין גאַנץ סאָוועט רוסלאַנד, וואָס זאָל פאַרנעמען די פאַראַנטוואָרטליכע עפּאָזיציע פון „ערשטער פּאַרטיי סעקרעטאַר", סיי אויפ׳ן ראַיאָן אָדער פּראָווינציעלן שטאַפּל".

ראַבינאָוויטש שרייבט: „אַלע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד האָבן איינע און די זעלבע רעכט און מעגלעכקייטן". אַלע ערנסטע און אויפריכטיקע באַאָבאַכטער פון סאָוועט רוסלאַנד וויסן און גיבן־צו, אַז פון די 109 פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און 11 קלענערע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וועלכע געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד, איז די אידישע רעליגיעזע גרופּע די איינציקע, וואָס האָט נישט קיין ישיבה צו גרייטן יונגעלייט פאַר רבנישע פליכטן; וואָס האָט נישט קיין רעליגיעזע פרעסע, און וועמענס גייסטיקע פירער איז ניט דערלויבט צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע מיטגלויביקע אין אויסלאַנד! די וואָלגאַ־דייטשן און אַנדערע סאָוועטישע דייטשן, וואָס זיינען, ווי די אידן פון סאָוועט רוסלאַנד, אָן אַן אייגענער נאַציאָנאַלער טעריטאָריע און זיינען צעשפּרייט איבער סיביר, די אוראַלער בערג און צענטראַל־אַזיע, האָבן קולטורעלע און געמיינדערעכט. די רעגירונג דערלויבט זיי צו האָבן אַן אייגענע פרעסע, אייגענע שולעס און טעקסט־ביכער און פּעדאַגאָגישע איינריכטונגען צו בילדן און צוגרייטן לערער פאַר זייערע שולעס. נאָך מער, ווען זייערע קינדער באַזוכן אַלגעמיינע שולעס האָבן זיי דאָרט קלאַסן אָנגעפירט אין זייער אייגענער שפּראַך. זיי האָבן אפילו ראַדיאָ־סטאַנציעס, וואָס בראָדקעסטן אין דייטש. קיינע פון די פּריווילעגיעס זיינען דערלויבט דער אידישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, וואָס איז דריי אָדער פיר מאָל גרעסער פון דער דייטשער באַפעלקערונג אין ראַטן פאַרבאַנד! די רעגירונגס־פרעסע דרוקט הונדערטער טויזנטער ביבעלס און „מאָליטווענִיקעס" פאַר דער פּראַוואָסלאַווּנער קירך און פּראָדוצירט פאַר זיי צענדליקער טויזנטער איקאָנעס, אָבער קיין איין חומש אָדער סידור פאַר די דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן פון רוסלאַנד. די באַפּטיסטן דרוקן צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון דער פּראָטעסטאַנטישער ביבל, אָבער עס איז שווער און אוממעגליך צו קריגן אַ אידישן לוח אין גאַנץ רוסלאַנד.

די רוסישע אָרטאָדאָקסישע קירך, ווי עס האָט מיר באַשטעטיקט אין מאָסקווע מעטראָפּאָליט ניקאָדים, פירט אָן מיט דריי אַקאַדעמיעס און פינף סעמינאַרן, וואו זי שולט אויס אירע פּריסטער. און די מוסלומענער האָבן אַן אייגענע „מעדראַסאַ" צו שולען זייערע גייסטליכע, און זיי שיקן אפילו אַ טייל פון די קלעריקאַלישע סטודענטן צו שטודירן אין דעם קאַיראָ סעמינאַר אין עגיפּטען — אָבער פאַר דעם רוסישן אידנטום קיין אין תלמוד תורה און קיין אין ישיבה!

אָבער ראַבינאָוויטש וויל נאָך אַלץ אונז איינרעדן וועגן „פולע מעגליכקייטן און גלייכע רעכט, אומאָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט, צו לעבן זייער רעליגיעז און קולטורעל לעבן".

איך בין אַמוזירט געוואָרן צו לייענען די וואָך אין דעם סאָוועטישן מאָנאַטליכן זשורנאַל „סאָוועט לאַיף", וואָס ווערט פאַרשפּרייט אין אַמעריקע, וועגן דער מאָסקווער ישיבה, וואָס שולט אויס רבנים פאַר'ן סאָוועטישן אידנטום. איך האָב גלייך טעלעפאָנירט דעם רעדאַקטאָר און געבעטן אים צו געבן מיר דעם אַדרעס פון דער ישיבה. זיין ענטפער איז געווען: „אַזוי גיך ווי איך וועל דעם אַדרעס קריגן, וועל איך אים צופרידנערהייט אייך שיקן". איך בין זיכער, אַז נישט איך און נישט אַנדערע וועלן דעם אַדרעס קריגן, ווייל אַפילו שקר האָט אַ גרעניץ.

דער פאַקט איז, אַז אַדעס, וואו יעדער דריטער איינוואוינער איז אַ איד, און וואו עס האָבן זיך געפונען איבער 90 שוהלען אין דער צייט פון צאַר, האָט היינט נישט מער ווי איין אָפּגעלאָזטע שוהל פאַר אַ אידישע באַפעלקערונג פון 250,000! אַדעס מיט אַ אידישער באַפעלקערונג ווי שיקאַגאָ, האָט ניט מער ווי איין רב. קיעוו, מיט 250,000 אידן, און קישינעוו, מיט 100,000 אידן, האָבן קיין איין רב אויך נישט. גאַנץ סאָוועט רוסלאַנד האָט היינט צווישן 40 און 50 רבנים, מערסטע פון זיי איבער 70 יאָר אַלט. מאָסקווע, מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון 500 טויזנט, האָט איין רב, איין גרויסע שוהל און צוויי גאָר קליינע שוהלען.

און ראַבינאָוויטש שרייבט: „די מאָסקווער ישיבה „קול יעקב" גרייט רבנים, שוחטים און אַנדערע כלי קודש. די אידישע קהילות באַזאָרגן די פרומע אידן מיט כשר פלייש, מיט מצות, מיט אַ לוח א. אַז. וו."

אָבער די אַלע ליגנס, האַלבע ליגנס און איבערטרייבונגען ווערן פאַרשאַטנט פון דער גיפטיקער און צינישער באַהויפּטונג פון דעם קרעמלין אַפּאָלאָגעטיקער, אַז „צווישן דער אידישער באַפעלקערונג אין גאָר דער וועלט זיינען פאַראַן נישט מער ווי 20 פּראָצענט גלויביקע. אפילו אין ישראל היט

אָפּ די רעליגיעזע מנהגים בלויז אַ פינפט חלק פון דער באַפעלקערונג". אָבער אפילו איינשטימענדיק מיט זיינע פיקטיווע ציפערן, ווייס דען נישט ראַבינאָוויטש, אַז די „20 פּראָצענט" און דער „פינפט חלק" האָבן פאַר זיך אַ פאַרצווייגטע נעץ פון הונדערטער ישיבות, טויזנטער תלמוד תורה׳ס, טויזנטער רבנים און ראשי ישיבות מיט לאָקאַלע, ראַיאָן, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קערפּער־שאַפטן; אַ פּרעסע און דרוקעריי, וועלכע האַלטן אין איין אָפּפרישן שטאַרק און פאַרטיפן דעם רעליגיעזן אויפשוואונג, סיי אין גלות און סיי אין מדינת ישראל!

די פראַגע, חבר ראַבינאָוויטש, איז נישט וויפיל עס גלויבן, נאָר וואָס זיינען די מעגליכקייטן און די רעכט צו גלויבן און אָפּצוהיטן.

עס איז שוין צייט, אַז די ראַבינאָוויטשעס, ווערגעליסעס און בעלינקיס זאָלן זיך אויך אָנשליסן אין אונזער „פּאַראַד" און פאַרגיסן אַן ערליכע אידישע טרער אויף דעם חורבן, וואָס די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט אַרויפגעצוואונגען אויף דער צווייטער גרעסטער אידישער קהילה אין דער וועלט, דעם רוסישן אידנטום!



די פּראָ־נאַצישע אַנטי־ישראל און אַנטיסעמיטישע צייכענונג,
איז געווען געדרוקט אין מאָסקווער „פּראַוודאַ".

אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד וואָס ווערן געצוואונגען צו פּראָטעסטירן קעגן דער אידישער מדינה

מוזן באַווייזן זייער סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, אָבער גיבן־צו פּריוואַט, אַז זיי ווערן געצוואונגען אַרויסצוטרעטן קעגן מדינת ישראל.

ווען מיר זענען געזעסן אין דער הויפּט־לאָבי פון דעם עלעגאַנטן־אַסטאָריאַ האָטעל אין לענינגראַד און מיר האָבן דאָרטן געמיטליך פאַרבראַכט מיט צוויי באַאַמטע פון אינטוריסט, איז מיט אימפּעט צוגעלאָפן צו אונז אַ מאַן און זיך פאַרגעשטעלט מיט זיין נאָמען און מיט זיין פּראָפעסיע. דערנאָך האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג געזאָגט:

„איר זענט אידן פון אַמעריקע און פון ישראל. איר מוזט עפּעס טאָן אָפּצוהאַלטן די היץ־קעפּ אין תל אביב, וועלכע קענען אונז אַלעמען אַריינשלעפּן אין אַ נייער וועלט־מלחמה, וועלכע וועט מאַכן אַ סוף פון אונז אַלעמען".

סיי די אינטוריסט־באַאַמטע און סיי די דריי ישראל'דיקע טוריסטן, וועלכע האָבן זיך געפונען נעבן אונז, האָבן זיך געוואונדערט אויף דער פּלוצים־דיקער דערשיינונג פון דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן אידן. קיינער פון אונז האָט אים פריער נישט געהאַט באַגעגנט.

אָבער מיט דעם האָט זיך דאָס נישט געענדיקט. דער אומבאַקאַנטער איד האָט גערעדט היציק און ער האָט געשאָטן מיט פאַרלוימדונגען קעגן מדינת ישראל. ער האָט באַדויערט דעם גורל פון די „אומשולדיקע און הילפלאָזע אַראַבער".

ווען איך און די ישראל'דיקע טוריסטן האָבן פּרובירט עפּעס צו ענטפערן, האָט ער מיט בייזקייט אונז נישט געלאָזט ריידן.

איך בין געבליבן זיצן ווי אַ געפּלעפטער...

גליקליכערווייז האָט זיך דאָס מיט דעם נישט געענדיקט. שפּעטער אין אָוונט, ווען מיר האָבן שפּאַצירט נעבן דעם האָטעל, האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין פּלייצע. און גרויס איז געווען מיין איבעררעשונג, ווען איך האָב דערזען נעבן זיך דעם זעלביקן אידן, וואָס האָט געהאַט מיט עטליכע שטונדן פריער געשאָטן מיט אַזעלכע ביטערע פאַרלוימדונגען אויף דער אידישער מדינה. אָבער איצטער האָט ער זיך ווי געשעמט און ער האָט געקוקט אויף אונז מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם שמייכל אויף זיין פּנים. ער האָט פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, און מיט גאָר אַ שטילער שטים געזאָגט:

„ראַדי באָגאַ. איזוועניטע מניע. נאַ מניע נוזשנאַ בילאָ סקאַזאַט טאָ טשטאָ יאַ סקאַזאַל וואָם — ווי ג־ט איז אייך ליב. אַנטשולדיקט מיר פאַר דעם, וואָס איך האָב פריער געזאָגט צו אייך, איך האָב דאָס געמוזט זאָגן... זיי האַלטן אַ שטרענג אויג אויף מיר, ווייל זיי האָבן מיך שוין אייניקע מאָל געטראָפן מיט אויסלענדער, דורך וועלכע איך האָב זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט מיין קרוב אין אויסלאַנד. גלויבט מיר, אַז איך און די אַנדערע רוסישע אידן האָפן מיט אונזער גאַנצן האַרץ און מיט אונזערע נשמות, אַז מדינת ישראל זאָל זיין זיגרייך. קיינער פון אונז גלויבט נישט די בילבולים און די ליגנס, וועלכע מיר הערן און לייענען אין דער פּרעסע".

ער האָט אונז אויך דערציילט מיט וואָס פאַר אַ נייגעריקייט די אידן פאָלגן נאָך אויף דער ראַדיאָ די „אויסלענדישע" באַריכטן וועגן דער לאַגע אין דעם מיטעלען מזרח, און ווי טיף די אידן זאָרגן זיך וועגן די לעצטע געשעענישן און אַנטוויקלונגען דאָרטן.

ער האָט זיך מיט אונז געזעגנט און ער האָט ווידער אַמאָל געבעטן אונז, אַז מיר זאָלן אים אַנטשולדיקן פאַר זיינע פריערדיקע רייד און פאַרשטיין זיין לאַגע.

אַ צווייטע ענליכע דערפאַרונג האָב איך געהאַט שוין נאָך דעם 6־טאָגיקן קריג, אויסער סאָוועט־רוסלאַנד. אַ מיטגליד פון די אַקאַדעמישע קרייזן אין איינעם פון די גרעסערע אוניווערזיטעטן, מיט וועמען מיר ביידע האָבן זיך שוין געהאַט געטראָפן פריער, האָט איצטער, אין דער קעגנוואַרט פון דריי מאָסקווער באַאַמטע, מיט שוואַכע ווערטער אויסגעדריקט זיין באַדויערן, אַז מדינת ישראל האָט נישט געדאַרפט „אַנצינדען דאָס פייער".

אָבער אַזוי גיך ווי מיר זענען פאַרבליבן מיט אים אַליין, האָט דער דאָזיקער פּראָפעסאָר באַמערקט:

„מיר רוסן האַלטן, אַז אויב איינער איז געצוואונגען זיך צו שלאָגן מיט דעם צווייטן, דאַרף ער יענעם דערלאַנגען די ריכטיקע קלעפּ, און אויך געווינען, אויב ער וויל האָבן אונזער רעספּעקט. צי דאַרף איך עפּעס צוגעבן צו מיינע רייד?"

אָבער ער האָט יאָ וואָס צוצוגעבן. ער האָט געזאָגט:

„צי ווייסט איר דען נישט די איצטיקע וועלט־לאַגע? סאָוועט־רוסלאַנד זאָרגט זיך זעהר ערנסט וועגן כינע. פריער, אָדער שפּעטער, וועלן מיר זיך מוזן שלאָגן מיט די כינעזער. נו, דענקט איר, אַז אונטער די דאָזיקע אומשטענדן זענען מיר טאַקע אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם מיטעלען מזרח? אויב מיר האָבן ביז איצטער נישט געשיקט קיין שום זעלנער קיין וויעטנאַם, וועלן מיר שיקן זעלנער צו די אַראַבער קעגן מדינת ישראל? מיר מוזן ריידן,

שרייען, און פֿאַרלוימדן צוליב אונזערע פֿאַרבינדונגען מיט די אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער. ספּעציעל מוזן מיר האַלטן אין צוים די היץ־קעפּ. גלויבט מיר, אַז אונזער רעגירונג איז נישט אַזוי נאַריש אָדער אַזוי נאַאיוו צו איגנאָרירן דעם פֿאַקט, אַז זי איז פֿיל נענטער צו דער אידישער מדינה, מיט איר פּראָגרעסיווער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, ווי צו די פֿעאָדאַלע, שקלאַפֿן־הענדלערישע אַראַבישע קעניגרייכן".

אַן אַסימילירטער איד, אַ קאָמוניסט, געבוירן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, און ער פֿאַרנעמט אַ שטעלע ווי אַן אַקאַדעמיקער, וועלכער האָט פֿיל אויסצייכענונגען אויף זיין געביט, און ער רעדט אפילו אַ צעקאַליעטשעטן אידיש, האָט אַזוי אָפֿנהאַרציק צו מיר גערעדט און מיט אַנשטענדיקייט און מיט אַ הויך אידיש געפֿיל.

עס איז אויך וויכטיק צו באַמערקן, אַז ער האָט נישט אָפּגעלייקנט דעם עקזיסטירנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין דער איצטיקער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט. ער האָט גערעדט מיט גרויס ווייטאָג וועגן דער שטאַרקער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין די פֿערציגער יאָרן. ווען מיר האָבן זיך גאָר פֿריינדליך געזעגנט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

„איך וועל זיך ווידער צוריקקערן קיין רוסלאַנד, דאָס איז מיין געבורטסלאַנד. און איך וועל פֿאַרזעצן געטריי צו דינען מיין פֿאָטערלאַנד. איך האָב שוין געהאַט אַ פּאָר געלעגנהייטן צו פֿאַרבלייבן אין אויסלאַנד. אָבער איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טאָן. דורך מיין ערלעכן און געטרייען דינען מיין לאַנד וועל איך איבערצייגן כאָטש אַ באַגרעניצטע צאָל פֿון מיינע קאָלעגן, ווי פֿאַלש עס זענען די נאַרישע פֿאַרלוימדונגען קעגן מיין אָפּשטאַם".

מיט אַ וואָך צוריק, ווען איך בין געווען אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, כדי דאָרטן צו אַדרעסירן דעם באַנקעט פֿון דער ליובאַוויטשער „בית רבקה" שולע, וואָס, צוזאַמען מיט דער באַרימטער ליובאַוויטשער ישיבה דאָרטן, קען זי דינען ווי אַ מוסטער פֿון אידישער דערציאונג, האָב איך, צוזאַמען מיט איניקע פֿריינט, באַזוכט די וועלט־אויסשטעלונג. נאָך דעם, ווי מיר האָבן געהאַט פֿאַרבראַכט איבער אַ שעה אין דעם וואונדער־שיינעם ישראל׳דיקן פּאַוויליאָן, האָבן מיר באַזוכט דעם סאָוועטישן פּאַוויליאָן. איך האָב זיך דאָרטן אומדערוואַרטעט באַגעגנט מיט יעווגעני רושניקאָוו, דעם הויפּט פּרעסע פֿאַרוואַלטער פֿון דעם סאָוועטישן פּאַוויליאָן. ער איז מיינער אַ באַקאַנטער זינט עטליכע יאָר. איך האָב זיך מיט אים עטליכע מאָל באַגעגנט אין מאָסקווע. זיין ערשטע באַמערקונג צו מיר איז געווען:

„אפשר קענט איר מיר אויפקלערן דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ געהערט פֿון איניקע באַזוכערס אין אונזער פּאַוויליאָן. זיי האָבן אונז געזאָגט, אַז זייערע

אידישע באַלעבאַטים האָבן זיי אָפּגעזאָגט פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער ווייל זיי, די אָנגעשטעלטע, האָבן זיך אָפּגעזאָגט בייצושטייערן פון זייערע וועכנטליכע שכירות פאַר דער אַקציע צו קויפן געווער פאַר די אידן אין מדינת ישראל צו קעמפן קעגן די אַראַבער. איך פרעג אייך: וואו איז דער מענטשליכער יושר? און וואו איז רחמנות?”

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ שקר, און אַז דער אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער קאַנאַדע איז נישט הפקר, און אַז ער איז אַ סך בעסער פאַרזאָרגט עקאָנאָמיש און אויף דעם סאָציאַלן געביט, און אַז מען היט פיל בעסער אָפּ זיינע רעכט, ווי מען טוט דאָס מיט די אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער רוסלאַנד.

אויף דעם צווייטן עטאַזש פון דעם סאָוועטישן פּאַוויליאָן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און מיט נייגעריקייט אויסגעהערט די אויפקלערונגען פון אַ סאָוועטישן באַמאַטן צו אַ גרופּע באַזוכערס וועגן דעם „גליקליכן לעבן פון די פאַרשידענע מינדערהייטן אין דעם ראַטן־פאַרבאַנד”.

ווען איך האָב פאַרזיכטיק און טאַקטפול פאַרגעבראַכט דאָס אידישע פּראָבלעם, מיט ציפערן און פאַקטן, וועלכע זענען באַשטעטיקט געוואָרן פון פאַראַנטוואָרטליכע אויסלענדישע אינסטאַנצן, ווי די פאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע פון ענגלאַנד און פון פראַנקרייך, אַז די אידישע רעליגיע ווערט געקריוודעט און אַז מען דיסקרימינירט קעגן די אידן אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז ער געבליבן ממש אָן אַן ענטפער.

אָבער כדי צו ראַטעווען זיך פון אַן אומאָנגענעמער פאַרלעגנהייט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט צורופן זיינעם אַ קאָלעגע, וועלכער געפינט זיך איצטער אין דעם פּאַוויליאָן. און יענער וועט ענטפערן אויף מיין פראַגע.

אין אייניקע מינוט אַרום איז פאַר אונז געשטאַנען אַ שיינער, שלאַנקער, און אַ גאַר יונגער געלערנטער, מיט איידלקייט און מיט אַ גוט־מוטיקייט אויף זיין פּנים. זיין ערשטער נאָמען איז געווען סאַשאַ. איצטער האָב איך ווידער איבערגעחזר׳ט מיינע הויפּט־פראַגעס:

פאַרוואָס זענען פאַראַן רעליגיעזע אַקאַדעמיעס און סעמינאַרן פאַר גייסטליכע פאַר די פּראַוואָסלאַוונע, אַרמענער, מוסולמענער, וואָלגאַ־דייטשן, אָבער נישט פאַר די אידן? פאַרוואָס זענען פאַראַן איקאָנעס, ביבעלס, מאָלי־טעווניקס, צייטונגען, ביכער, און צווישן־געמיינדליכע אָרגאַניזאַציעס, מיט פרייהייט צו פאַרבינדן זיך מיט זייערע גלויבנס־גענאָסן אין אויסלאַנד, אָבער נישט פאַר די אידן? פאַרוואָס האָבן נישט די אידן די זעלביקע רעליגיעזע רעכט, וואָס די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד?

האָט סאַשאַ געטראַכט און געקלערט אייניקע מינוט. פאַר אַ ווײלע

האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט ער צו מיר, אין דער קעגנוואַרט פון מיינע פריינד און פון די אַרומיקע נייגעריקע צוהערערס, געזאָגט:

„איך לייקן נישט אָפּ אייערע באַהויפּטונגען. אָבער צי דענקט איר נישט, אַז ווען די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד וואָלטן זיך ניט קאָנצענטרירט אין מאָסקווע, לענינגראַד, אָדעס, כאַרקאָוו און אין קיעוו, און אין די אַנדערע גרעסערע שטעט, און זיי וואָלטן זיך איינגעאָרדנט אין איין געאָגראַפישער טעריטאָריע, ווי די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַז זיי, די אידן, וואָלטן, פּונקט ווי די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געקראָגן די אַלע רעליגיעזע און קולטורעלע מיטלען, וועלכע איר האָט דאָ אויסגערעכנט?"

דערויף האָב איך אים אויפגעוויזן, אַז די באַפּטיסטן און די מערסטע דייטשן אין סאָוועט־רוסלאַנד זענען אויך נישט קאָנצענטרירט אויף איין געאָגראַפישן שטח. אָבער דאָך האָבן זיי יאָ די אַלע דערמאָנטע רעכט און פּריווילעגיעס.

סאָשאַ, אַנערקענענדיק זיי איצטיקע פאַרלעגנהייט, האָט שטיל און מיט אַן אונטערגעבערישער שטים געזאָגט:

„איר האָט אַ גערעכטע טענה. אָבער איך האָב נישט די מאַכט דאָס צו קאָרעגירן. איר מוזט זיך ווענדן צו העכערע אויטאָריטעטן ווי איך בין".

איצטער, ווען איך שליס די סעריע אַרטיקלען וועגן מיין לעצטן באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד, וויל איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער צוקונפט.

מיט די אַלע רבני'ישע דעלעגאַציעס און די אַנדערע באַזוכערס אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיט די אַלע פּראָטעסט־מיטינגען, פּעטיציעס, דערקלערונגען און אפילו פאַרזיכערונגען פון דער סאָוועטישער רעגירונג האָט זיך די לאַגע פון די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד גאָר ווינציק געביטן. פאַרקערט, אין געוויסע הינזיכטן און אין געוויסע פּלעצער האָט זיך די לאַגע פאַרערגערט.

וואָס זשע זאָלן מיר איצטער טאָן?

איך שטים איין מיט דער מיינונג, אַז דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון דעם סאָוועטישן אידנטום איז דאָס רעליגיעזע פּראָבלעם. די תורה־פירערשאַפט פון אונזער דור מוז וואָס גיכער פאַררופן אַ וועלט־קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע. מען מוז מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען אָפּצוטיילן די אידישע פראַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד פון דעם קאַלטן קריג. איך בין צופרידן, אַז מיין פאָרשלאָג פון דריי יאָר צוריק, צו קריגן די דערלויבעניש פון דער סאָוועטישער רעגירונג אַריינצולאָזן אַ גרופּע רבנים פון אויסלאַנד אויף צייטווייליקע טערמינען, פון אַ זעקס מאָנאַטן ביז אַ יאָר צייט, ווערט אויפגעהויבן פון געוויסע קרייזן אין אַמעריקע.

אָבער אַזאַ פאָדערונג דאַרף געמאַכט ווערן נישט דורך אַ נייעס־קעפּל אין אַ ביו יאָרקער צייטונג, נאָר דורך פאַרלעסליכע און מיטפילנדיקע שטאַטסלייט

און פראָמינענטע רעליגיעזע וואָרטזאָגערס אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער סאָוועטישער רעגירונג.

אונזער דור, וואָס האָט בייגעוואוינט די מערדערישע אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק דורך די דייטשן, טאָר ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דער געפאַר פון אַ טאָטאַלער גייסטיקער אויסראָטונג פון דער צווייט־גרעסטער אידישער געמיינדע אין דער וועלט, דאָס סאָוועטישע אידנטום, וואָס שטעלט מיט זיך איצטער פאָר אַ פערטל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אויף דער וועלט.

מיר, די אידן פון דער פרייער וועלט, מוזן אָנקניפּן וואָס מער פאַרבינדונגען מיט אונזערע ברידער הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג. אמת, די רוסישע שפּראַך איז זעהר וויכטיק צו קענען שאַפן די קאָנטאַקטן מיט די ברייטערע שיכטן פון דער אידישער און נישט־אידישער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער אפילו דאָס בלויז פאַרן אַהינצו, אָן דער רוסישער שפּראַך, איז אויך אַ גרויסע הילף. די אידן דאָרטן נייטיקן זיך אין אונזער דערמוטיקונג, ווייל זיי זענען דאָרטן זעהר עלנט.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט יעדער איינער באַזיצט די קוואַליפיקאַציעס צו מאַכן אַזאַ באַזוך, און טאַקטפול און שטאַטסמענעריש צו ריידן מיט אַ סאָוועטישן קאָמיסאַר. אַרום און אַרום מוז אונזער צוגאַנג צו דעם גרעסטן און וויכטיקסטן אידישן פּראָבלעם רעוויזירט ווערן. אויב די אַלטע מעטאָדן האָבן נישט געבראַכט קיין גוטע רעזולטאַטן, מוז מען זוכן נייע מיטלען.

נאָך אַלעמען, דאַרף מען געדענקען, אַז די ערשטע ניין מכות האָבן נישט וויכער געמאַכט דאָס האַרץ פון פרעה'ן. ערשט די צענטע פּלאָג האָט מיטגעבראַכט זיין אונטערגעבן זיך. דער גורל האָט אַרויפגעלייקט די היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף אונז און מיר טאָרן קיין מינוט נישט רוען ביז דער קרעמלין וועט נישט אויסשרייען:

„קומו צאו מתוך עמי, גם אתם גם בני ישראל, ולכו עבדו את השם כדברכם — שטייט אויף, גייט אַרויס פון צווישן מיין פאָלק, אי איר, אי די קינדער פון ישראל, און גייט, דינט ג־ט, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט".

„זקני ציון"־פּראָטאָקאָלן אויפן סאָוועטישן שטייגער

די שענדלעכע העצעס אויף אידן אין די סאָוועטישע צייטונגען. — די שוידערלעכע קאַריקאַטורן.

סאָוועט־רוסלאַנד, ווי עס איז באַקאַנט צו געניטע און קאָמפּעטענטע באַאָבאַכטערס, האָט ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן באַוויזן, אַז זי הויבט זיך אָן צו וואַקלען אין איר מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, קאָמוניסטישער אָרטאָדאָקסיע און שטרענג־לעניניסטישער ליניע לויט איר אַנזיכט פון פּראַגמאַטישע פאָדערונגען פון ניי־געשאַפענע באַדינגונגען.

אויף איין געביט אָבער ווייזט דער קרעמלין אַרויס אַ זעלטענע שטייפע אויסגעהאַלטנקייט — אין זיין ווילדער און אומראַציאָנאַלער פיינטשאַפט צו מדינת ישראל, און אין זיין טראַדיציאָנעלער און ליידנשאַפטלעכער פאַראַכטונג פון דעם ציוניזם.

גאַר ווינציק האָבן די טעג די סאָוועטישע צייטונגען און צייט־שריפטן מפסיק געווען אין זייער גיפטיקן קרייץ־צוג קעגן מדינת ישראל סיי מיט וואולגאַרע קאַריקאַטורן, סיי מיט מאָנאָטאָניש איבערגע׳חזר׳טע אויסרופן קעגן „דער אימפּעריאַליסטיש־ציוניסטישער קאָנספּיראַציע" און געגאָסן קראָקאָדיל־טרערן אויפן „ביטערן גורל פון די פרידנס־ליבנדיקע און אומשולדיקע אַראַבער". אַפילו ווען די „פּראַוודאַ" האָט לעצטע וואָך באַריכטעט וועגן דעם שניי־שטורם אין ירדן (נישט אַ וואָרט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם שניי אין ירושלים) האָט זי נישט פאַרפעלט צו ווידמען דריי פערטל פון דעם אַרטיקל צו „די בעסטיאַלניע איזראַאילסקיע זאַכוואַטשיקי" (בעסטיאַלישע ישראל׳דיקע פאַרכאַפּער) וועמענס קרבנות פרירן אין דעם שניי־שטורם...

די נייעסטע פּאָסט אָבער, וועלכע האָט געבראַכט צו מיין שרייב־טיש די יאַנואַר 22 און 23 אויסגאַבן פון „איזוועסטיאַ", „פּראַוודאַ" און „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" דערגרייכט אַ שוידערלעכן קולמינאַציאָנס פונקט אין דעם קרעמלינס צאָרן און פּאָגראָם אַגיטאַציע.

יעדע איינע פון די זעקס צייטונגען אין מיין האַנט ווידמעט אַ באַריכט, אַ קאַריקאַטור און איינע, די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", איבער אַ האַלבער זייט צו מדינת ישראל. דער אַרטיקל „ס׳גאָוואָר וו׳טעכאַסע" (פאַרשווערונג

אין טעקסאַס) פון וו. באַלשאַקאָוו, שטעלט מיט זיך פאַר, אין מיניאַטור, די „זקני ציון״־פּראָטאָקאָלן פון צאַרישן רוסלאַנד.

דער אַרטיקל באַשטייט פון דריי טיילן. דער ערשטער טייל „נאָ פּוטי ק׳ראַנטשאָ פּרעזידענטאַ״ (אויף דעם וועג צום פּרעזידענטס ראַנטש) באַריכטעט וועגן דזשאָנסאָנס דערקלערונג צו אשכול׳ן: „מיר באַגעגענען זיך אין שלום און מיר וועלןריידן וועגן שלום״. און דער שרייבער גיט צו, אַז דאָס האָט אים דערמאָנט טשעמבערלעינס פּראָזע ווען ער האָט זיך צוריק־געקערט פון מינכען — „איך האָב געבראַכט פרידן״. דער אַרטיקל באַריכטעט ווי אין דער צייט פון דער טעקסאַס־קאָנפערענץ וועגן שלום, האָבן די ישראל־זעלנער גענומען פייערן זייערע האַרמאַטן איבערן סועץ קאַנאַל. דער לייענער ווערט אינפאָרמירט, וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון ישראל מיט מערב־דייטשלאַנד און אַמעריקע אין אַטאָמישער פאָרשונג אין דעם נגב, „וואו ישראל־וויסנשאַפטסלייט פּראָדוצירן טעגלעך אַכט קילאָגראַם פּלוטאָניום״, און צו פּראָדוצירן אַן אַטאָמישע באָמבע — פאַרזיכערט אונז באַלשאַקאָוו — איז גענוג נאָר זיבן קילאָגראַם פּלוטאָניום. דער שרייבער באַנוצט זיך מיט דעם עקלהאַפטן אַנטיסעמיטישן אויסדרוק — „אשכול האָט אויסגעדונגען, אויס־געמיסכערעוועט („וויטאָרגאָוואַל״) פון דזשאָנסאָנען פענטאַם־עראָפּלאַנען און אַנדערע שעדלעכע געווער, אַנצופאַנגען אַ נייע מלחמה מיט די אַראַבער״. „אשכול׳ס פּאַרטפעל האָט אַנטהאַלטן נישט נאָר אָרדערס אויף נייע ראַקעטן און עראָפּלאַנען, נאָר אויך די נייע מאַפּע פון ישראל מיט אירע נייע גרעניצן כדי צו קריגן אַמעריקעס באַשטעטיקונג אויף דער נייער אָרדענונג אין מיטל־מזרח״.

דער צווייטער טייל — „אַדוואָקאַטי אי פּאָקראָוויטעלי״ (פּאַרטיידיקער און פּאַרדעקער) רעדט וועגן דער צוזאַמענאַרבעט פון די אַמעריקאַנער מיליאָ־נערן און די ציוניסטן קעגן סאָוועט־רוסלאַנד און וועגן דעם גרויסן איינפלוס וועלכן דער ציוניזם איבט אויס איבער וויכטיקע רעגירונגס־פירער אין אַמע־ריקע. „נישט אומזיסט זיינען געפּאָרן קיין ישראל אויף באַזוכן די אַספּי־רירנדיקע רעפּובליקאַנער קאַנדידאַטן צום אַמט פון פּרעזידענט קיין ישראל, ראָמני, פּוירסי און די אַנדערע״. דער שרייבער גיט איבער וועגן 200 מיליאָן דאָלער, וועלכע ישראל האָט איצט, לויט זיי, אינוועסטירט אין אַמעריקע כדי אַרויסצוהעלפן דזשאָנסאָנען אין דער איצטיקער שווערער לאַגע פון דעם דאָלער. און דאָ קומט אַרויס די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ״ מיט איר הויפּט־געווער: די וויעטנאַם און מיטל־מזרח איז איינס און די זעלבע פאַרשווערונג

צווישן אַמעריקע און ישראל קעגן די נייע־עטאַבלירטע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

אין דריטן טייל פֿון דעם אַרטיקל — „טשטאָ גאָטאָוויטסיאַ?״ (וואָס גרייט זיך?) לאָזט מען וויסן דעם לייענער, אַז די אַראַבער וועלן נישט בלייבן שולדיק אַ חוב און אַפֿילו אין דעם ברען פֿון שאָוויניזם וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט ישראל, טאָר זי נישט פֿאַרגעסן „יענע כחות, וועלכע שטייען אויף דער זייט פֿון אָנשטענדיקייט און שלום, און אַז די כחות וועלן דעצידירן אין אונזער דור דעם גאַנג פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע״. געוויסע טיילן פֿון דעם אַרטיקל זיינען אַזוי שעדלעך און ממש וואולגאַר, אַז די פּעדער רירט זיך נישט מיטצוטיילן דעם לייענער.

דער העסלעכער אַנטיסעמיטישער, ניט נאָר אַנטי־ישראל, קאַריקאַטור אין „פּראַוודאַ״ פֿון 23־טן יאַנואַר, מיט זיינע בעסטיאַלישע שטרייכער־געבעלס אידישע געזיכטס־שטריכן רופֿט אַרויס גייסטיקן אַנגסט און אינערלעכע שרעק. ס׳ווערט געוויזן אַ מאַן מיט אַ העסלעך־מערדערישן געזיכט וועמענס נאָז איז לאַנג און הויקערדיק, ער האַלט צווי פֿויגל־שטייגן אין זיינעביידע הענט מיט אַ מגן דוד אויפֿן דעכל פֿון שטייג. אין שטייג געפֿינען זיך פֿייגל אין געשטאַלט פֿון עראָפּלאַנען — אָנגעצייכנט „פֿאַנטאָם״. הינטער אים שטייט אַנקל סעם ביי זיין קלייט־טיש. די אויפֿשריפֿט אונטער דעם קאַרטון לייענט זיך: „ליוביטעל זאַמאָרסקיך פּטיץ״ (ליבהאָבער פֿון איבער־ים׳ישע פֿייגל). איבער דער קאַריקאַטור — „אַלס רעזולטאַט פֿון דעם באַזוך פֿון דעם ישראל־פּרעמיער אשכול אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז דערגרייכט געוואָרן אַן אָפּמאַך צוצושטעלן תל־אביב מיט אַמעריקאַנער קריגס־עראָפּלאַנען״.

„איזוועסטיאַ״ פֿון 23־טן יאַנואַר דרוקט איגאַרעוו׳ס אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל: „גאָד פּראַווי טשעלאָוועקאַ״ (דאָס יאָר פֿון מענטשלעכער רעכט) — ווי די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער האָבן באַצייכנט דאָס יאָר 1968. דער שרייבער באַקלאָגט זיך צווישן אַנדערע, אַז „די אַמע־ריקאַנער מיליטאַריסטן און די ישראל אַגרעסאָרן רעכענען זיך נישט מיט דעם אויסרוף פֿון די פֿעלקער פֿון דער וועלט קעגן גענאָסיד און אַלגעמיינע רציחה. אויף אַ באַרבאַרישן שטייגער פֿאַרניכטן זיי די ציווילע באַפֿעלקערונג, רואינירן פֿרידלעכע שטעט און דערפֿער און אָקופּירן פֿרעמדע טעריטאָריעס״. די אַרטיקלען „טעלאָוויווסקיע כאַליפֿי״ און „יאַדאָוויטיע קאָרני זאַכוואַטשיקאָ״ פֿון „איזוועסטיאַ״ און „פּראַוודאַ״ — די גיפֿטיקע וואָרצלען פֿון דעם פֿאַר־כאַפּער, „רעפּרעסיאי איזראַאילסקיך אָקופּאַנטאָוו״ (די אונטערדריקונגען פֿון

די ישראל־אָקופּאַנטן) זיינען צו שוידערלעך און ווירקלעך צו פּאָרנאָגראַפיש צו ציטירן. זיי פאַרשאָטענען סיי די טשאַרנאָסאָטניקעס און סיי די נאַציס מיט זייער גיפט, האָס און בייזע פאַרלוימדונגען.

די קאַריקאַטור פון מ. אַבראַמאָוו אין „פּראַוודאַ" פון 17־טן יאַנואַר איז זעלבסט פאַרשטענדלעך. די אונטערשריפט: „מיראַזש וו׳סינאַיסקאָם פּוס־טינע" (מיראַזש אין סיני מדבר) שטעלט פאַר דעם ישראל זעלנער מיט אַ שרעקלעך פאַרדאַרבענעם פנים און אַ מגן דוד אויף זיין פאַנצער־הוט. מיט אַ שמאַכטנדיקן בליק אויף זיינע אויגן קוקט ער אַרויס צום הימל צו די אַמעריקאַנער געווער איינגעוויקלט אין פּאַפּירענע דעקלאַראַציעס מיט די גרויסע ווערטער „מיר" (שלום).

В результате недавнего визита в США израильского пре мьера Эшкола достигнута договоренность о поставке Тель Авиву американских военных самолетов. (Из газет).

Любитель заморских «птиц». Рис. В. Фомичева.

א ווילדע העצע־קאַריקאַטור וועגן ישראל־פּרעמיער לוי אשכול׳ס ביטע צו אַמעריקע צו באַקומען עראָפּלאַנען פאַר דער פאַרטיידיגונג פון דער אידישער מדינה. דער נאָמען פון דער העצע קאַריקאַטור איז: „אַ ליבהאָבער פון פייגעל פון יענער זייט ים".

בלבולים וואָס סאָוועטן פאַרשפּרייטן קעגן אידן

די ווילדע העצע אין סאָוועטישע צייטונגען קעגן מדינת ישראל און אידן.

אַלע גרעניצן פון ניכטערטקייט, ווירדע און אַנשטענדיקייט ווערן צע־שמעטערט אין דעם סקאַנדאַליעזן פּאַגראָם אַגיטאַציע אַרטיקל פון 21־טן יאַנואַר אין „פּראַוודאַ", אונטער דעם פּראָמינענטן קעפּל „סטראַני סאָיוז" (אויסטערלישע פאַראייניקונג). אין דעם אַרטיקל ווערן איבערגעגעבן די פאָלגנדע פאַקטן פון ב. קאַלדאָוווסקי:

„טראָץ דעם וואָס דער הויפּט־ציל פון אשכול'ס „וויזיט אַגרעסיאַ" (באַזוך פון אַגרעסיע) אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד איז געווען צו פאַרגרעסערן דעם צושטעל פון געווער פאַר דער ישראל אַרמיי, כדי צו באַנייען זייער אַנגריף קעגן די אַראַבער, האָט דער ישראל־פּרעמיער אויס־געלאָזן די באָן־רעגירונג כדי צו פאַרדעקן פון דער וועלט דעם גרויסן אָפּמאַך און די זייער נאָענטע באַציאונגען צווישן די צוויי מיליטאַריסטישע לענדער".

„די גייסטיקע יורשים פון דער רעגירונג, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט צו דער וועלט די טרויעריק־באַוואוסטע ענדגילטיקע לייזונג פון אידישן פּראָבלעם און די מיליטאַריסטישע אָנפירער פון תל־אביב האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך אין ניו־יאָרק אין 1960 ווען אַדענאַוער און בן־גוריון האָבן זיך געטראָפן אין וואַלדאָרף אַסטאָריע האָטעל. ישראל האָט זיך דאַן פאַרפליכטעט צו אַדענאַוערן, אויסצולאָזן די נעמען פון נאַצי־פאַרברעכער פון אייכמאַן פּראָצעס, וועלכע זיינען וויכטיקע מיטגלידער פון דער באָן־רעגירונג, פאַר דייטשלאַנדס צושטעלונג צו ישראל געווער אין ווערט פון 500 מיליאָן דאָלאַר" — שרייבט דער אַרטיקל אין „פּראַוודאַ". און דאָ שילדערט דער שרייבער די וויכטיקע ראָלע אין דער אַדענאַוער־בן גוריון קאָנפערענץ פון דעם ציוניסטישן גענעראַל דזשוליוס קליין, „אַ באַצאָלטער אַגענט אין וואַשינגטאָן פון דער באָן רעגירונג".

דער שרייבער דעקט אויף „ווי ישראל האָט זיך אַנטזאָגט צו שיקן עדות צו דעם פּראָצעס פון דעם הענקער פון לידיצע, קרומעי; ווי די אַגענטן פון דער ישראל־רעגירונג האָבן אומגעבראַכט קאָסטנערן איניקע טעג פאַר זיין פּראָצעס, כדי צו שיצן נאַצי פאַרברעכער; ווי דייטשע מיליטער־עקספּערטן מושטירן די ישראל־אַרמיי; ווי ס'ווערן געדרוקט אין ישראל די מעמואַרן פון באַרימטע נאַצי־פאַרברעכער; וועגן איבער 400 דייטשע עקס־פּערטן, וועלכע געפינען זיך אין ישראל און פאָרשן מיט ישראל וויסנשאַפטס־לייט די דערפינדונג פאַר נייע געווער, ווי זיי קאַלאַבאָרירן אויף אַ נייער אַטאָמי־שער באָמבע, און ווי ישראל רייצט דייטשלאַנד אָנצוהויבן אַ נייע מלחמה".

ס'איז איבעריק אויסצורעכענען די אַלע אַנדערע פּאָגראָם באַהויפּטונגען פון דעם שרעקלעכן אַרטיקל. די „פּראַוודאַ"־שרייבער ווייסן גאַנץ גוט, ווי פאַראַכטעט די נאַציס זיינען פון דער אַלגעמיינער רוסישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט פאַרלאָרן דורך די דייטשן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה איבער 20 מיליאָן מענער, פרויען און קינדער. מיינע באַזוכן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן מיר איבערצייגט ווי פריש און טיף עס איז דער האַס קעגן די נאַציס. דאָס וואָרט נ אַ צ י איז זייער ערגסטער באַליידיקונגס־וואָרט. ס'איז נישטאָ קיין בעסערער וועג אויפצורייצן דאָס רוסישע פאָלק ווי מיט ציען אַ פּאַראַלעל צווישן, און ספּעציעל איבערצייגן מיט „פאַקטן" די גאָר נאָענטע פריינטשאַפט, וועלכע עקזיסטירט צווישן, מערב־דייטשלאַנד און מדינת־ישראל. קען עמיצער פון אונז באַגרייפן די געדאַנקען און די עמאָציעס פון אַ רוס וועמענס אַ קינד אָדער אַ מוטער איז אומגעקומען פון די נאַציס, ווען ער לייענט וועגן נייע געווער, אַ נייע אַטאָמישע באָמבע, אַ נייע מיליטערישע סטראַטעגיע און די מעגלעכקייט פון נאָך אַ וועלט־מלחמה צוליב דעם בונד צווישן דייטשלאַנד און ישראל? די בייזוויליקע שקרים, בלבולים און פיקטיווע באַריכטן ווערן טאָג־טעגלעך געפויקט אין דער סאָוועטישער מענטאַליטעט, וועמענס צאָרן קעגן די נאַציס שטייגט אַריבער אַלע אַנדערע פאַקטאָרן אין זיין לעבן. אַ קאָמיסאַר האָט לעצטן זומער צו מיר באַמערקט אין לענינגראַד: „אַלץ, אַלץ וואָלט איך פאַרקוקט און פאַרגעבן מדינת ישראל — אפילו זייער לאָקייסטווע צו וואַשינגטאָן — אָבער ניט זייער פריינטשאַפט און פאַרשווערונג מיט דייטשלאַנד, דער מערדעלעכסטער פאַלאַטש — הענקער — פון דער וועלט".

אויף אַ טייוולשן שטייגער נוצט אויס דער קרעמלין דאָס געפיל פון האַס און נקמה, וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אין זייער ווילדער אַטאַקע אויף מדינת ישראל און וועלט־אידנטום.

אונזער דור וואָס ווייסט גאַנץ גוט פון די טרויעריקע דערפאַרונגען, אַז אַ טרעבלינקע און אַן אוישוויץ וואַקסן אויס פון אַפּאַטיע, גלייכגילטיקייט און פאַסיוויטעט, קאָן נישט און טאָר נישט בלייבן שטיל אין קעגנוואַרט פון אַזאַ אורגאַן פון האַס און צאָרן. דער קאַמף פון קרעמלין איז געצילט נישט נאָר קעגן מדינת ישראל, נאָר אויך קעגן כלל ישראל. דער מגן דוד, וועלכן דער קרעמלין האַלט אין איין שטעלן ביי דער זייט פון דער היטלעריסטישער סוואַסטיקאַ, איז נישט נאָר דער נאַציאָנאַלער סימבאָל פון מדינת ישראל, נאָר אויך אַ רעליגיעזער סימבאָל פון אידנטום. ווען דער מגן דוד, וואָס באַקרוינט די שול, די מענטעלע איבער דער ספר תורה און דעם פרוכת איבער דעם ארון הקודש ווערט פאַרגליכן צום העסלעכסטן סימבאָל פון דער גאַנצער

Оказывая военную помощь израильским агрессорам, Соединенные Штаты стараются маскировать ее мирными фразами.

(Из газет).



МИРаж в Синайской пустыне...
...при ближайшем рассмотрении. **Рис. М. Абрамова.**

די סאָוועטישע קאַריקאַטור וועגן דער אַמעריקאַנער הילף פאַר ישראל איז געווען געדרוקט אין אַ מאָסקווער צייטונג. עס הייסט, לויט דער סאָוועטישער העצע, אַז אַמעריקע רעדט וועגן „שלום" („מיר") און שיקט קיין מדינת ישראל עראָפּלאַנען

מענטשלעכער געשיכטע, ווען מען באַצייכנט די ישראל־רעגירונג אַלס „שאַכער־מאַכער הענדלער פון תל־אביב", ווען דאָס געזיכט פון אַ אידן ווערט פאַר־געשטעלט צו דער וועלט מיטן „קונסט געשמאַק" פון די נאַצי־מערדער, איז די אַנדייטונג גאַנץ קלאָר און גאַנץ איינפאַך.

„גראַם ניע אודאַריש, מוזשיק ניע פערעקרעסטיטסיאַ" — אויב דו וועסט נישט דערלאַנגען מיט אַ דונער וועט דער פויער זיך נישט איבער־צלמ'ען — זאָגט אַ רוסישע שפּריכוואָרט.

איצט איז די צייט פון מאַסן־פּראָטעסטן, וועלט־דעקלאַראַציעס און דעמאָנסטראַציעס אין די הויפּט־שטעט פון דער פרייער וועלט קעגן דער פּאָגראָם אַגיטאַציע פון קרעמלין און אויך קעגן זייער פּאַרנעם גייסטיק צו דערמאָרדן די דריי און אַ פערטל מיליאָן אידן פון רוסלאַנד. איצט איז די צייט פאַר דער אַמעריקאַנער קאָנפערענץ פאַרן סאָוועטישן אידנטום אונטערצונעמען מיט וויזיע און שטאַטסמאַנשאַפט אַן אַקציע אויפצוקלערן דעם געוויסן פון דער וועלט וועגן דעם טייוולעשן פּאַרמעסט פון מאָסקווע נישט נאָר קעגן ירושלים, נאָר אויך קעגן די אידן פון ניו־יאָרק, לאָנדאָן און פּאַריז. אַ וועלט־קאָנפערענץ מוז איצט און גלייך פאַררופן ווערן כדי צו וועקן דאָס וועלט־אידנטום צו דער געפאַר, אין וועלכן דער קרעמלין שטעלט די אידן פון דער גאַנצער וועלט. קיין מאָל איז נאָך סאָוועט־רוסלאַנד ניט געווען אַזוי סענסיטיוו צו דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט ווי היינט צו טאָג.

ס'איז נישט נויטיק צו שילדערן ווידער און ווידער די פאַרלעגנהייט אין וועלכער די גרויל־פּראָפּאַגאַנדע פון „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיאַ" שטעלט דעם איינזאַמען, צעשראָקענעם און געקריוודעטן רוסישן אידנטום. גלייכ־צייטיק איז וויכטיק צו געדענקען, אַז סאָוועט־רוסלאַנד לעבט איצט דורך אַ קאָנוואולסירענדן אויפברויז און ווידערשטאַנד פון דער יוגנט און אינטעלי־גענץ, וועגן וועלכער איך האָב געשריבן אין מיין סעריע אַרטיקלען לעצטן זומער און וואָס איז איצט פולקאָם באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מוטיקער האַנדלונג פון די ליטווינאָווס און וואָזנעסענסקיס.

די געפאַר איז גרעסער און געפערלעכער ווי מיר קאָנען באַגרייפן. דער קרעמלין מוז קריגן אונזער ענטפער — און זיי וועלן עס קריגן אויב מיר וועלן אויסשרייען הויך געגנוג צו דער גאַנצער וועלט. די צייט איז היינט, לאָמיר נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן!

רב דורש במוסקבה על עצמאות ישראל *

הרב ד״ר ברוך אהרן פופקא, מבקר ברוסיה זו הפעם השלישית. הוא בין רבני ארה״ב כ„מומחה״ בכל הנוגע ליהודי רוסיה, מן הטעם הפשוט, כי הוא אולי היחידי בין רבני אמריקה, מן הדור הצעיר, היודע רוסית על בוריה, הבקי בכל הספרות והעתונות הרוסית, והמכיר את היהדות הרוסית היטב, שכן הוא יצא את רוסיה בהיותו נער בן 13, בשנת 1932, אך שמר היטב על ידיעת השפה הרוסית ועל קשר עם יהודי רוסיה במשך כל השנים.

במשך שלוש השנים האחרונות ביקר שלוש פעמים ברוסיה. פרסם את רשמיו הנוקבים בעתונים יהודיים ולא יהודיים, והם נפוצו בלמעלה ממאה עתונים. הרשמים היו מקוריים משום שהוא חדר פנימה, בשל ידיעת השפה הרוסית ובשל ידיעתו הרבה במנטאליות הרוסית והיהודית שבברית המועצות. בביקורו הקודם היה יו״ר־עמית למשלחת של הסתדרות הרבנים. הוא עצמו הרגיש על עורו את המשטר הקומוניסטי, בהיותו נער צעיר. אביו הרב אליעזר פופקא, היה רב בעיירה וועליז׳ ליד וויטבסק והוא נשלח לסיביר ב„אשמת״ החזקת מקווה טהרה. שלוש פעמים נידון למאסר ברוסיה, ופעם אחת משום שאסר מכירת בשר במספר אטליזים יהודיים שהחלו למכור גם בשר חזיר. בשלב מסויים אף השתתף במשלחת של רבנים שהעיזה להתייצב לפני נשיא ברית המועצות קאלינין ולבקש ממנו כי ירשה לרבנים לצאת את רוסיה. ענה קאלינין: אם אתם תהיו בחוץ עלולים אתם להזיק לרוסיה ולספר את האמת על היחס ליהודים ולרבנים. לכן, מוטב שתשארו כאן. אולם בדרך נס הצליח אביו לצאת את רוסיה. ומעשה שהיה כך היה: כיון שבעירו נאלץ להרשם יום יום במשטרה, ואסרו עליו לעזבה, יצא באישון לילה עם בני משפחתו לעיר אחרת. שם מצא חייט יהודי שתפר בגדים לקציני ג.פ.או.. בעזרתו הצליח לקבל רשיון יציאה. אילו הרגישו בו בגבול הרוסי ותפסו את תעודותיו, אין ספק שצפוי היה לירייה. לימים הגיע אביו לארה״ב ושימש כזקן הרבנים בפילדלפיה. הבן הצעיר למד בישיבה אוני־ברסיטה שבניו־יורק. כן למד באוניברסיטה קולומביה וקיבל דוקטוראט באוניברסיטת פיטסבורג. בכתיבת הדוקטוראט נעזר בשפה הרוסית השגורה בפיו, אותה לא שכח כל השנים.

כיום משמש הרב ד״ר פופקא כרב בפיטסבורג, כסגן יו״ר הסתדרות

---

* יעקב אדלשטיין, „הצופה״, ט״ז אייר תשכ״ז.

הרבנים וסגן נשיא של המזרחי בארה״ב. אולם בשנים האחרונות הוא התמסר לתפקיד אחד: יהודי רוסיה, והוא נחשב לאחד המומחים בשטח זה. ביקורו האחרון ברוסיה, מהווה שיא של הביקורים הקודמים, שכן הצליח לעשות מה שגדולים ורבים לא הצליחו — לקבל הבטחה מפי אהרן וורגליס, עורך „סובייטיש היימלנד" להדפיס את סידור התפילה בבית הדפוס היהודי בו הוא מדפיס את עתונו. קומיסר בכיר במוסקבה אמר לו בפגישה אחת: אנו יודעים שאתה לא בא הנה בתור תייר בלבד, אבל לא נפגע בך.

גלגולה של ההבטחה להדפסת סידור

על השיחה עם אהרן וורגליס ועם הרב י. ל. לווין על הדפסת סידור התפילה מספר הרב פופקא. שיחתי עם וורגליס ארכה כשעתיים. וורגליס טען: אילו אתם בחו״ל בלמתם את פיותיכם בענין יהודי רוסיה, יכולנו כאן לעשות משהו למען פתרון הבעיה. אמר לו הרב פופקא: ראשית, הנה אתה מודה שאכן קיימת בעייה יהודית ברוסיה בשעה שבפומבי אתה מכחיש זאת, אבל הבה תוכיח במעשים את מה שאתה אומר. תעשה משהו, ואגב כך נתן לו „ישר כח" על שהדפיס בבטאונו „סובייטיש היימלנד" משהו על „חובת הלבבות" ותרגם מסיפורי עגנון. ועוד אמר לו: איך מרשים ברוסיה לפרסם ספר השמצות על התלמוד, בשם „מה זה תלמוד"? ספר המכיל 600 עמודים ומלא שקרים ועם הארצות. בשעה שאין נייר ואין בתי דפוס להדפיס סידור תפילה עבור יהודי רוסיה והם נאלצים לבקש נדבות, סידורי תפילה מתיירים יהודים. ענה על כך וורגליס: אני גערתי במחבר הספר הזה. אני יודע שהוא כותב שטויות, אבל אין אני מומחה למצוא את השגיאות שלו. מוכן אני שתמציאו לי את החומר על כך ואני אדפיסו. אמר לו הרב פופקא: לפני זמן קצר הכריז אחד הקומיסרים לפני תיירים יהודים מארה״ב כי ידפיסו סידור תפילה, כי ירשו לצעירים להשתלם בישיבות בחו״ל, והנה מתברר שלא היה ולא נברא. בזה אתם רוכשים חוסר אימון בחו״ל. איש אינו מאמין להצהרותיכם. אדרבה, תוכיח במעשים כי אכן יש חופש דת ליהודי רוסיה. על כך ענה וורגליס: אני מוכן לעשות זאת, להדפיס סידור תפילה, אבל שיפנו אלי הרב לווין והנהלת בית הכנסת. למחרת סיפר זאת להרב לווין. תגובתו היתה: אני רוצה לשמוע זאת מפיו. הרב פופקא חיפש הזדמנות להפגיש את שניהם, והנה נמצאה ההזדמנות הזאת. היה זה לרגל קבלת הפנים בשגרירות הישראלית, בחג העצמאות. הרב פופקא נכנס לשגרירות והנה הוא רואה שם הן את הרב לווין והן את וורגליס. הוא הפגיש את שניהם ואמר לוורגליס: תחזור על ההבטחה בפני הרב לוין. וורגליס חזר על הדברים, אמר שהוא רוצה העתק של סידור. הרב לווין

אמר: יש לי העתק של סידור תפילה מוכן לדפוס. וורגליס אמר: אני רוצה להדפיס את הסידור בצורה יפה עם שער מצוייר כראוי. אדרבה, ענה הרב לווין, וכך נגמרה העיסקה ביניהם על הדפסת סידור תפילה ב־25 אלף טפסים. צריך היה הרב פופקא לבוא מניו־יורק כדי להפגיש את וורגליס והרב לווין לדבר על הדפסת סידור התפילה, שעה ששניהם יושבים במוסקבה.

בקבלת הפנים בשגרירות הישראלית היה גם המטרופוליט ניקודים, ראש הכנסיה האורטודוכסית. במעמד שגריר ארה"ב שאל אותו, כמה אקדמיות דתיות יש לכם? ניקודים ענה: 3 אקדמיות. כמה סמינרים לכמרים: התשובה — 8 סמינרים, בהם לפחות אלף תלמידים. במוסקבה לבד יש 70 כנסיות. שאל הרב פופקא במעמד שגריר ארה"ב, ומדוע אין מרשים ליהודים לפתוח אפילו ישיבה אחת לרבנים? ענה המטרופוליט ניקודים תשובה מחוכמת, אך רבת משמעות: „בשביל להשיג משהו צריך להתעקש, לבקש הרבה פעמים ולא להרפות".

נאום על חג העצמאות הישראלי בביכ"נ במוסקבה

בשבת נאם בבית הכנסת במוסקבה. תחילה אמרו לו שמותר לו לדבר רק על ד"ש מיהודי אמריקה. אבל הוא התחיל את נאומו מנקודה אחרת לגמרי. ברכה לחגיגות שנת ה־50 למהפכה. ומכאן עבר לספר על חג עצמאות מאחר שחל באותו שבוע. חג יום העצמאות ה־19 של ישראל. זה המאורע הגדול ביותר קם ליהודים באלפיים השנים האחרונות, והממשלה הסוביטית — אמר הצביעה בשעתו למען הקמת המדינה היהודית. זו היתה העזה. אחד מן ה„גבאים" הידוע כשייך לכת המלשינים, עלה על הבמה וניסה להוריד אותו. אך הרב פופקא הזהיר אותו לבל יעיז לנגוע בו. דמעות עמדו בעיני המתפללים והוא המשיך את נאומו. דבר על הצדוקים ועל הפרושים, הראשונים שחשבו על דור אחד בלבד ואילו הפרושים חשבו על קיום היהדות מעולם ועד עולם. עוד לא קם הכוח שיפריד בין יהודי ליהודי — אמר. נקווה שהמחיצה בינינו תיפול.

אגב, מספר הרב פופקא כי בשעת קבלת הפנים בשגרירות הישראלית במוסקבה לרגל יום העצמאות, עמדו מאות אנשים בחוץ. המשטרה עמדה על המשמר ולא נתנה להם להכנס. כאשר יצא את בנין השגרירות נכנס בשיחה עם אחדים מהם, אז צץ למקום אחד מן ה„מלשינים" וניסה להפריד בינו לביניהם. „הם אינם מעונינים ביהדות" טען המלשין. אך האנשים היסו אותו וגערו בו. גם הרב פופקא גער בו היטב. בבית הכנסת במוסקבה התחבק עמו יהודי זקן, שישב 9 שנים במאסר בשל אפיית מצות. זקן זה לא חילל שבת ולא אכל טריפה במשך כל שנות מאסרו.

„עוד ישמע בערי יהודה" בלנינגראד

אולם בדרך כלל מצא הרב פופקא יותר חופש ההתבטאות ברוסיה מאשר אי פעם. הפחד הידוע ששלט על כל אדם, וגרם לכך שאנשים יברחו בעת שניגש אליהם תייר — פג ונעלם. אנשים מוכנים להכנס לשיחה עם תייר ולדבר עמו בחופשיות. לדוגמא מספר הרב פופקא מה שארע עמו בלנינגראד. במלון בו התאכסן, ראה והנה נכנסת כלה ומלוויה. הוא הכיר בהם שיהודים המה. כיון שלבש כיפה, ראו בו מיד שהוא יהודי מארה"ב. ניגש אליו אב הכלה, בעל עמדה מכובדת, והזמין אותו לבוא לחתונה המתקיימת באולם סמוך. הוא נענה להזמנה. מצא באולם כ־150 יהודים. הם סובבו אותו וביקשו ממנו להגיד דברים מעניני דיומא. הסכים, אך קודם שאל, ברוסית או באידיש? הרוב, גם הצעירים, ענה: באידיש. הוא התחיל לדבר. הזכיר פסוק „עוד ישמע בערי יהודה קול ששון וקול שמחה" והנה רבים הוציאו מטפחות וכיסו את הראש. לאחר מכן ביקשו ממנו לשיר להם שיר יהודי. התנצל שאין הוא חזן או זמר. לבסוף נענה והוא יחד עם רעייתו החל לזמר את השיר „אלע אינאיינעם" והנה כולם הצטרפו והחלו לשיר יחד עמהם. אצל כמה מהם ראה דמעות בעיניהם. בימי סטאלין וגם בימי חרושצ׳ב זה לא היה יכול לקרות — סובר הרב פופקא. מגמה זו של חופש יתר, שוררת בכל רוסיה. הוא שוחח עם אנשים ברחוב, בתיאטרון, מדברים בחופשיות ורובם מביעים משאלה לחופש יתר, כמקובל בעולם החפשי.

שונה המצב בערים הקטנות יותר מאשר בלנינגראד ובמוסקבה. הנה בחרקוב, למשל, אין בכלל בית כנסת, לאחר שבית הכנסת היחיד — נסגר. יתר על כן, בשעה שבמוסקבה יכול היה לסובב בכל מקום שרצה, הרי בחרקוב סירב מדריך האינטוריסט להרשות לו להפגש עם קרובי מכרו, שביקשו למסור להם ד"ש, אלא רק בנוכחותו. לעומת זה במוסקבה ניתן לו לנוע בחופשיות. בשיחות עם צעירים יהודים, גילה תופעה שקודם לכן לא נודעה. צמאון ליהדות. רצון לדעת מה זה יהדות. הצהרת קוסיגין בפאריס בדבר איחוד המשפחות, הציתה בלב רבים אש התקווה. בביקורו בספריית לנין במוסקבה מצא שם יהודי אשר סיפר לו כי רבים היהודים שקיבלו את „אות לנין" על הצטיינותם בשטחי המדע והטכניקה. אותו יהודי הוסיף רעיון מקורי: „הקול קול יעקב והידים ידי עשו", כל השנים ניתן לנו, ליהודים הקול. אנו היינו ראשי ההוגים והסופרים, ואילו בני עשו עסקו במדעי הטבע. כעת נהפך לנו הגלגל. לנו, ליהודים, לא מרשים לעסוק במדיניות ובספרות. רק במדע ובטכניקה, ואכן מוצאים כיום יהודים רבים

מצטיינים בשטחים אלה, אולם במשרד חוץ, בפקידות הבכירה, אין כמעט יהודים.

„איפה כתוב בחומש שיש לקבור יהודים בנפרד"

בלנינגראד התפלל בבית הכנסת ביום שני של ר"ח אייר. מצא בין המתפללים כמה צעירים אומרי „קדיש", מתוך נייר באותיות רוסיות. מעניין, אין מרשים ליהודי לנינגראד להקבר בבית קברות יהודי. משלחת יהודית שהתייצבה לפני הקומיסר וביקשה רשיון לבית קברות יהודי, נתקלה בתשובה אפיינית: תגידו לי, אמר הקומיסר, איפה כתוב ב„חומש" שיש לקבור יהודים בנפרד...?

לעומת זה במוסקבה יש אפשרות לקבור בבית קברות יהודי הנמצא בעיירה במרחק של 50 ק"מ. כאשר הצביעו לקומיסר על מה שמסופר בדבר „מערת המכפלה", ענה: זה סנטימנט משפחתי.

בסיכומו של דבר, אין הרב פופקא מסכים עם אלה הסוברים שיהודי רוסיה נמצאים במצב של גסיסה רוחנית. יש רק להפיח רוח בעצמות היבשות והן תחיינה, למרות שכבר עברו עליה 50 שנות כליון רוחני. זוהי יהדות עסיסית ושרשית שקשה לדכאה, אם כי נעשו בה שמות מבחינה רוחנית. בביקורו הנוכחי מצא משאלה פתוחה בין הנוער, להיות בין יהודים. זהו שינוי ספונטני ותופעה שלא היתה ידועה עד כה. יחד עם זה סובר הרב פופקא, שיש להמשיך במחאות, זוהי הדרך היחידה, שכן אם קרה משהו, הרי זה רק הודות למחאות בעולם על מצבם של יהודי רוסיה. אלא שאין להגזים ויש לערוך את המחאות בצורה עניינית. כמובן, אילו חלפו המלחמה הקרה, היתה התקווה גדולה הרבה יותר, שתינתן ליהודי רוסיה הזכות לחיות כיהודים. כן התרשם כי התשוקה לשלום ברוסיה היא כנה ואמיתית. הרוסים סבלו כל כך הרבה בזמן המלחמה, עד אשר מלחמה חדשה מפילה עליהם אימה ודכאון. הוא לא מצא ברוסיה אנטישמיות במובן הגשמי, אם כי מגבילים יהודים מלהגיע לעמדות גבוהות בשטחים מסויימים. אבל רובם חיים, ככל תושבי המדינה הגדולה הזאת, במובן הגשמי, שונה הדבר במובן רוחני.

כך חגגו השנה את יום העצמאות התשעה־עשר של מדינת ישראל יהודי מוסקבה*

הרב־האורח עלה ונעמד ליד דוכן־הדרשות. שניות אחדות ניצב כאבן דומם וסקר בעיניו התכולות את הנראים מסביב. הוא ראה אותם, מאות מיהודי מוסקבה בני גילים שונים, כשהם מצטופפים שורות־שורות, על ספסלי בית־הכנסת הגדול. ב„מזרח" בתוך תא מיוחד החוצה בינם לבין יתר הנוכחים בבית־הכנסת, ישבו אנשי הסגל הדיפלומטי הישראלי בבירה הסוביטית. על כורסתו הרפודה, תפס את מקומו הרב הראשי רבי יהודה ליב לווין. על המדרגות המוליכות לארון־הקודש, לשני צדי דוכן־הנואמים, נראו חברי ה„דוואצטקה", היא „הנהלת הקהילה". הוא חש יפה כי כל הבטים מופנים עתה אליו. הכל מצפים לשמוע את אשר יאמר עתה הוא, הרב האורח מאמריקה, מעל גבי בימת־הדרשות של בית־הכנסת הגדול במוסקבה. פניו להטו, הוא יישר את עטרת הטלית על כתפיו, העביר קצות אצבעותיו על זקנקן־הסנטר הבלונדיני. והנה הרעים קולו בעוז רב והדהד בחלל ההיכל: „מורי ורבותי, טייערע ברידער און שוועסטער". דממה מלוטשת שלטה במקום ודבריו חתכו בה בחדות: „בימים אלה מציינים בעולם תאריך חשוב מאוד בתולדות האנושות, — מלאו חמישים שנה למהפכה האוקטוברית הגדולה. זהו בוודאי תאריך חשוב מאוד בהיסטוריה וחשוב במיוחד לאזרחיה של המדינה הזאת ולכם כאזרחי ברית־המועצות. אולם, בעוד יומיים יצויין עוד תאריך־היסטורי חשוב. גם הוא תאריך חשוב בתולדות האנושות; תאריך חשוב למדינה הזאת שסייעה למאורע הגדול אשר תאריך זה מסמל; וחשוב הוא התאריך הזה לכם, כבנים של העם היהודי הגדול, יהודים אשר שום כוח בעולם לא יוכל ולא יצליח לנתק אותם מכלל גופה של האומה היהודית הנצחית ועתיקת־הימים. בעוד יומיים יחגגו מלאות תשע עשרה שנים להקמת מדינת ישראל".

כגזרי־עצים הנושרים מתחת לגרזנו של החוטב, נופלים הדברים בתוך בית־הכנסת הגדול של מוסקבה, בשבת־קודש פרשת „אמור" של שנה זו. אנשי השגרירות הישראלית, היושבים בתא־הכבוד שלהם, נראים מרוגשים. הרב לווין, נע בעצבנות על מקומו ושולח מבטים חמורים לעבר הדובר.

---

* א. ריבלין, „פנים אל פנים", ט״ז אייר תשכ״ז.

בתוך הקהל הרב המצטופף בבית־ הכנסת עובר רחש. אי־משם, מעזרת־הנשים, נשמעת יבבה חנוקה. הרב האורח מפסיק לשניה ומיד הוא ממשיך בנאומו־דרשתו. הוא מביא מדרש־אגדה נפלא על נצחיות ישראל ועל הקשר ההדוק של כל אחד ואחת מישראל אל כלל ישראל. אחד מחברי ה„דוואצטקה" משסע לפתע את הרב־האורח בקריאת ביניים: „אנו לא רוצים לשמוע כאן נאומים פוליטיים!" הרב לווין מצביע על השעון, כרומז לעובדא ש„עשר הדקות" אותן העמיד לרשות הרב־האורח מאמריקה כדי „למסור דרישת שלום" כבר עברו. אבל, הרב ד"ר ברוך אהרן פופקא, אינו מוותר על ההזדמנות הנדירה שניתנה לו. בדברים נלהבים ובקול רם ובוטח, הוא קורא ליהודי רוסיה להתעודד ולהמשיך לשמור, גם בתנאים בהם הם נתונים, על מורשת ישראל.

הקהל הרב מרותק לדברי הנואם. הכל בולעים את דבריו מבלי לאבד מהם אף מלה אחת. בין המאזינים גם הרבה גברים צעירים. וכאשר מסיים הרב פופקא את דרשתו בסיום המסורתי: „ובא לציון גואל", קמים ספונטנית מאות מתפללי בית־הכנסת על רגליהם, מוחאים־כף בהתלהבות שקשה לתארה וצועקים עד שניחר גרונם: „הורה!...הורה!...הורה!... כמה מחברי ה„דוואצטקה" רוגזים. אחד מהם אף מנסה להעליב את הרב־האורח. הרב לווין מעיר לו בנימה של קפידה: „הרי אדוני אמר שהוא רוצה רק למסור דרישת שלום?" הרב פופקא משיב: „כאשר יבוא אלי מי שהוא ממרחקים ויאמר לי כי הוא הביא לי דרישת־שלום מאחי, האם אסתפק באמירה זו בלבד, או שארצה שיוסיף ויספר לי עוד ועוד פרטים על אחי ועל הנעשה אצלו? גם יהודי מוסקבה ראויים הם בהחלט שידעו מה חושבים עליהם אחיהם במרחקים וכי הקשר האחותי בינם לבין העם היהודי ומדינת היהודים חי וקיים".

* * *

היה זה ביקורו השלישי של הרב ד"ר ברוך אהרן פופקא בברית־המועצות. הרב ברוך אהרן פופקא, נצר למשפחה רבנית מסועפת שמוצאה מרוסיה, מכהן כרבה של פיטסבורג. בית־הכנסת „שערי תורה" בפיטסבורג שהוא מנהיגו־הרוחני, הוא מן הקהילות הוותיקות והוא נוסד בשנת 1880. הרב ד"ר פופקא הוא סגן נשיא „הסתדרות הרבנים" באמריקה; סגן נשיא תנועת „המזרחי והפועל המזרחי". מן הדמויות הבולטות של „הדור הצעיר" ברבנות האורטודוקסית באמריקה. הוא שולט היטב בחמש שפות, ביניהן רוסית. לראשונה ביקר ברוסיה לפני שלוש שנים כחבר משלחת „הסתדרות הרבנים" (ביחד עם: הנשיא הרב ישראל עזריאל מילר וחבר המשלחת הרב י. ד. ברגמן). היתה זאת הפעם הראשונה שלאורחים מבחוץ ניתנה האפשרות

להשמיע דרישת־שלום מעל בימת בית־הכנסת הגדול במוסקבה. לפני שנתיים חזר הרב פופקא וביקר בברית־המועצות. הפעם ערך את הביקור ביחד עם רעייתו הרבנית. ואילו, למחרת חג־הפסח השתא יצאו שוב הרב ד"ר ב. א. פופקא ורעייתו לביקור בברית־המועצות. לאחר כל אחד מביקוריו פירסם רשמי־ ביקור בעשרות עתונים באמריקה ומחוצה לה. הוא לא נמנע מלומר דברי ביקורת, כשם שלא העלים תופעות חיוביות שנתקל בהן. לדעתו, אין השלטונות הסובייטים רוגזים על פירסום האמת בגלוי, גם כשזו לא לטובה לגבי רוסיה. הם אינם אוהבים את אלה המחניפים להם בפנים ומשמיצים בחשאי „מאחורי הגב". נכון, שהיו כאלה שאמרו לו שיש בכך משום „סכנת נפשות" אם הוא נוסע שוב לרוסיה לאחר כל מה שכתב ודיבר בתוך רוסיה עצמה ומחוצה לה, מודה הרב פופקא. אולם, לדבריו, בוערת בו איזו משיכה הקוראת לו לחזור שוב ושוב אל היהודים שברחבי ברית־המועצות. „אני לא יכול שלא לבקר אצלם ולא לדבר אליהם בריש גלי", הוא אומר בלהט, כשהוא עדיין משולהב כל־כולו מכל אשר עבר עליו בביקורו הנוכחי.

הוא מספר עובדות מרעידות על פגישותיו עם יהודים ברוסיה. בשלוש ערים ביקר הפעם: מוסקבה, לנינגראד וחרקוב. בשבת שלפני יום־העצמאות הישראלי וביום־העצמאות עצמו, היה במוסקבה. כאן עברו עליו החוויות הגדולות, כאשר ראה באיזו מידה מוסיפים יהודי מוסקבה להזדהות עם מדינת־ישראל. ואיך המדינה היא לגבם מקור של תקווה, של עידוד ושל גאווה־לאומית. אך, הוא ראה גם יהודים המופיעים בין אחיהם כ„שונאי ישראל" המשמיצים את המדינה ואשר רוצים להוכיח „נאמנות" למשטר יותר מאשר הגויים. המוני היהודים מכנים את היהודים הללו בכינוי־ הגנאי העתיק: „מלשינים", אם־כי יש ביניהם „פרנסים" וראשי־קהילה.

מספר הרב פופקא: נכנסנו לבית המדרש שליד בית־הכנסת הגדול במוסקבה. זה היה בין „מנחה" ל„מעריב". ארבעה־עשר יהודים ישבו מסביב לשולחן ולמדו גמרא. הם התפלפלו ביניהם וניכר היה כי כאן יושבים יהודים תלמידי־חכמים. עם הרב פופקא נכנס גם צלם־עתונות אמריקאי. הוא רצה לצלם את הלומדים. אבל, אחד מהם קם וקרא לחבריו להתרחק מן המקום. הוא זעק בקול קורע־לבבות: „מה, אתם רוצים להראות לעולם שברוסיה לומדים גמרא? אוי־ואבוי ארבעה־עשר יהודים לומדים גמרא בכל מוסקבה! את מי תרמו? אדרבא, ספרו לעולם כי הנכד שלי, של יהודי שלמד תורה בסלבודקה, עוד לא ראה גמרא ואינו יודע גמרא מהי!". היהודי הזה, מסביר הרב פופקא, כבר אינו מפחד מפני המלשינים. הוא כבר אין לו, כנראה, מה להפסיד. לכן, אמר את האמת בגלוי. אבל, בדרך כלל קשה מאוד לקשור שחיה־גלויית־לב עם יהודי ברוסיה. בכל מקום יש „אוזניים כאפרכסות"

וכעבור שעה קלה כבר יודעים „שם" מה שדיברו „פה". אבל, הרושם של האורח מביקורו השלישי הוא: מתרבה מספרם של אלה המדברים בגלוי וזה דבר חמור מאוד, כי זה מוכיח שהולך וגדל מספר היהודים המגיעים לכלל מסקנא שהמצב הוא כה רע עד שאין עוד מה להפסיד והם אינם יכולים לשתוק עוד.

מאידך, מספר הרב פופקא, יש הזדהות רבה עם היהדות בקרב בני הדור־הצעיר. ישבתי עם רעייתי הרבנית, הוא מספר, במלון „יברופה" („אירופה"), בלנינגראד. באחד האולמות בבית־המלון נערכה חתונה של זוג יהודי. שניהם סטודנטים. החתן בנו של רופא. הכלה בת של מהנדס. בני הזוג הם חברים פעילים ב„קומסומול". הופתעתי מעצם הדבר שהזמינו אותי להכנס כאורח לחתונה. אך מה רבתה השתוממותי כאשר החתן והכלה ביקשו ממני להשמיע להם דברים. היעלה כזאת על הדעת, מזמינים רב לברך זוג צעיר בלנינגראד? וכאשר קמתי ושאלתי אם לדבר רוסית או אידיש, פרצו קריאות בקהל: „בין יהודים יש לדבר אידיש"...

הרב פופקא נפרד מחוגגי החתונה רק לאחר שכל הקהל הרב שר יחד עמו: „עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה". אך כעבור שעה קלה נפגש עם ישישים אשר בכו לפניו וסיפרו כי אין עוד בית־עלמין יהודי בלנינגראד. היהודים פנו אל קומיסאר המחוז וביקשו להקצות חלקה לבית־עלמין. הוא ביקש להביא לו הוכחה מה„ביבלייה" שאסור לקבור יהודים ולא־יהודים בחלקה אחת, כפי שעושים עתה. היהודים נבוכו ולא השיבו דבר. „ומדוע לא הבאתם הוכחה מאברהם אבינו?" — שואל הרב פופקא. ואז פרץ אחד היהודים בבכי ואמר: „ככה זה, כאשר עומדים בפני הקומיסאר שוכחים את הדברים הפשוטים ביותר".

* * *

במסיבה שערך שגריר ישראל במוסקבה ביום־העצמאות הישראלי נפגש הרב ד"ר ברוך אהרן פופקא, לא רק עם האורח מישראל שר־העבודה יגאל אלון, כי־אם גם עם הסופר־המשורר אהרן ווערגעליס, עורכו של כתב־העת הספרותי „סובייטיש היימלאנד". בין הרב פופקא לבין ווערגעליס התפתחה שיחה ערה. „מדוע אתם מסתובבים כאן ברוסיה ואינכם מאפשרים לנו לפתח חיים יהודיים כרוחנו?" שאל ווערגעליס את הרב. האורח השיב כי הנסיון עד כה הראה שאין לסמוך כלל על פעילותו. „מה אתה עושה למען הדת היהודית ברוסיה?" — שאל הרב פופקא. „וכי מה חסר כאן לחיי הדת?" — התמם ווערגעליס. „הנה, יש הבטחה כבר מלפני כמה שנים שידפיסו סידורי־תפילה ועד עתה לא סודר הדבר" — היה הרב

פופקא מעשי בתשובתו. וכאן הפתיע ווערגעליס בהודעה: „אני מוכן להדפיס בדפוס של המערכת שלנו עשרים וחמשה אלף סידורי־תפילה אם הרב לווין יסכים לכך ויתן לנו שער יפה ומצוייר שיעורר כבוד. השערים שהופיעו בעבר בסידור־התפילה הם ממש חרפה". ומכיון שבמקום היה גם הרב לווין הרי קרא אותו הרב פופקא לפינה עם ווערגעליס וב„מעמד שלושתם" סוכם כי בית־הדפוס של ה„סובייטיש היימלאנד" ידפיס עשרים וחמשה אלף סידורי־תפילה.

במסיבה בבית השגריר הישראלי היו יהודים רבים. ביניהם איש־צבא יהודי שלחם במלחמת העולם השניה וזכה באחד העיטורים הגבוהים ביותר בברית־המועצות. באו יהודי מוסקבה הנכבדים, כמה מהם מגודלי זקן. יהודי ישיש הדובר עברית והקורא על־פה מאמרים ושירים של הסופרים העבריים המפורסמים. ולא נעדר מן המסיבה אפילו ר' ישראל נוח הישיש, השמש של בית־הכנסת הגדול במוסקבה, שמדי שבת מאזינים היהודים ברטט לאמירת ה„אחינו כל בית ישראל" שלו.

בשעה שבבית השגרירות נערכה המסיבה ליום־העצמאות של ישראל, נראו ממול לבית השגרירות מאות יהודים, בעיקר צעירים, שניצבו שם ועקבו בערגנות אחר הנכנסים. כמה מהם אף רצו להכנס, אבל שוטרים רוסיים ניצבו בשער ומנעו את הכניסה בפני מי שלא היתה בידו הזמנה רשמית. וההזמנות, חולקו לפי רשימה מדוייקת והגיעו רק לנכבדים. מפעם לפעם נאלצו השוטרים להרחיק קצת את היהודים הרבים שנדחקו לעבר בית השגרירות, שבו התהלכו אותה שעה עשרות החוגגים, ביניהם גם הארכימנדריט ניקודים, שהתגורר בירושלים כראש המשלחת הדתית הרוסית. הוא מדבר קצת עברית והוא בקי מאוד הן בחיים היהודיים והן בנעשה בישראל.

על פגישות, רוויות דמעות וכאב, עם יהודים בחרקוב, מספר הרב פופקא. בעיר אין רב ויש חיים יהודיים מצומצמים. אבל היהודים רוצים להיות יהודים. קרה מקרה שאב הגיש בקשה לצאת מרוסיה. כעבור כמה ימים הורחקה בתו, סטודנטית לרפואה שנה שלישית, מן האוניברסיטה. הפרופיסור קרא לה ואמר לה: „אין זה מתפקידנו להכין רופאים בשביל מדינת ישראל"...

ואף־על־פי־כן, מהבהבים חיים יהודיים בברית־המועצות, אומר הרב פופקא. „מתי הרב מתכונן לביקורו הבא?" אנו שואלים את הרב פופקא והוא משיב מיד: „וכי אפשר לא לנסוע? הרי הלב נקרע לשם".

בה"י !

יום שהוכפל בו כי טוב, כ אייר ה' תשכ"ו

שפע ברכה והצלחה !

לכבוד רועה עדרים ומפורסם בשערים וכו' וכו'

יו"ש ראש הסתדרות הרבנים דפיטסבורג רבתי, הרה"ג ד"ר ברוך אהרן שליט"א

ולכל המסתופפים בצלו הרם.

שלום וברכת ד' !

אחדשה"ט באה"ר כיאות .....

ראשית דבר הנני מאשר קבלת מכתבו מיום חמישי פ' צו אשתקד .
ומודה אני בכל לבי ונפשי בעד הברכות והאיחולים שהואיל כת"ר לשגר אלי .
ויסלח לי כת"ר על איחור תשובתי .
הטרדות כל כך מרובות שלא הי' לאל ידי לקרות את המכתב כהוגן.
ועתה כאשר קראתי מכתבו בשים לב, הנני בתשובתי .

והנה עד"ב הסדור, רצוני להודיע לכת"ר שבעזהשי"ת כבר גמרו כל ההכנות -
הנחוצות להדפסת הסדור, וכעת אנו עסוקים בהתחלת הדפסתו בבית הדפוס.
אנו מקוים בה"י , שבחדשים הקרובים יצאו הסדורים לאור .

ועל תמהתו של כת"ר, שהאנשים שאפו את המצות שהיו מוכרחים להרשם.
רצוני להודיע לכת"ר, שלא אמת ונכון הדבר, לא הי' שום חובת רשום לשום איש -
ממי שהי' עסוק באפית המצה .

שמחתי מאוד בקראתי שרצונכם להזמין אותי על הכינוס של הסתדרותכם,
שתתקיים בי"ה בחדש יוני השתא, תשואות חן לכבית בעד זה .
ברם ! מה קשה להוציא את הדבר מן הכח אל הפועל, אפשרתי דחוקה לדאבוני הרב.
השנים תובעות את שלהן ואין בי כח לנסוע הרחק אפילו במרחב ארצי שאני גר בה.
ובפרט הרחק ממקום מגורי, חבל וחבל !
בטח, שכינוסכם תביא פרי לשפר והגנת השלום בעולם,
שישרה שלום גמור, אהבה ואחוה בין בני אדם, (בין מין האנושי !)

בברכה המשולשת,
ובכל מידי דמיטב עם ב"ב וכל עדתו !

בהוקרה רבה

יה"ל בהרא"ש ז"ל לוין

רבה ור"מ דמוסקבה .

ב"ב !
מסרתי פ"ש להי' יהושע העשל נ"י וגם ממנו הנני שולח היום .

יהודא ליב בהרה"ג
אלי' שמואל ז"ל
ל ו י ן
רבה ור"מ דמוסקבה.

בס"ד !

יום ,,שהוכפל בו כי טוב''
לסדר ,,וימלא כבוד ד' את כל הארץ,, י"ט סיון תשכ"ו פה מוסקבה.

לרומעכת"ה מנהיגי וקברניטי היהדות החרדית בארצות הברית,
חברי הכינוס של הסתדרות הרבנים באמריקא יצ"ו .

אפוף שמחה וגאון לב אנכי,
בעד שמצאתם צורך להודיעני על אודות כינוסכם הרם, העומד להפתח בעזהשי"ת -
ב ט' תמוז אשתרא, ותשואות חן מעמקא דלבא בעד זה .

ברם, מה גדול דאבוני, על שנטול - אפשרות אנכי לגשם ענין זה,
להתכבד בהזמנתכם הכבודה, כי לא ימי בחרות מלוים אותי היום... .

ובהזדמנות זו, הרשוני נא רומעכת"ה, להביע לפני כינוסכם הרם,
את מיטב איחולי' וברכתי הנאמנה, הנובעת מקרב לבי ונפשי .

,, יברככם ה' הטוב, בכל מעשי ידיכם, במפעלכם הנשגב והקדוש''
....

ואני תפלה לאבינו שבשמים,

שיפרוש את סוכת שלומו על כינוסכם הרם, וכן על כל ארצות התבל,
שישרה שלום גמור אהבה ואחוה, בין איש לרעהו, בין עם לעם, בין מין האנושי
ויקוים מאמר הנביא !
,, וכתתו חרבותם לאתים, וחניתותיהם למזמרות,
לא ישא גוי אל גוי חרב, ולא ילמדו עוד מלחמה. ,,
ועיניבו תחזינה במהרה בהרמת קרן התורה והמצוה. אמן כן יהי רצון .
,, הצלחה רבה, ------------------- לעבודה פוריה ! ,,
....

ברגשי כבוד גמור .

יהודא ליב בהרא"ש ז"ל לוין

יה"ל בהרא"ש ז"ל לוין .

בע"ה

יום ה' לסדר" ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך" התשכ"ז

שוכן מעונים ישלח ברכתו ממרומים, להאי גברא רבא דאומתיה,

איש האשכולות, הרב הגאון ידיד השם וידיד עמו

מהר/ברוך אהרן פופקא שליט"א

הרב הראשי דעיר פיצבורג באמריקא יצ"ו

אחרי דרישת שלומו הטוב באהבה רבה כיאות!

הנני להודיעו כי את מכתבו קבלתי והנני כתשובתי כי הסדור נמצא בדפוס ומקווים אנו שבקרוב יצא מן הדפוס, מפני רוב העבודה בבתי הדפוס לרגל חג היובל של חמישים שנה נתאחר מעט בגמר דפיסתו.

ושוב באנו לידי סיום השנה, בהזדמנות זו לרגל השנת החדשה שנת התשכ"ח הבאה עלינו לטובה,

הנני מתכבד לשלוח את מיטב איחולי לבבי, משמי ובשם אנשי קהלתי לרום מעלת כבודו הרם, ולבני ביתו, ולכל בני עדתו יצ"ו.

יהי רצון שנתברך בשנה פוריה רבת ההצלחה, לכם, לנו ולכל העולם. שנת חיי תורה; שנת חיים ושלום, שנת ברכה והצלחה, שנת חיי נועם, שנת השקט ובטח, שנת שלום ושלוה, בין העמים בכל ארצות תבל, שנת מילוי משאלות לבנו לטובה, ושנזכה שיפרוש מי ששמו שלום את סוכת שלומו עלינו ועל כל שוכני ארץ ומלואה.

הכותב וחותם ומאחל מקרב לב ונפש

יהודא ליב בהרא"ש ז"ל

ל ו י ן

רבה של מוסקבה.

The Ferlag Einikeit Publication Committee
acknowledges with gratitude the benefaction of the
philanthropist and humanitarian

DR. I. H. STEIN

whose generosity made possible the
publication of this volume

Bernard A. Poupko

IN THE SHADOW OF THE KREMLIN

A personal report on Soviet Jewry

IN THE SHADOW OF THE KREMLIN was originally written as a series of articles for North American, Israeli, West European, South African and Australian newspapers.

Published by

Ferlag Einikeit, Inc.

New York 1968

Copyright 1968 *by:*

RABBI DR. BERNARD A. POUPKO

2523 Beechwood Blvd.

Pittsburgh, Pa. 15217

Printed in the United States of America

BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.